STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07229

DER REGNBOYGN

Wanda Wasilewska

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואַנדאַ וואַשיליעווסקאַ

דער רעגנבויגן

אידיש: נ. בוכוואַלד

פאַרלאַג צוקונפט

בוענאָס איירעס
1944

וואַנדאַ וואַסיליעווסקאַ

✱

וואַנדאַ וואַסיליעווסקאַ איז ניט קיין פּאָנעם באַדאָשעם אין דער ליטעראַטור. זי איז עס אַוואַדע ניט אין דער פּוילישער ליטעראַטור, וועמען זי האָט צוגעשטייער געגעבן אַ גאַנצע ריי וויבּרירנדיקע מיט לעבּעדיקן אָטעם און מענטשלעך בלוט פּולסירנדיקע ווערק.

אַ טאָכטער פונעם פּוילישן סאָציאַליסט און פּראָפעסאָר לעאָן וואַסיליעווסקי, איז זי געבוירן אין קראָקע, וואו זי האָט זייער יונג געענדיקט דעם דאָרטיקן אוניווערזיטעט. זי הויבט גלייך אָן צו אַרבעטן אַלס לערערקע, און פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער דערציערישער אַרבעט, הויבט זיך אָן איר זשורנאַליסטישע און שרייבערישע קאַריערע. אין אירע שריפטן איז אָפּגעשטעמפּלט דער דאַלעס, די נויט און דער פּיין פונעם פּוילישן פּאָלק וואָס איר איז אויסגעקומען צוצוזען און מיטצופילן. די אַכזאָריעס פונעם פּאָרעץ און דער פּיין פונעם פּויער. אירע ביכער זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון יענער עפּאָכע: „דאָס פּאָטערלאַנד", „דער יאָך" א.אַנד.

אין 1939, ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט פּוילן, איז וו. וואַסיליעווסקאַ אַנטלאָפן. איר איז אויסגעקומען צו בלאָנדזשען צווישן וועלדער און זומפּן, ביז זי האָט דערגרייכט דעם סאָוועטישן גרענעץ. די דאָזיקע איבערלעבונג אירע איז געטריי געשילדערט אינעם בוך: „די פלאַמען אין זומפּ".

בעמעשעך פון דער איצטיקער מילכאָמע האָט וו. וואַסיליעווסקאַ ניט אויפגעהערט אַף קיין איין רעגע איר קאַמף קעגן די באַצווינגער פון איר פּאָלק. איר וואָרט איז שטענדיק געווען אַפן פּלאַץ, אַ פּלאַמיקס און אַ מוטיקס. ווען די ווייסרוסישע און אוקראַינער ראַיאָנען האָבן זיך אָנגעשלאָסן צום ראַטנפאַרבאַנד, איז זי אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ דעפּוטאַט צום העכסטן ראַט פון לעמבערגער ראַיאָן. אויסגעקליבן געוואָרן פאַר פּאָרזיצער פונעם פּוילישן פּאַטריאָטישן קאָמיטעט, האָט זי, סיי אַלס רעדאַקטאָר פון „וואָלנאַ פּאָלסקאַ" סיי רעדאַגירנדיק די אוקראַינישע פּראַנט צייטונג „זאַ ראַדינסקו" — אַף אַ מינוט נישט איבערגעריסן איר פילפּאַכיקע טעטיקייט.

איצט איז וו. וואַסיליעווסקאַ באַשטימט געוואָרן פאַרן ראַנג פון קאָראָנעל פון דער רויטער אַרמיי און באַערט געוואָרן מיט דער אויסצייכענונג פון דער „רויטער פאָן". צוזאַמען מיט איר מאַן, אַלעקסאַנדער קאָרנעיטשוק, פאַרנעמט זי אַן ערשטראַנגיקן אָרט, סיי אין דער קאַמפּס-ליניע, סיי אין די העכסטע פּאָליטישע ספערן. איר ראָמאַן „דער רעגנבויגן", וועלכער האָט באַקומען די סטאַלין פּרעמיע פאַר ליטעראַטור, איז זיך צעגאַנגען, בלויז אין די ערשטע פאָר באַדאָשים פון זיין דערשיינען, אין אַריבער אַ האַלבן מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

קאַפּיטל איינס

איין וועג האָט זיך געצויגן פון מיירעוו צו מיזרעך, אַ צווייטער — פון צאָפן צו דאָרעם. דאָרט וואו זיי האָבן זיך איבערגעקרייצט, אַף אַ ניט־הויכן בערגל, האָט זיך אויסגעטיילט דאָס דאָרף. רייען כאַטעס האָבן זיך נידעריק צוגעזעצט באַ די זייטן פון ביידע וועגן, שאַפנדיק אַ מין קרייץ. אין מיטן, אַף דעם קליינעם דאָרף־פּלאַץ, האָט אַרויסגעשטעקט דער גלאָקן-טורעמל פון דער קירך. אונטן, צופוסנס דעם בערגל, האָט זיך איבער דעם אויסגעשווענקטן טאָלעכל געשלענגלט אַ טייכל, באַדעקט מיט אייז און שניי. בלויז דאָ און דאָרט איז זיין בלויע פלאַך געווען דורכגעבראָכן און אין די דורכגעבראָכענע ערטער האָט זיך געשוואַרצט אַ לעבעדיקע כוואַליע.

פון אַ כאַטע איז אַרויס אַ פרוי מיט עמער. זיי האָבן זיך געהוידעט אַף דער קאָראָמיסלע צום טאַקט פון אירע לאַנגזאַמע טריט. די פרוי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון בערגל, טרעטנדיק פאָרזיכטיק איבער דעם גליטשיקן שטעגל. זי האָט געפינטלט מיט די אויגן אַנטקעגן די זון. די זון האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די שנייאיקע הורבעס און געבלענדט מיט אירע העלע, שאַרפע שטראַלן.

אָט איז די פרוי אַרונטערגעקומען. זי האָט אַוועקגעשטעלט די עמער באַ אַ פּאָלאָנקע און זיך אַרומגעקוקט, מען האָט קיינעם ניט געזען. די כאַטעס זיינען געשטאַנען שטילע ווי פאַרזונקען אין אַ שנייאיקער פערינע. די פרוי איז געבליבן שטיין אַ מינוט און אַוועקשטעלנדיק די עמער אַפן

אייז, האָט זי זיך פּאַמעלעך גענומען באַוועגן לענגאויס דעם ברעג און אומרואיק צוריקגעקוקט צום דאָרף אויבן.

דאָס טייכל האָט פאַרקירעוועט אַן א זייט, אין א טיפערן טאָל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט קוסטעס. די צווייגלעך האָבן קוים אַרויסגע־שטעקט פון אונטער דעם דיקן שנייאיקן צודעק. דורך דער געדיכטער פאַרוואַקסעניש האָט זיך געצויגן א שמאָלינקע סטעזשקע, קוים צו באַ־מערקן. אַהין האָט די פרוי פאַרקירעוועט. אַרום האָבן געשאַרכט די מיט־אייז־באַדעקטע קוסטעס. זי האָט מיט מאַטערניש זיך באַוועגט פאָרויס. די אויבערשטע צווייגלעך האָבן זי געפּאַטשט איבערן פּנים, און זי האָט זיי אָוועקגעשטופּט מיט דער האַנט, — שאַרפע, שטעכיקע, באַדעקט מיט אַן אייזיקער קאָרע אונטער א שיכט פוכיקן שניי.

די סטעזשקע האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעריסן. די פרוי האָט זיך אָפּגע־שטעלט און מיט טויטע, גלעזערנע אויגן א קוק געטאָן פאָרויס.

דאָ און דאָרט אונטערן שניי האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט אומבאַ־שטימטע, טונקעלע פאָרמען. פון א שפּאַלט אין דעם באָדן האָט זיך אַרויסגעזען א הורבע שמאַטעס. שטיקלעך מעטאַל, בראַכוואַרג פון פאַר־זשאַווערטן אייזן, האָבן ווי פליאַמעס אויסגעבראָכן אויף דעם בלויען שניי.

זי האָט געמאַכט נאָך צוויי טריט און האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. ער איז געלעגן א פאַרשטייפטער, אויסגעצויגן ווי א סטרונע. און דאָך האָט ער אויסגעזען קלענער, אַסאַך קלענער ווי באַם לעבן. דאָס פּנים — ווי אויסגעשניצט פון שוואַרצן האָלץ. זי האָט מיט די אויגן געפירט איבער אָט־דעם פּנים, וואָס איז איר געווען באַקאַנט ביזן לעצטן שטריכעלע, און האָט דאָך אויסגעזען פרעמד. די ליפּן זיינען פאַרגליווערט געוואָרן, די נאָז פאַרשפּיצט, די אויגן־דעקלעך צוגעפּאַלן צו די אויגן. א שטיינערנע רואיקייט איז געלעגן אויף יענעם פּנים. בא דער זייט, באַם סאַמע שלייף, איז געווען א קיילעכדיקע לאָך. בא די ראַנדן פון דער לאָך איז געווען פאַרגליווערט בלוט, אומנאַטירלעך העל־רויט. א בלוטיקער צייכן אויף שוואַרצן.

ער איז, ווייזט אויס, ניט מיט אַמאָל געשטאָרבן פון אָט־דער וואונד. ווייזט אויס, אַז ער האָט נאָך געלעבט, ווען מען האָט אים אַראָפּגעשלעפּט

דאָס אָנטאָן. ער האָט נאָך געלעבט, אָדער ער איז נאָך געווען וואַרעם. דאָס האָט ניט דער טויט, נאָר די הענט פון אַ רויבער אים אויסגעגלייכט די פיס און אויסגעצויגן די אָרעמס לענגויס דעם קערפּער. אין דעם טאָג פון דער שלאַכט אין יענעם טאָג, ווען ער איז אומגעקומען, איז אויך געווען אַ קנאַקעדיקער פראָסט, וואָס האָט גלייך געפאַנגען די געהאַרגעטע אין זיינע קלאַמערן און פאַרוואַנדלט זייערע קערפּערס אין שטיין. פון אַ טויטן וואָלטן זיי, דאַכט זיך, גאָרניט געדאַרפט אַראָפּשלעפּן. זיי האָבן אים אָבער באַראַבעוועט ביזן לעצטן, געלאָזט בלויז דאָס רעקל און אַראָפּגעריסן דעם שינעל, אַראָפּגעשלעפּט די שטיוול, די הויזן, אפילע די פאַרטיאַנקעס. די בלויע אונטערהויזן זיינען אַזוי ווי אַריינגעוואַקסן אין לייב. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען געווען אָנגעצייכנט מיט בלויער פאַרב אַף האַלץ, און עס איז אומעגלעך געווען צו אונטערשיידן צווישן דעם שטאָף און דער הויט. די נאַקעטע פוסטריט, אין קאָנטראַסט צום פולשטענדיק שוואַרצן פּאָנעם, זיינען געווען ווייס מיט אַן אומענטשלעכער, געקאַלכטער ווייסקייט. איין פוס האָט געפּלאַצט פון פראָסט, און דאָס טויטע פלייש האָט זיך אָפּגעטיילט, ווי אַ פאַדעשווע, און אַנטפּלעקט דעם נאַקעטן ביין.

די פרוי האָט פאַרזיכטיק אויסגעצויגן די האַנט, זיך צוגערירט צום טויטן אָקסל, דערשפּירט דאָס גראָבע געוואַנט פון דעם רעקל און אונטער דעם — די אומבאַוועגלעכקייט פון שטיין.

— זונעניו...

זי האָט ניט געוויינט. אירע טרוקענע אויגן האָבן געקוקט, געזען, איינגעזאַפּט אין זיך אַלץ. אי דאָס פּאָנעם פון איר זון, שוואַרץ ווי אייזן; אי די קיילעכיקע לאָך אַפן שלייף; אי די געפּלאַצטע פוס; אי דאָס איינציקע, וואָס האָט דערציילט וועגן די יעסורים פון טויט, — די אויסגעבויגענע, פון קאָנוואַלסיע צונויפגעדרייטע פינגער, ווי די נעגל פון אַ כאַיע, אַריינגעביסן אין שניי.

די פרוי האָט צאַרט אָפּגעפּראָשעט פון די טונקעלע, אַף צוריק פאַר־וואָרפענע האָר דעם שניי, וואָס דער ווינט האָט אָנגעטראָגן. איין טונקעלע פּאַסמע איז געלעגן אַפן שטערן.

דער רעגנבויגן

זי האָט מוירע געהאַט זיך צוצורירן צו איר — די האָר זיינען צוגע־פאַלן צו דער וואונד, אריינגעוואַקסן אין איר, אַרומגעקלעפּט מיט בלוט.

שטענדיק, יעדן מאָל, ווען זי איז אַהערגעקומען, האָט זיך איר געוואָלט צוריקשאַרן אַט־די פּאַסמע האָר. נאָר זי האָט מוירע געהאַט זיך צוצורירן צו איר, מוירע געהאַט אַ שאָר טאָן די האָר, גלייך ווי דאָס האָט דעם טויטן געקענט פאַרשאַפן ווייטיק, צערודערן זיין וואונד.

— זונעניו...

אומבאַוואוסטזיניק האָט זי מיט די טרוקענע ליפּן געשעפּטשעט אַט־דאָס איין־איינציקע וואָרט, גלייך ווי ער וואָלט דאָס געקענט הערן. גלייך ווי ער וואָלט געקענט אויפהויבן די שווערע, שוואַרץ־געוואָרענע אויגן־דעקלעך און אַ קוק טאָן מיט ליבע, גרויע אויגן.

די פרוי איז פאַרגליווערט געוואָרן אין איר אומבאַוועגלעכקייט, מיט די אויגן צוגעזאָמטן צום שוואַרצן פּאָנעם. זי האָט ניט געשפּירט דעם פראָסט, ניט געשפּירט דעם גליווער אין די קני. זי האָט געקוקט.

פון אַ בוים, וואָס האָט איינזאַם געשטעקט איבערן טאָל, האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואָראָנע. זי האָט שווער אַ פּאָכע געטאָן מיט די פליגל, געמאַכט אַ קרייז און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ הורבע שמאַטעס אונטער אַ קוסט. זי האָט אָנגעבויגן דאָס קעפּל און זיך איינגעקוקט. ברוינע פלעקן בלוט האָבן דורכגעזאַפּט דאָס געוואַנט, וואָס איז געווען דורכגעשאָסן פון קוילן. די וואָראָנע איז אַ ווײַלע געבליבן באַוועגלאָז, גלייך ווי זי וואָלט זיך מעיאַשעוו געווען. דערנאָך האָט זי אַ פּיק געטאָן מיטן שנאָבל. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ. דער פראָסט האָט זיין אַרבעט אָפּגעטאָן. אַלץ וואָס איז דאָ געבליבן צוריק מיט אַ כוידעש, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיין.

די פרוי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער טויטער אומבאַוועגלעכקייט.

— קיש! — האָט זי אָפּגעטריבן די וואָראָנע.

די וואָראָנע האָט זיך שווער אויפגעהויבן און זיך ווידער אַראָפּגע־לאָזט מיט עטלעכע שפּאַן ווייטער אויף אַ מענטשלעכער פיגור, באַדעקט מיט שניי.

— קיש!

װאַנדאַ װאַשילעװסקאַ

די פרױ האָט אױפגעהױבן אַ פאַרפרױרן שטיקל שנײ און עס אַ װאָרף געטאָן אַפן פױגל. די װאָראָנע איז אונטערגעשפרונגען און איז פױל אַריבערגעפלױגן אַף איר פריערדיקן אָרט, אַפן בױם. די פרױ האָט זיך אױפגעהױבן פון די קני, אַ זיפץ געטאָן אַפן זון און פאַרקירעװעט צו דער סטעזשקע.

זי האָט זיך אײנגעבױגן איבער דער פּאָלאָנקע, אָנגעשעפּט װאַסער און לאַנגזאַם געגומען אַרױפגײן, זיך אײנבױגנדיק אונטער דער לאַסט פון די פולע עמער. די זון האָט זיך שױן אױפגעהױבן העכער, אָבער דער פראָסט איז ניט געװאָרן קלענער. דער שנײ איז געװען בלױ, אָדער אירע אױגן זײנען פאַרסאַמט פון דער בלױקײט פון דעם שטאָף, װאָס איז אײנגעפרױרן אין די אומבאַװעגלעך אױסגעצױגענע, קאַלך־װײסע, שרעקלעכע פּיס פון איר זון.

בײַ דער כאַטע האָט זיך געטאָפּטשעט אַ פאַרפרױרענער װעכטער. ער איז איבערגעטראָטן פון אײן פוס אַף דער צװײטער, געצוקט מיט די אַקסל, געשטעקט די הענט אונטער די פּאַכװעס, געריבן די באַקן מיט די פאַרשטײנערטע פינגער. דער קנאַקעדיקער פראָסט האָט אומדערבאַרעמדיק דורכגענומען זײנע ניט איבעריק־גוטע שטיװל, זײן זומערדיקן גרינלעכן שינעל, געביסן זײנע פינגער און געצופּט די אױגן. דער װעכטער האָט שאַרף באַטראַכט די פרױ, כאָטש ער האָט זי שױן לאַנג געקענט, פון דעם ערשטן טאָג אָן, װען זײן אָפּטײל האָט פאַרנומען דאָס דאָרף. זי איז פאַרבײגעגאַנגען, גלײך װי זי װאָלט אים ניט געזען. די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן, אַ װאָלקן פּאַרע האָט זיך אַרײנגעריסן אין פירהױז.

— װאָס אַזױ לאַנג? מען קען זיך אַף אײך גאָרניט דערװאַרטן!

זי האָט ניט געענטפערט, פאַרביסן די ליפּן, איז צוגעגאַנגען צום אױװן און האָט צוגעגאָסן װאַסער אין טעפּל װאָס איז געשטאַנען בײַם פײער. זי האָט אַ װאָרף געטאָן עטלעכע שײטלעך האָלץ אַף די קוים־טליענדיקע קױלן.

— גיסט אַרײַן װאַסער אין גלאָז, איך װיל אַ טרונק.

— דאָס װאַסער איז אין עמער. גײ נעם, האָט די פרױ געענטפערט טרוקן.

דער רעגנבויגן

יענע האָט מיט קאַס זיך אַ צאַפּל געטאָן אונטער דער קאָלדרע.

— וואַרט, מיין מאַן וועט קומען, וועל איך אים דערציילן!

די פרוי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס. איר מאַן, ס׳רעדט זיך אַזוי...

זי האָט אַן איילעניש געלייגט טרוקן האָלץ אין אויוון אַריין. יאָ, יאָ, אַזוי איז ווייזט אויס באַשערט. אין דאָרף זיינען דאָ דריי הונדערט הויפן און פון יעדן איז עמעצער אַוועק אַף דער מילכאָמע. אָבער נאָר איר זון ליגט דאָרט באַם טייכל, און שוין אַ כוידעש אַז מען לאָזט אים ניט באַגראָבן. אַ גאַנצן כוידעש ליגט ער אין שניי, און דער פראָסט פאַר־וואַנדלט זיין פּאָנעם אין שוואַרצן אייז און צעפּלאַצט זיינע פּיס, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ בוים, און מאַכט זיינע פינגער בלוי. דאָרט ליגן אויך אַנדערע, אויך אייגענע, אָבער פאַרט ניט קיין זין, קיין ברידער, קיין מאַנען, קיינער פון די היגע. נאָר ער איינער. נאָר אים איז באַשערט געווען צו פאַלן אָט דאָ, באַם אייגענעם דאָרף, צוויי הונדערט שפּאַן פון דער איינגענער כאַטקע. נאָר איר איז באַשערט צוצוקוקן ווי איבער דעם ניט באַגראָבענעם קערפּער פון איר זון דרייען זיך הונגעריקע וואָראָנעס. און גראָד באַ איר, ווי אַף צו לעהאַכעס, ווי אַף כוויזעק, האָט דער דייטשי־שער אָפיציר פאַרנומען די שטוב פאַר זיין געליבטער. און וואָלט כאָטש די געליבטע געווען אַ דייטשקע, געבראַכט פון ווייטע ערטער, אַ פרעמדע, מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, פּונקט אַזאַ פּיינטלעכע און פאַר־האַסטע, ווי אָט די אַלע אין די גרינע שינעלן. איז ניין. עס דאַרף פּאַסירן, אַז אָט די־אָ זאָל זיין אַ היגע, אַ פאַרקויפטע, וואָס האָט פאַר זיידענע זאָקן און פראַנצויזישן וויין פאַראַטן דאָס פאָטערלאַנד, די קרוויווים, דעם אייגענעם מאַן דעם קאָמאַנדיר, די אַלע וואָס ליגן דאָרט דערהאַרגעטע אין טאָל. די קישקעס קערן זיך איבער אין בויך און אַ שרעקלעכער עקל פּילט אָן דאָס האַרץ באַם סאַמע געדאַנק, אַז אַזאַ־אַ האָט געפונען אַ היים אונטער אָט דעם דאַך, וואַלגערט זיך אַף דער פּערינע און קאָמאַנדעוועט גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ פאַרעצטע. ניין, זי שעמט זיך ניט, זי גייט ניט אַרום מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן, זי ווערט ניט רויט ווען זי טרעפט

זיך מיט מענטשן. זי גייט ארום א צופרידענע, א פרעכע און פאָדערט מען זאָל זי באַדינען.

—ווארט, ווארט, — האָט די פרוי געמורמלט צום פאנאנדערגע־פלאַקערטן פייער, ניט שענקענדיק קיין אויפמערקזאמקייט צו דער זידלעריי, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון שטוב, — וועסט אריינקריגן, אוי וועסטו אריינקריגן! וועסט אזוי אריינקריגן, אז ס'וועט דיר הונדערט מאָל באנג טאָן, וואָס דו ביסט געבוירן געוואָרן אף דער וועלט.

זי האָט זיך ניט אומגעקוקט, ווען זי האָט אין פירהויז דערהערט שווערע שנעלע טריט. זי האָט געוואוסט ווער עס קומט. און בלויז איר פּאָנעם איז פארגליווערט געוואָרן אין א שטיינערנער אומבאוועגלעכקייט.

דער אָפיציר איז אריין אין שטוב, ניט שענקענדיק קיין אויפמערק־זאמקייט צו דער פרוי, וואָס האָט זיך געפּאָרעט באַם אויוון.

— וואָס, דו שלאָפסט נאָך?

יענע האָט קאפריזנע אָנגעבלאָזן די ליפּן.

— און צו וואָס אויפשטיין? דו ביסט ניטאָ און ניטאָ... ס'איז לאנגווייליק... דו גייסט זיך ארום, און איך בין דאָ מיט אָט דער מיעסער באָבע... וועסט זען, זי וועט מיך נאָך פארסאמען...

ער האָט זיך צוגעזעצט אפן עק בעט.

— נארעלע... דו ביסט דאָ די באלעבאסטע, פארשטייסט? נו, פארוואָס זאָל דיר זיין לאנגווייליק? שטעל אָן דעם פּאטעפאָן — האָסט דאָך אזוי פיל פּלאסטינקעס, לייען עפּעס. איך פארברענג דאָך מיט דיר יעדע פרייע מינוט. נאָר ס'איז מילכאָמע... אַלע ווײַלע פּאסירט עפּעס נייס.

זי האָט א זיפץ געטאָן.

— מילכאָמע, נאָר מילכאָמע... דו וואָלסט שוין געמעגט נעמען אורלויב און מיך אוועקנעמען פון דאנען.

דער אָפיציר האָט א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— נארעלע. איצט איז ניט די צייט פאר אורלויב. און דיך אליין אוועקשיקן קיין דייטשלאנד, איז — וואָס וועסטו דאָרט טאָן? שוין בעסער צוזאמען.

זי האָט ניט געענטפערט. זי האָט זיך פּאמעלעך אויפגעהויבן און

אויסגעשטרעקט די האַנט צום אונטערוועש אויפֿן שטול. ער האָט זיך אַריבערגעזעצט אויפֿן דער באַנק און געקוקט אויף איר. יאָ, זי געפֿעלט אים. אַנדערש וואָלט ער זי ניט אַרומגעשלעפּט מיט זיך גאַנצע דריי כאַדאָשים. זי איז אַן אַנדערע, גאָר אַן אַנדערע, ווי די פּרויען, צו וועלכע ער איז געוואוינט, און אַנדערש ווי די פּרויען, וואָס ער האָט דאָ געטראָפֿן.

— אָ, יאָ. הער נאָר פּוסיאַ, עמעצער האָט מיר געזאָגט, אַז די היגע לערערן איז דיין שוועסטער?

די האַנט מיטן זאָק איז געבליבן הענגען אין דער לופֿטן. פּוסיאַ האָט צוגעבויגן דעם קאָפּ צום אַקסל מיט דער גראַציע פֿון אַ קראַנקער מאַלפּע. יאָ, אָט דאָס געפֿעלט אים אין איר: אַ ציטערדיק קליין כאַיעלע.

מיט אַ קינדישער האַנט האָט זי אָוועקגעשאַרט די האָר אַריבערן אויער. די אויערן אירע זיינען אויך קאָמיש — קליינינקע, דריי־עקיקע, ווי די אויערן בײַ אַ כאַיעלע. און די ציין אויך דריי־עקיקע. ערשט איצט, נאָך דריי כאַדאָשים באַקאַנטשאַפֿט, האָט ער דאָס באַמערקט. איצט האָט זי מיט זיי פֿאַרביסן די בלייכע ליפּ.

— נו, איז וואָס?

זי האָט נאָכאַמאָל אָוועקגעשאַרט די האָר.

עס האָבן אַ גלאַנץ געטאָן אירע דריי עקיקע נעגל, באַדעקט מיט רויטן לאַקיר, ווי די נעגעלעך פֿון אַ כאַיע, איינגעטונקען אין בלוט.

— נו, יאָ, מיין שוועסטער. איז וואָס?

— זי האָט אונדז ניט שטאַרק ליב דיין שוועסטער.

אין פּוסיאַס רונדע, שוואַרצע אויגן האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ פֿונק פֿון פֿאַרדאַכט.

— און זי... זי געפֿעלט דיר?

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הייזעריקן, קוואַקעדיקן געלעכטער.

— ניין! וואָס דיר קען איינפֿאַלן! איך האָב ניט ליב קיין דיקע בלאָנדינקעס. די פֿיס זיינען בײַ איר גראָבע, ווי... — ער האָט געוואָלט זאָגן: „ווי בײַ מיין ווייב”, נאָר ער האָט זיך באַצייטנס פֿאַרהאַקט.

פּוסיאַ האָט מיט צופֿרידנקייט אַ קוק געטאָן אויף אירע קורצע אָבער שלאַנקע פֿיס.

— יאָ, ס׳איז עמעס, זי איז עטוואָס דיק...

— דו האָסט מיר קיינמאָל ניט געזאָגט אַז דו האָסט אַ שוועסטער.

— צו וואָס? זי האָט געוואוינט דאָ און איך — דאָרט. מיר האָבן זיך קימאַט קיינמאָל ניט באַגעגנט. זי איז גאָר אַן אַנדערע.

— וואָס פאַר אַן אַנדערע?

פוסיאַ האָט אַ פאַרטראַכטע אַוועקגעשאַרט די האָר הינטערן אויער. עס האָט אַ בליאַסק געטאָן דאָס גלעזל פון אויערינגל.

— זי לערנט מיט קינדער, זי אַרבעט און אַרבעט... און וואָס האָט זי דערפון? גאָרניט. און מיט אַלץ איז זי צופרידן. אַלץ געפעלט איר.

— מיט איין וואָרט, אַ באָלשעוויטשקע?

— ווער ווייסט זי... עפּשער אַ באָלשעוויטשקע, — האָט זי פויל געענטפערט און מיטאַמאָל ווידער געוואָרן אויפגערוימט.

— און צו וואָס פרעגסטו זיך נאָך אָף איר? זאָגסט, אַז זי געפעלט דיר ניט און האַלטסט אין איין אויספרעגן.

— איך פרעג גלאַט אַזוי. אויב איך אינטערעסיר זיך מיט איר, איז ניט ווי מיט אַ פרוי, מעגסט זיין זיכער, ניט ווי מיט אַ פרוי.

פוסיאַ האָט ניט באַמערקט די מאָדנע נאָטע אין זיין שטים. זי האָט פלייסיק אָנגעטאָן די זאָקן און אַרויפגעצויגן איבערן קאָפּ די זיידענע קאָמבינאַציע.

ער האָט פון קעשענע אַרויסגעצויגן אַ פּעקל.

— נו, פּיצעלע, איך בין אַריינגעפאַלן נאָר אָף אַ מינוט, דיר געבראַכט שאָקאָלאַד. מען דאַרף גיין. כ׳האָב היינט אַ מאַסע אַרבעט. פאַרנעם זיך מיט עפּעס ביזן אָוונט. איך וועל ניט קומען שפּעט.

זי האָט געמאַכט אַ גרימאַסע.

—אַליין, אַליין, אַ גאַנצן טאָג אַליין... ווען וועט שוין נעמען אַ סאָף צו דער מילכאָמע?

— ס׳וועט נעמען אַ סאָף.

— דיר איז גוט צו ריידן.

זי האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס קאָלירטע פּאַפּיר און האָט אַריינ־

געבראָכן אירע דריי־עקיקע ציין אין דעם שאָקאָלאַד, אין דער גאַנצער פּליטקע, ניט אָפּברעכנדיק קיין שטיקלעך.

— שטעל אָן דעם פּאַטעפאָן. עסן וועט מען דיר ברענגען, נו, אַף ווידערזען.

ער האָט זי נאָכלעסיק אַ קוש געטאָן און איז אַרויס. דער וועכטער האָט זיך נאָך אַלץ געטאָפּטשעט פאַר דער כאַטע, געפּרואווט דערוואַרעמען די פיס. ער האָט זיך אויסגעצויגן, ווען ער האָט דערזען דעם אָפיציר. יענער האָט זיך ניט אומגעקוקט און זיך פאַרקירעוועט צום דאָרף־פּלאַץ. דאָס גרויסע הויז, וואו עס האָט זיך פריער געפונען דער דאָרף־סאָוועט, איז געווען אָנגעפּילט מיט סאָלדאַטן און אונטעראָפיצירן, זיי האָבן זיך אויסגעצויגן און סאַלוטירט, אָבער ער האָט קוים געענטפערט.

אין צימער האָבן געשוועבט גרויסע וואָלקנס רויך.

דער אָפיציר האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר פון זיין צייטווייליקן קאַבינעט.

— ברענגט זי אריין.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט באַם טיש און אַ גענעץ געטאָן. ער איז מעקאַנע געווען פּוסיאַן, וואָס זי וואַלגערט זיך נאָך ביז איצט אין בעט, און ער האָט געמוזט אויפשטיין פאַרטאָג, און אַ גאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען מיט ניט פאַרענדיקטער אַרבעט.

סאָלדאַטן האָבן אַריינגעפירט אַ פרוי אין אַ דיקן פּעלצל און אַ טונקל קלייד. ער האָט אַף איר אַ קוק געטאָן מיט פאַראַכט.

— דאָס איז זי?

— יאָ, זי.

זי איז געשטאַנען שווער און אומגעשיקט באַם טיש. פון אונטערן שאַל האָבן אַרויסגעשטעקט אירע האָר, וואָס זיינען געווען גרוי בא די שלייפן. דאָס פּנים אירס איז געווען פּראָסט, גראָב געפורעמט. אַ געוויינלעך פּויעריש פּנים.

— פאַמיליע?

— קאָסטיוק, אָלענאַ.

ער האָט געדרייט אין די הענט אַ בליישטיפט און באַטראַכט די פרוי.

איינס פון דיביידע: אָדער די סאָלדאַטן האָבן געהאַט א טאַעס, אָדער — לויט אירע פּעסטע ליניעס אַפן פּאָנעם און לויט די אויגן, וואָס קוקן גלייך אַף אים, שטייט אים פאַר א לאַנגע, מיזאַמע אויספאַרשונג.

— דו ביסט געווען אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד?

זי האָט זיך ניט פאַרלאָרן, ניט דערשראָקן. ניט אראָפּנעמענדיק פון אים די אויגן האָט זי געענטפערט:

— איך בין געווען אין פאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

— אהאַ... אזוי, אזוי... אָט די אומדערוואַרט שנעלע באַשטעטיקונג האָט אים איבעראַשט. ער האָט מעכאַניש געצייכנט א געפּלעכט פון מע־שונעדיקע בלעטלעך אַף דעם שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז פאַר אים געלעגן.

— און צו וואָס ביסטו צוריקגעקומען אין דאָרף אריין? צוליב וואָס האָבן זיי דיך געשיקט אהער?

— קיינער האָט מיך ניט געשיקט. איך בין אליין געקומען.

— אזוי. אליין... און צו וואָס?

דעם מאָל האָט זי ניט געענטפערט. אירע טונקעלע אויגן האָבן געקוקט גלייך אין דעם דאַרן, ביינערדיקן פּאָנעם פון דעם אָפיציר, אין זיינע פאַרבלאָזע אויגן, באַזוימט מיט פאַרבלאָזע ברעמען.

— נו?

— זי האָט געשוויגן.

— ווי איז דאָס מעגלעך? געווען אין אָטריאַד און פּלוצעם קומסטו אהיים, אין דאָרף אריין. וואָס זשע, בא אייך איז גאָר ניטאָ קיין דיס־ציפּלין? בעסער דערציילן אליין צוליב וואָס מ׳האָט דיך געשיקט אהער.

— איך בין אליין געקומען. כ׳האָב מער ניט געקענט.

— ניט געקענט... אָבער פאַרוואָס? — האָט ער זיך פאַרינטערע־סירט. — די געשעפטן זיינען שלעכט אָוועק? מ׳האָט עפּשער דערשאָסן דעם קאָמאַנדיר באַם לעצטן אָנפאַל? דער אָטריאַד איז זיך צעפאַלן?

— וועגן אָטריאַד וויים איך גאָרניט. איך בין געקומען אהיים.

— אָבער פאַרוואָס אזוי פּלוצעם?

זי האָט קלאַנגלאָז געמאַכט מיט די ליפּן.

— האָסט זיך איבערצייגט, אז דאָס איז אלץ א פּוסטער כאַלעם, א

דער רעגנבויגן

פארברעכן, באנדיטיזם? האסט מער ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט זיי?
די פרוי האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין.
— ניין... איך האָב מער ניט געקאָנט.
— אָבער פאַרוואָס?
זי האָט קענטיק געמאַכט אַן אָנשטרענגונג. דערנאָך האָט זי געזאָגט גלייך אין די וואַסערדיקע, פינטלדיקע פאַרבלאָזענע אויגן:
— איך בין געקומען אַהיים אַף קימפּעט.
— וואָס?
— געקומען אַף קימפּעט.
— אַט וואָס...
ער האָט זיך צעלאַכט, און זי האָט אויפגעציטערט פון דעם קוואַקעדיקן הייזעריקן געלעכטער.
— ס'איז דיר קאַלט, וואָס? דאָ איז אָנגעהייצט און דו ביסט אָנגעפּודעט ווי אַף אַ פראָסט. נעם אַרונטער די שאַל!
זי האָט געפאָלגט און אַראָפּגעוואָרפן פון די פּלייצעס די שווערע, דיקע שאַל און זי אַוועקגעלייגט אַף דער באַנק.
— דעם ראָק נעם אַרונטער!
זי האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט און האָט אָפּגעשפּיליעט און אויסגעטאָן דעם פּעלצל. יאָ, ס'קען ניט זיין קיין ספק. דער לעצטער כוידעש פון שוואַנגערשאַפט. די פרוי האָט שווער געאָטעמט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איר איז שווער צו שטיין אַף די פיס, נאָר ער האָט אומיסטן געצויגן, געדרייט דעם בליישטיפט, אַלץ לאַנגזאַמער און געשטעלט פראַגעס, געוואַרט.
זי האָט גלייך געענטפערט אַף אַלץ, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט איר פערזענלעך. יאָ, פאַרהייראַט. דער מאַן איז אומגעקומען אין דער מילכאָמע. פריער, פאַר דער רעוואָלוציע האָט זי געאַרבעט אין די פּריצישע הויפן, געשניטן פּריצישע טוואָוע, געמאָלקן פּריצישע קי. נאָך דער רעוואָלוציע האָט זי געאַרבעט אין קאָלכאָז. אין פּאַרטיזאַנער אָטריאַד איז זי אַוועק, ווי נאָר יענער האָט זיך געגרינדעט. איר צושטאַנד האָט זי פון זיי באַהאַלטן. ווען ס'איז איר געוואָרן שווער צו באַוועגן זיך, ווען עס איז

געקומען די צייט פון האָבן דאָס קינד, איז זי צוריקגעקומען אין דאָרף אריין. האָט געוואָלט רואיק האָבן דאָס קינד.

— אזוי... רואיק האָבן דאָס קינד — האָט ער איר נאָכגעזאָגט. — דאָס האָסטו די לעצטע וואָך אויפגעריסן דעם בריק?

— איך.

— ווער האָט דיר געהאָלפן?

— קיינער ניט. דאָס האָב איך אַליין...

— ס'אַ ליגן. מיר ווייסן. בעסער זאָג באַלד אויס.

— קיינער ניט. איך אַליין.

— נו, גוט, און וואו איז דיין אָטריאַד?

זי האָט געשוויגן. אירע טונקעלע אויגן האָבן רואיק געקוקט דעם אָפיציר אין פּאָנעם אריין. ער האָט אַ זיפץ געטאָן. ס'הויבט זיך אָן די אַלטע געשיכטע. דאָס אַקשאָנעסדיקע שווייגן, די ענדלאָזע אויספאָרשונג, די אַלע מעגלעכע מיטלען און מעטאָדן און געוויינלעך — אַלץ אומזיסט. ער האָט געוואוסט, אַז אַ מענטש וועט אָדער באַלד אָנהויבן רעדן, אָדער מען וועט פון אים גאָרניט ארויסקריגן. דעם מאָל האָט ער זיך געלאָזט אָפּנאַרן פון די ערשטע ענטפערס. אָבער דער אויסערלעכער איינדרוק איז געווען ריכטיקער. די אַקשאָנעסדיקע ליניעס פון פּאָנעם, די זיכערע און פעסטע ליפּן. יאָ, וועגן זיך האָט זי גערעדט, וועגן זיך האָט זי אַלץ דערציילט. נאָר וועגן אַנדערע — קיין וואָרט.

— נו, פון וואַנען ביסטו געקומען אין דאָרף אריין?

זי האָט געשוויגן. ער האָט געזען, אַז זי איז טויט מיד. טראָפּנס שוויים זיינען איר ארויס אָפן שטערן, אין די גריבעלעך באַם נאָז. די קנייטשן לעבן די ליפּן זיינען געוואָרן טיפער, די אָרעמס זיינען מאַכטלאָז געהאַנגען לענגזויס דעם קערפּער.

— דו וועסט רעדן אָדער ניט?

ער האָט פּלוצעם דערפילט, אַז ער איז אַליין מיד. אָ, אַ שפּיי טאָן אָף די אַלע זאַכן און אַהיימגיין! אינטערעסאַנט צי פּוסיאַ איז ענדלעך אויפגעשטאַנען, אָדער זי האָט זיך באַנוצט מיט זיין אָפּוועזנהייט און איז ווידער אַרונטער אונטער דער קאָלדרע.

נאָר פּעלאַגעיאַ, אָדער פּוסיאַ, איז ניט געשלאָפן. זי האָט לאַנג אָנגעטאָן דאָס קלייד און זיך לאַנג געשפּיגלט. דערנאָך האָט זי אָנגעשטעלט דעם פּאַטעפאָן, נאָר דער באַקאַנטער מאָטיוו איז איר שנעל דערעסן. עס האָט זיך געוואָלט מיט עמעצן באַלאַקען, אָבער מיט וועמען?

פּוסיאַ איז אַרוים אין קיך, אָנגעשעפּט וואַסער פון עמער און זיך אָנגעטרונקען. פעאָדאָסיאַ קראַווטשוק איז געזעסן באַם אויוון אויף אַ נידעריק בענקעלע און געשיילט קאַרטאָפל. פּוסיאַ האָט זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק באַם פענצטער און געקוקט ווי צווישן די פינגער פון דער פרוי ציט זיך אַ שמאָלע לענגע קאַרטאָפל-שאָלעכץ, דרייט זיך צונויף און פאַלט אין קוישל אַריין.

— סאַראַ קליינע קאַרטאָפל, — האָט זי געזאָגט.

פעאָדאָסיאַ האָט גאָרניט געענטפערט.

— זיי זיינען דאָ שטענדיק אַזוינע קליינע?

די פרוי האָט געשוויגן.

— פאַרוואָס ענטפערט איר מיר גאָרניט?

די פרוי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט אַרויפגעקוקט. זי האָט געקוקט שווייגנדיק, גלייכגילטיק, קאַלט. דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעבויגן דעם קאָפּ איבער איר אַרבעט.

— זעט נאָר ווי זי האָט דאָס אַ קוק געטאָן! וואָס איז, איך בין דען קיין מענטש ניט? אַ גאַנצן טאָג איז ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אַרויס-צורעדן. מען קען דאָך שטאַרבן!

זי האָט דערפילט אַ ראַכמאָנעס צו זיך אַליין; דערצו נאָך האָט זי געפילט איבלדיק און זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זי וואָלט באַדאַרפט געוועזן באַהאַלטן אַ שטיקל שאָקאָלאַד אויף שפּעטער. נאָר זי האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אויפגעגעסן אַלץ, וואָס קורט האָט איר געבראַכט.

אַ קאַרטאָפליע האָט אַ פליוכע געטאָן אין טאָפּ אַריין. די וואַסער האָט זיך צעגאָסן איבער דעם ליימענעם דיל.

— איך האָב אייך דאַכט זיך, קיין שלעכטס ניט געטאָן?

די גרויע אויגן האָבן זי באַקוקט מיט אַ שנעלן אויפמערקזאַמען בליק. קיין ענטפער האָט זי אָבער אַלץ ניט געקראָגן.

— איך זיץ און זיץ איינע אַליין... קורט לויפט אַריין אויף אַ מינוט און גייט ווידער אַוועק... ניטאָ מיט וועמען צו ריידן, מיט וועמען צו זיצן... און אין דרויסן איז אַ פראָסט. ניט מעגלעך אַרויסצוגיין. כ'וועל פון זינען אַראָפּ... נאָר דער פּאַטעפאָן און דער פּאַטעפאָן. איך קען דאָך שוין אַלץ אויף אויסנווייניק. און איר האָט ליב דעם פּאַטעפאָן?

זי האָט פּאַמעלעך צוגעפּגעדריקט די פויסטן, אַזוי אַז די שאַרפע נעגל האָבן זיך איינגעשניטן אין די דלאָניעס.

— פאַרוואָס ענטפערט איר מיר ניט? וואָס בין איך, אַן אַנגעשטעקטע, אַ זאַראַזע, צי וואָס?

פּעדאָסיאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— דו ביסט ערגער ווי אַ זאַראַזע, ערגער! און שטאַרבן וועסטו אויך ערגער, ווי מען שטאַרבט פון אַ זאַראַזע.

פוסיאַ איז פאַרגליווערט געוואָרן פון שטוינונג. דאָס מויל צעעפנט. אירע רונדע אויגן זיינען געוואָרן ברייטער. זי האָט ביכלאַל ניט דערוואַרט, אַז אָט די קראַווטשוק זאָל אָנהויבן ריידן און איבערייסן אָט די אומזיניקע שווייגעניש, וואָס ציט זיך שוין אַ גאַנצן כוידעש. און ווי אַזוי זי האָט זיך דאָס צערעדט! וואָס זאָל זי איצט טאָן? אָנהויבן שרייען, צוגיין און זי אָנפּאַטשן, זיך צעוויינען און אַוועק צו זיך אין צימער, אָנשטעלן די לוסטיקסטע, די טומלדיקסטע פּלאַסטינקע?

— וואָס האָט איר צו מיר? וואָס האָב איך אייך געזאָלט טאָן? פייגערן פון הונגער? וואַרטן? אויף וואָס וואַרטן? זיי וועלן דאָ בלייבן אויף שטענדיק! כ'האָב זיך דאָך געמוזט ווי עס איז איינאָרדענען... סעריאָזשע איז שוין מיסטאָמע לאַנג אומגעקומען. און קורט איז ניט קיין שלעכטער מענטש, און איך וויל דאָ מער ניט זיין, גענוג פאַר מיר! ער וועט מיך מיטנעמען קיין דרעזדען, דאָרט איז בעסער ווי דאָ. וואָס פאַר אַ לעבן האָב איך דאָ געהאַט? ניט קיין קליידער און ניט גאָרניט. וועגן יעדן פּאָר זאָקן האָב איך זיך געדאַרפט ברעכן דעם קאָפּ, טאָמער וועלן זיי זיך צערייסן, וואָס וועט זיין? עס איז גרינג צו קריגן אַנדערע?

— אַט־אַט. דאָס ביסטו אינגאַנצן... דאָס זאָג איך דאָך... זאָקן... דיין שוועסטער איז אַ לייט, אַלץ ווי ס'באַדאַרף צו זיין. און דו — זאָקן... ס'ווילט זיך דיר ניט אָנרופן מיטן ריכטיקן נאָמען... און דיין קורט וועט דיך אין ערגעץ ניט מיטנעמען. ער וועט דיך אַוועקוואַרפן, ווי מען וואַרפט אַוועק אַלע אַזוינע שלעפּערקעס. ער וועט דיך אַוועק־וואַרפן נאָך איידער ער וועט אַליין מוזן אַנטלויפן, און ער וועט מוזן! נישקאָשע, זיץ זיך דאָ רואיק, שלאָף מיטן דייטש אַף מיין פּערינע. איר וועט שוין דאָ לאַנג ניט בלייבן, ניט לאַנג! אונדזערע וועלן קומען, וועלן זיי דיר ווייזן וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט.

פּוסיאַ האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אַף דער באַנק. די רואיקע ווערטער האָבן זי געשמיסן ווי מיט אַ בייטש. מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פאַר רעציכע, האָט זי פון זיך אַרויסגעקוועטשט די ווערטער:

— וואַרט, וואַרט, איך וועל דערציילן קורטן פאַרוואָס איר זאַמט זיך אַזוי לאַנג, ווען איר גייט נאָך וואַסער. ווי נאָר ער וועט קומען, וועל איך אים דערציילן!

די פרוי איז אויפגעשפּרונגען. די אָפּגעשיילטע קאַרטאָפליע האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבערן דיל. דער מעסער איז געפאַלן מיט אַ קנאַק. זיך איינבויגנדיק אַף פאָרויס מיט אַ פאַרשטיינערטן פּאָנעם האָט זי זיך געלאָזט גיין גלייך צו פּוסיאַן. יענע איז בלייך געוואָרן פון שרעק, האָט אַריינגעצויגן די פיס אונטער זיך אַף דער באַנק און, אַזוי ווי אַף צו באַשיצן זיך, האָט זי אויפגעהויבן די הענט צו דער ברוסט.

— און פון וואַנען ווייסטו וואוהין איך גיי? פון וואַנען ווייסטו דאָס?

אָבער פּוסיאַ האָט זיך שוין דערמאָנט, אַז פון יענער זייט פענצטער גייט אַרום אַ וועכטער און ס'איז גענוג, אַז זי זאָל בלויז אַ געשריי טאָן. דאָס האָט זי באַרואיקט.

— אַך, דו...

פּעדאָסיאַ האָט אין זיך אונטערדריקט אַ פאַרלאַנג אָנצוכאַפּן פאַרן האַלדז, דערשטיקן און צעטרעטן אָט דאָס קליינע שוואַרצע באַשעפעניש, וואָס זעט אויס ווי אַ פאַרטייעטער ראַץ. עס האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון עקל באַם סאַמע געדאַנק, אַז זי וועט זיך דאַרפן צורירן צו אָט דעם

שלאבערדיקן קערפער, — דער עקל פון א געזונטן, נארמאלן מענטשן צו מיעסע, קראנקהאפטע זאכן. זי האט א שפיי געטאן, זיך צוריקגעקערט צו דעם בענקעלע באם אויוון און איילנדיק זיך גענומען צו די קארטאפל; פון אירע הענט האט זיך ווידער גענומען ציען א לענטע קארטאפל־שאלעכץ, די וואסער האט ווידער געפליוכעט אין טאפ און געשפריצט אפן דיל. און פוסיא, מיט דעם קאפ הויך אויפגעהויבן, איז אוועק אין שטוב אנ־שטעלן דעם פאטעפאן. זי האט גענומען אויסקלייבן א פלאסטינקע. צוערשט האט זי דערפילט אין האלדז טרערן פון באליידיקונג און פון ראכמאנעס צו זיך אליין, און האט אויסגעקליבן עפעס אנדערש.

פעאדאסיא האט געשיילט קארטאפל און געפילט, אז דאס הארץ ווערט איר פארקילט. הייסט עס, אז יענע ווייסט. זי ווייסט און וועט זיכער דערציילן דעם דייטש. זי האט דאס באהאלטן אין זיך ביז דער ריכטיקער צייט, ווי א שלאנג באהאלט איר שטעכל. און איצט וועט זי זיך אפרע־כענען און דערציילן.

אין שטוב האט א נידעריקע, סענטימענטאלע שטים געזונגען:
„עס פלאקערט דער קאמין...“

וואס וועט זיין? זי איז געווען זיכער, אז דער אפיציר וועט דאס אזוי ניט לאזן גיין. ביז איצט איז געבליבן אין קראפט דער פארבאט צו באגראבן די געפאלענע אין דער לעצטער שלאכט. זאלן זיי דארט ליגן אין דעם טאל באם דארף, אין דעם רעשום פון די ווינטן, פרעסט און ראבן. זאלן זיי דארט ליגן נאקעטע, באראבעוועטע, און זיין א שרעק און א ווארענונג פאר אנדערע, ווי א צייכן פון זיג.

צוערשט האבן די פויערים געפרואווט באגראבן די דערהארגעטע. נאר עס האט זיך ניט איינגעגעבן. דער טאל איז געווען אונטער שטענדי־קער וואך. דער יונגער פאשטשוק האט זיך באנאכט אונטערגעגאנוועט מיט א גראבאייזן צו יענעם ארט און פון יענער נאכט אן ליגט ער דארט צוזאמען מיט זיי, מיט א קויל אין הארצן, מיטן קאפ אין א הורבע שניי. אזוי איז אלץ געבליבן ווי געווען. די דארפסלייט האבן פארשטאנען אז מען קאן גארניט ניט טאן.

אבער קיינער פון גאנצן דארף האט דארט ניט געהאט קיין זון. בלויז

זי, בלויז איין וואַסיאַ איז געווען באַשערט צו זיין אין דעם אַפּטייל וואָס איז דורכגעגאַנגען דאָס דאָרף. וואָס פאַר אַ גליק ס׳איז דעמאָלט געווען!... ער איז אומדערוואַרט אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין, אַ פרייליכער, אַ לאַכנדיקער, ווי געווינלעך. אויף אַ ווייל, אויף אַ קורצער ווייל. פאַרטאָג זיינען אָנגעקומען די דייטשן, אומדערוואַרט, און וואַסיאַ איז גראָד געווען אין דער גרופע, וואָס איז אַרומגערינגלט געוואָרן אין דעם טאָל און פאַרניכטעט געוואָרן ביז איינעם.

זי האָט אים געפונען דעם זעלביקן טאָג. דאָס האַרץ האָט זי דערפילט גלייך צום אָרט וואו ער איז געלעגן. ער איז שוין געווען טויט, מ׳האָט שוין באַוויזן פון אים אַראָפּצורייסן דאָס אָנטאָן.

און יעדן טאָג פון דעמאָלט אָן, שוין אַ כוידעש, גייט זי אַ קוק טאָן אויפן זון, ווי ער ווערט פאַרשטאַרט, ווי ער בייט זיך, ווי זיין פּאָנעם ווערט שוואַרץ אויפן פראָסט מיט דער שוואַרצקייט פון אייזן, ווי דער פראָסט צעשפּאַלט אים די פּיס. זי איז שוין צוגעוואוינט געוואָרן דערצו, אַז יעדן טאָג, און ווען עס מאַכט זיך — צוויי מאָל אַ טאָג, ווען זי גייט נאָך וואַסער — זאָל זי אַ קוק טאָן אויף איר טויט קינד. און איצט? וואָס וועט איצטער זיין?

„...צאַרטקייט און ליבע, און טרוים וועגן מיר...״ האָט געזונגען דער פּאַטעפאָן.

ער וועט דאָס אַזוי ניט דורכלאָזן, ער וועט ניט מויכל זיין. זי האָט מוירע געהאַט ניט פאַר זיך, זי האָט מוירע געהאַט פאַר איר קינד, פאַר איר טויט קינד, וואָס איז אומגעקומען דאָרטן אין דעם טאָל און ליגט דאָרט פאַרפרוירן, פאַרשטיינערט; פאַר איר קינד מיט אַ לאָך פון אַ קויל אין שטערן. זי האָט זיך געשראָקן גלייך ווי איר וואָלט פאַרגעשטאַנען אים נאָכאַמאָל צו פאַרלירן: זיי קאָנען אים נאָך אָוועקנעמען, אַריינוואַרפן ערגעץ אין אַ קאַלך־גרוב, אים שענדן, צעקאַליעטשען. דאָס קאָנען זיי, אוי קאָנען זיי!

„...צאַרטקייט און ליבע, און טרוים וועגן מיר...״

דער פּאַטעפאָן האָט אומדערטרעגלעך דאַקוטשעט.

פוסיאַ האָט זיך פאַרכאַלעמט און צום צענטן מאָל אָנגעשטעלט די

זעלביקע פּלאַסטינקע. דער פּאַטעפֿאָן האָט געזונגען וועגן ליבע, וואָס איז פֿאַרשוואונדן, וועגן פֿאַרגאַנגענעם גליק, וועגן בריוו, וואָס מיינען שוין גאָרניט. אין איינקלאַנג מיט די פֿינצטערע געדאַנקען פֿון דער פֿרוי וואָס איז געזעסן באַם אויוון, האָט דער פּאַטעפֿאָן געזונגען צאַרטע ווערטער. פּעאַדאָסיאַ קראַווטשוק האָט צונויפֿגעדריקט אין די פֿינגער דעם טעמפּן מעסער, ניט שפּירנדיק קיין ווייטיק. אַ טראָפּעלע בלוט האָט אַרויסגע־שפּאַרט פֿון דעם שניט. זי האָט אָפּגעווישט די האַנט מיטן שפּיץ פֿאַרטוך.

„...עס פֿלאַקערט דער קאַמין".

וואָס זאָל זי טאָן? איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי דאַרף ראַטעווען וואַסיאַס לעבן, ראַטעווען אים פֿון עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך שרעקלע־כער און מער גרויזאַם ווי דער טויט. אָבער ווי אַזוי?

זי האָט געוואוסט אַז אַוועקנעמען אים פֿון דאָרטן איז אומעגלעך. ער איז איינגעפּרוווירן אין דעם שניי, צונויפֿגעוואַקסן מיט דער אייזיקער קאָרע. ערשט אין פֿרילינג וועט ער באַפֿרייט ווערן פֿון דעם אייזיקן גע־לעגער. נאָר אַפֿילע אויב ס'זאָל מעגלעך זיין... ווי אַזוי זאָל זי אים אויפֿהייבן, אַפֿילע ווען ער איז געוואָרן אַסאַך קלענער, אַזוי קליין ווי אַ פּופּצן־זעכצן יאָר? ווי אַזוי זאָל זי אים אַוועקטראָגן, וואו קאָן זי אים באַהאַלטן פֿון די מערדער?

„...צאַרטקייט און ליבע..."

צו אים וועלן זיך צורירן די מיעסע דייטשישע לאַפּעס. עס וועלן אים שטויסן פֿאַרהאַסטע דייטשע שטיוול. איבער אים וועלן לאַכן און שטשירען מיט די ציין, די מאָרדעס פֿון דייטשישע בעסטיעס, ס'וועט זיך צעקאַטשען דער הייזעריקער קוואַקעדיקער געלעכטער פֿון קאַפּיטאַן קורט ווערנער. פּעאַדאָסיאַ האָט פֿאַרבראַכן מיט די הענט אין אויסגאַנגלאָזער פֿאַרצווייפֿלונג. זי האָט פֿאַרגעסן וועגן די קאַרטאָפֿל, פֿאַרגעסן וועגן פֿייער, וואָס האָט זיך פֿאַרצויגן מיט אַלץ אַ דיקערן שיכט אַש, און איז געזעסן באַוועגלאָז, קוקנדיק דירעקט פֿאָרויס מיט גלעזערנע אויגן.

ס'האָט זיך איר פֿריער געדאַכט אַז ערגער קאָן שוין ניט זיין, אַז אַלע קלעפּ זיינען שוין געפֿאַלן אויף איר האַרצן. אָבער ניין. קיין כאָף און קיין עק איז ניטאָ צו איר פּיין. די שוואַרצע כמאַרע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט

אַפן דאָרף אין אַ דעצעמבער-טאָג, דראָט מיט נאָך שרעקלעכע אומגליקן יעדע מינוט.

און פּלוצים האָט זי דורכגענומען דער געדאַנק: פֿון וואַנען ווייסט יענע? ווער האָט איר דערציילט?

אין זיקאָרן זיינען דורכגעלאָפֿן באַקאַנטע געשטאַלטן. די לערערין? ניין, פּעראַסיאַ האָט שנעל אָפּגעוואָרפֿן דעם כשאַד. פֿאַר קיין פֿאַל ניט. אָבער ווער?

אין דאָרף האָט מען געוואוסט, געוויס האָט מען געוואוסט. אָבער דאָס זיינען דאָך אַלץ אייגענע מענטשן, פּעלאַגעיאַ גייט ניט אין ערגעץ, קיינער רעדט מיט איר ניט, איז פֿון וואַנען האָט זי זיך געקאָנט דערוויסן? ווער האָט איבערגעגעבן אין די הענט פֿון סוינע דעם צאַר פֿון אַ מוטער, ווער האָט פֿאַראַטן צו די דייטשן דעם טויטן קערפּער פֿון איר זון וואַסיאַ, זיין בלוט, זיין טויט, זיינע יעסורים?

דער פּאַטעפֿאָן האָט אַ גרילץ געטאָן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. פּוסיאַ האָט אָנגעצויגן אירע וואָלענקעס אַף די פֿיס און האָט פּלייסיק פֿאַרשפּיליעט איר פּוטערנעם מאַנטל. ער איז געווען אַ ביסל צו גרויס אַף איר, אָט דער מאַנטל, וואָס קורט האָט אַראָפּגעריסן בא עמעצן אין שטעטל און איר אָוועקגעשענקט. דער מאַנטל איז געווען אַ וואַרעמער, מ'האָט געקענט פֿאַרוקן די הענט אין די אַרבל און דער פּוכיקער גרויסער קאָלנער האָט באַשיצט די באַקן פֿון פֿראָסט.

פּוסיאַ איז אַרויס פֿון פֿיר־הויז און ס'האָט איר פֿאַרכאַפּט דער אָטעם. די לופֿט איז געווען דורכזיכטיק ווי אייז און קאַלט ווי אייז. אַ ריזיקע גלעזערנע מאַסע, וואָס האָט אָנגעפֿילט די גאַנצע וועלט. דער שניי איז געווען בלויז אין יענע ערטער, וואו ס'איז געפֿאַלן אַ שאָטן, און אַף דער זון האָט ער געבלישטשעט ווי מיט דימענטן, געברענט, געפֿינקלט, געשניטן די אויגן מיטן אומדערבאַרעמדיקן בליאַסק. פֿון בערגל, אַף וועלכן עס האָט זיך צעלייגט דאָס דאָרף, האָט מען געקאָנט זען אַף רעכטס און אַף לינקס דאָס ענדלאָזע פֿלאַכלאַנד, וואָס האָט געבלענדעט די אויגן מיט ווייסקייט און בלויקייט. דער פֿראָסט האָט איינגעפּאַסט אין קלאַמערן

דעם הימל און די ערד און געהאלטן אין א צוואנג דאס דארף, וואס האט זיך שטיל איינגענורעט באם איבערקרייץ פון צוויי שליאכן.

פוסיא האט א קוק געטאן אין דער ריכטונג פון די כאטעס. וואו ניט וואו האבן זיך ארומגעדרייט סאלדאטן; אף דעם דארף פלאץ פאר דער קירך האט זיך געשווארצט אן ארטילערישע באטעריע און עס זיינען דארט געשטאנען סאלדאטן. קיינער פון די איינוואוינער איז ניט געווען אין דרויסן. זי האט זיך געלאזט גיין פארויס. זי האט באשלאסן צו באזוכן קורטן בא דער ארבעט.

באם עק דארפס-פלאץ איז געשטאנען א טליע, צוויי סלופעס מיט א שטאנג פאפערעק. אין מיטן איז געהאנגען א מענטש. פוסיא איז גלייכ־גילטיק פארבייגעגאנגען אט דעם סימבאל פון קורטס מאכט אין דארף. זי איז שוין געווען צוגעוואוינט צו אט דעם בילד. דער יונגער באכער איז שוין דא געהאנגען, ווען זי איז צוריק מיט א כוידעש געקומען צופארן צו קורטן. ער איז פארשטייפט געווארן, האט אנגעוואוירן זיין מענטשלעכע געשטאלט און איז איצט געווען ענלעך מער אף א שטיק האלץ ווי אף א מענטשלעכן קערפער. דער שניי האט הויך געסקריפעט, גלייך ווי זי וואלט געטראטן אף גלאז, און האט אומאנגענעם געגרילצט און אונטערגעקווי־טשעט. זי איז געגאנגען איבער א גאנץ לײדיקער גאס. די פענצטער פון די כאטעס זיינען געווען פון אויבן ביז ארונטער באדעקט מיט פאר־פרוירענעם טוי און זיינען געווען ענלעך אף אויגן, וואס זיינען פארצויגן מיט ווייסע בעלמעס. וואו ניט וואו האט פון א קוימען זיך אויפגעהויבן א רויך — דאס זיינען געווען די כאטעס, וואו די דייטשן זיינען איינגע־שטאנען. אין די אנדערע כאטעס האט קיינער ניט געקאכט קיין געקעכטס, ס׳איז ניט געווען פון וואס.

די טיר פון איינער פון די כאטעס האט זיך אן עפן געטאן און עס האט זיך ארויסגערוקט א בלאנד־האריקער קאפ. דערזעענדיק ווער עס גייט אין גאס, האט דער קאפ זיך שנעל באהאלטן. פוסיא האט א קוועטש געטאן מיט די פלייצעס. זיי מיידן זי אויס ווי אן אנגעשטעקטע, ווילן זיך מיט איר ניט טרעפן אפילע צופעליק. קינדער אנטלויפן, ווען זיי דערזעען זי. נו, גוט, זאלן זיי, זאלן זיי! סיי ווי וועלן זיי אלע אויספייגערן

פון הונגער און קעלט, אזוי איז זיי באַשערט. זי אָבער גייט אַרום אַ לעבעדיקע, אַ געזונטע, פּאַרמאָגט אַ פּראַכטפולן פוטערנעם מאַנטל, קאָן קייען וויפל שאָקאָלאַד זי וויל נאָר, און דערנאָך וועט זי אַוועקפאָרן קיין דייטשלאַנד מיט אַן אייגענעם מאַן, אַ קאַפּיטאַן. יעדערער שמידט זיין אייגענעם גורל. זיי האָבן אויסגעקליבן און זי האָט אויסגעקליבן. זיי זיינען נאַראָנים, זיי גלויבן אין דעם, וואָס וועט קיינמאָל ניט זיין, זיי דערוואַרטן פּאַסירונגען, וואָס וועלן קיינמאָל ניט געשען. זיי וועלן זיך ביטער אַנטוישן. קורט האָט איר אַלץ דערקלערט, געגעבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס די דייטשן מוזן אומבאַדינגט זיגן און פאַרוואָס אַט די מענטשע־לעך דאָ מוזן אומקומען, אויב זיי וועלן ניט אַרבעטן אָרנטלעך באַ די דייטשן. נאָר זיי ווילן גאָרניט ניט פאַרשטיין, כאָטש אַלץ איז אַזוי קלאָר. זיי וואַרטן אַף זייערע, זי אָבער בענקט נאָך זיי גאָרניט. לעבט זיך איר דען איצט ניט בעסער? אַסאַך בעסער.

דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, די אויגן האָבן געשמאַרצט פון זיין בליאַסק. ווען וועט שוין ענדלעך נעמען אַ סאָף צו די פאַרשאָלטענע פרעסט? זי האָט געטרוימט וועגן וואַרעמקייט, ס'האָט זיך איר געוואָלט צונויפקנוילן ווי אַ קאַץ אַף דער זון און זיך וואַרעמען, זיך דורכוואַרעמען ביזן לעצטן ביינדעלע, מיטן גאַנצן קערפּער דערשפּירן די ליבע, זוניקע וואַרעמקייט. איצטער האָט אפילע די בלענדנדיק־ליכטיקע זון אויסגעזען ווי אַ שטיק אייז. ס'האָט זיך איר געדאַכט אַז אפילע די זון פאַרשפּרייט אַ קעלט אַרום.

דער וועכטער באַ דער טיר האָט זי באַלד דורכגעלאָזט. זי האָט אָנגעקלאַפּט און ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער און אָן שום אַכטונג צו דער אומרואיקייט פון קורטס געהילף איז זי אַריין אין קאַבינעט.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— ס'האָט גאָרניט פּאַסירט — האָט זי געענטפערט מיט אַ קאַפּ־ריזנעם טאָן, — כ'האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר.

זי האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט די פרוי וואָס איז געשטאַנען באַם טיש. אַ פרוי אין די יאָרן, אַ פרוי וואָס ווערט שוין גרוי, שטייט אַ

שוואנגערע, מיט א גרויסן בויך. פוסיא האט זיך צוגעזעצט אפן ברעג שטול.

— וועסט באלד פארטיק ווערן?

— כ'האב דאך דיר געזאגט... זעסט דאך אז איך בין פארנומען.

ער איז געווען דייטלעך אויפגערעגט. ער האט זי צוגעשלעפט צום פענצטער און גענומען שעפטשען מיט קאס:

— וויפל מאל האב איך דיך געבעטן ניט צו קומען אהער! נו, וואס איז דאס פאר א גענג? איך בין פארנומען, דו זעסט דאך, אז איך בין פארנומען. ווי נאר איך וועל פארטיק ווערן, וועל איך קומען.

זי האט אנגעבלאזן די ליפן, ווי א באליידיקט קינד.

— מיר איז אזוי שרעקלעך, אזוי שווידערלעך לאנגווייליק. וואלסט כאטש געקומען עסן מיטיק מיט מיר צוזאמען. מיר איז אזוי אומעטיק... דו ביסט אלץ ניטא און ניטא... און וואס פאר א פארגעניגן איז עס צו ריידן מיט אן אלטער באבע? וואס זשע, קיינער קאן דאס אן דיר ניט טאן?

— מען קאן טאקע ניט. און אט־די אלטע באבע איז א פארטיזאנקע, פארשטייסט?

פוסיא איז דערשטוינט געווארן.

— א פארטיזאנקע! קורט וואס רעדסטו, גיב נאר א קוק אף איר, זי וועט דאך אט־אט גיין צו קינד!

— נו, זעסטו דאך, — האט ער זי איבערגעהאקט, — גיי, איך וועל שפעטער קומען.

מיט א געהארכזאמער באוועגונג האט זי א גלעט געטאן זיין ארבל.

— קורט מיין גאלד, איך וועל דא זיצן א מינוט, זיך צוהערן, גוט? נו, וואס קאן דאס דיר שטערן?

— נו, זיץ, אבער דאס איז אויך לאנגווייליק, — האט ער א מאך געטאן מיט דער האנט און איר צוגערוקט א שטול.

זי האט אויפגעשפיליעט דעם מאנטל און זיך אוועקגעזעצט. אן אומזיניקער שמייכל איז ניט אראפ פון אירע ליפן, די רונדע, שווארצע אויגן האבן געקוקט אף דער פרוי וואס איז געשטאנען באם טיש. הייסט עס, א פארטיזאנקע; דאס איז קאמיש. אך, ווי קאמיש... וועגן דעם אז

קורט האָט מוירע געהאַט פאַר די פּאַרטיזאַנער, האָט זי געוואוסט. כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט צוגעגעבן, אַז ער האָט מוירע פאַר וואָס ניט איז. פאַר די פּאַרטיזאַנער האָט ער אָבער מוירע געהאַט, זי האָט דאָס געפילט, און זי אַליין האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס דאָס האָט בא איר געשאַפן אַ געפיל פון אַ שטיקל טריומף. ס'איז, הייסט עס, פאָרט פאַראַן עפּעס, וואָס וואַרפט אַ שרעק אַף דעם זעלבסטזיכערן, אומבאַזיגבאַרן קורטן, וואָס אַף אַלץ האָט ער אַ פאַרטיקן ענטפער און וואָס אַלץ איז פאַר אים קלאָר און פּאָשעט.

ניין, ניט אַזוי האָט זי זיך פאָרגעשטעלט די פּאַרטיזאַנער. זי האָט געמיינט, אַז דאָס זיינען ריזן, באַוואָקסנט מיט העק, פאַרוואָקסן מיט האָר, — געהיימניספולע מענטשן, וואָס באַהאַלטן זיך אין די וועלדער, האָבן קיין מוירע ניט פאַר די שרעקלעכע פרעסט, וואָס האַלטן שוין אַזוי לאַנג איינגעקאָוועט די גאַנצע וועלט. און דאָ — אַ געוויינלעכע דאָרפישע באַבע, אַזוי ווי פּעאָדאָסיאַ קראַוטשוק. און דערצו נאָך אַ שוואַנגערע. פוסיאַ האָט געוואָרפן אַ קרומען בליק אַף דעם אַרויסשטאַרטשענדיקן בויך, וואָס האָט אויפגעצופּט דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע שוואַרצע קליידל. זי האָט דערשפּירט אַ פרייד, וואָס אַליין איז זי אַ קליינינקע, אַ שלאַנקע; וואָס זי זיצט דאָ רואיק, איינגעהילט אין ווייכן פוטער, און ווען איר זאָל זיך פאַרוועלן, קאָן זי אויפשטיין און זיך דורכגיין מיט אַ לייכטן טראָט, זי קאָן אָנשטעלן דעם פּאַטעפאָן, טאַנצן מיט קורטן. אַפילע היינט אָוונט.

קורט האָט מיט אַ טרויעריק־מידער שטים געשטעלט פראַגן. יענע האָט געענטפערט. צוערשט האָט זיך פוסיאַ איינגעהערט אין די פראַגן און ענטפערס, נאָר באַלד האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז בעמעס לאַנג־ווייליק. און ניט בלויז לאַנגווייליק, נאָר נאַריש אויך. קורט האָט די גאַנצע צייט אויסגעפרעגט וועגן איין און דער זעלבער זאַך, און יענע האָט די גאַנצע צייט געענטפערט מיט איינע און די זעלביקע ווערטער.

אָלענאַ איז שוין געווען טויט מיד. פאַר די אויגן האָבן געשווינדלט שוואַרצע פלעקן; אַ שוואַרצע כוואַליע האָט זיך אויפגעהויבן ערגעץ פון אונטערן טיש און האָט פאַרשטעלט די אויגן. ס'איז איר אָנגעקומען אָנצושטרענגען איר גאַנצן ווילן, קעדיי זיך אַרויסצורייסן פון דער אָנ־

וואקסנדיקער, אלץ ארומנעמענדיקער פינצטערניש; און דעמאלט איז פון דער פינצטערניש ארויסגעשוואומען אן אפיציר בא א טיש מיט פאפירן פאר אים און טאפליעס פון פענצטער הינטער אים. זי האט דערפילט, אז א שוויים הויבט אן באדעקן איר פאנעם, א קאלטער, קלעפיקער, אומאנגענעמער שוויים. די הענט זיינען איר געווארן שווער, ווי וואג־אייזנס, די פיס האבן אומדערטרעגלעך וויי געטאן, ווייזט אויס, — שטארק געשוואלן. ווי לאנג שטייט זי שוין דא? א שא, צוויי, דריי? און עפשער מער, עפשער שוין א גאנצן טאג? ניין, די זון פון יענער זייט פענצטער שיינט נאך העל, הייסט עס, אז ס'איז ניט אזוי לאנג ווי איר דאכט זיך.

ס'האבן איר וויי געטאן די היפטן, ס'האט וויי געטאן דער אינגעוויד, גלייך ווי עמעצער וואלט פון איר לאנגזאם ארויסגעצויגן די אדערן. און דערצו נאך איז אט די אהערגעקומען. אלענא האט געוואוסט וועגן איר, געוואוסט ווער דאס איז. און אט זיצט זי דא, די אויגן רונד ווי קנעפלעך. אט האט זי אראפגענומען דאס פוטערנע היטעלע, פארשארט די האר הינטערן אויער. די מידע אויגן פון דער פרוי האבן אויפגעכאפט דעם בליאסק פון דעם גלעזל אין דעם אויערינגל און זיך אף דעם אפגעשטעלט. דאס גלעזל האט געבלישטשעט, געפינקלט ווי א קליין פייערל, און דערנאך האט זיך ווידער אנגעהויבן קנוילן די פינצטערניש, און פון אירע קרייזנדיקע כוואליעס האט זיך ארויסגעזען בלויז אט־דאס שארפע שטראלעכל. אלענא האט זיך א וואקל געטאן, נאר זי האט צונויפגעדריקט די פויסטן און האט זיך ווידער אויסגעגלייכט. ניין, ניין, בלויז ניט אומפאלן, ניט אומפאלן דא, פאר די אויגן פון אט דעם אפיצירס ליובאוויצע, וואס האט פארקויפט די אייגענע און איז אוועק שלאפן מיטן אפיציר. און איצט זיצט זי דא אנגעטאן אין פוטער, בלישטשעט מיט די אויערינגלעך און קוקט מיט א שמייכל אף די ליפן אף א שוואנגערער פרוי, וואס ווערט געפייניקט פון א דייטשישן אפיציר. קוקט ווי אף א ספעקטאקל.

דער אומזיניקער שמייכל האט זיך ווידער צוגעקלעפט צו פוסיאס ליפן, נאר זי האט אפילע ניט געטראכט וועגן אלענאן, ניט געהערט די פראגן און ענטפערס. איר איז געווען ווארעם. און ס'איז געווען אנגענעם צו טראכטן, אז אט זיצט זי דא אין קורטס קאבינעט, די איין איינציקע,

וואָס קאָן פריי אַריינגיין און אַרויסגיין ווען איר ווילט זיך. און זיי ברענגט מען אונטער אַ וואַך פון סאָלדאַטן מיט באַגנעטן און מען פירט זיי אַרויס אַהין, פון וואַנען קיינער קערט זיך קיינמאָל ניט אום. אַלע האָבן זיי מוירע פאַר קורטן און קורט געהערט נאָר צו איר. בלויז צו איר. זי קען זיך פּעסטשען, קאַפּריזווען, און קורט רופט זי מאַלפּעלע און ווערט זי מיטנעמען קיין דרעזדען...

— דו ביסט דאָך אַ מאַמע — האָט קורט געזאָגט, און אָלענאַ, בײַ וועמען ס׳האָט שוין אָנגעהויבן ווערן קאַלעמוטנע אין קאָפּ, האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אָט דעם וואָרט ווי אײנער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אַ ברעטל.

נו, געוויס, איז זי אַ מאַמע. דעם דייטשישן אָפיציר פאַלט גאָר ניט איין, אַז ער האָט איר אַרויסגעהאָלפן, געהאָלפן איר גראָד אין דעם מאָמענט ווען די ערד האָט זיך אַ וויג געטאָן אונטער אירע פיס, ווען אַ מאָדנע שוואַכקייט האָט אַרומגעכאַפּט איר קערפּער און אַלץ אַרום האָט זיך צונויפגעמישט און איז דערטרונקען געוואָרן אין פינצטערניש...

— דו ביסט דאָך אַ מאַמע...

ווער האָט דאָס געזאָגט? דער דייטשישער אָפיציר בײַם טיש אָדער קודריאַווי, דער לוסטיקער געשטופּלטער יונג, דאָרט אין וואַלד, דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד?

— דו ביסט אַ מאַמע...

זי האָט געטראַכט ניט וועגן דעם קינד, וואָס זי האָט געטראָגן אונטערן האַרצן, וואָס האָט בײַ איר אָוועקגענומען דעם אָטעם, געשטערט איר זיך אויסצוגלייכן. זי האָט געטראַכט וועגן יענע אין וואַלד, וועגן די אַלע וואָס האָבן זי גערופן מאַמע. זי איז געווען אַסאַך עלטער פון אַלעמען, אַסאַך עלטער. און זי איז געגאַנגען אַף אויסשפּירונג, האָט אויפגעריסן אַ בריק, אָבער דאָס האָט זי ניט באַטראַכט פאַר איר עמעסער אַרבעט. זי האָט געוואַשן, געקאָכט, צוגעזען די באָכערים, וואָס האָבן דאָך ניט ווער ס׳זאָל אַף זיי אַכטונג געבן. זי האָט געהיילט די קראַנקע, באַנ־דאַזשירט די פאַרוואונדעטע, פאַריכט די צעריסענע קליידער. אַזוי טוט געוויינלעך אַ מאַמע. האָבן זיי זי טאַקע גערופן מאַמע.

— דו ביסט א מאמע...

— זי האָט אויפגענומען אַט די ווערטער ווי דעם רוף פון יענע אין וואַלד, פון יענע, וואָס זייער לעבן הענגט איצט אָפּ פון איר איין וואָרט. די ווערטער זיינען געקומען ווי א דערמאָנונג וועגן כוואַו, ווי זייערער א גרוס, ווי זייער שטים, וואָס דערטראָגט זיך פון דער ווייטנס.

— וואו באַהאַלט זיך דער אָטריאַד?

זי האָט געדענקט יעדן שטעגל, יעדן קוסט, יעדן בוים אין דער געדיכטעניש פון וואַלד. אין איר זיקאָרן איז דייטלעך אויסגעלייטערט געוואָרן דער וועג, וועגן וועלכן דער אָפיציר האָט זיך נאָכגעפרעגט. זי האָט זיך אַזש דערשראָקן, וואָס די וואַסערדיקע אויגן קענען נאָך דערזען, נאָכפּאָלגן אין אירע געדאַנקען אַט דעם וועג. שנעלער, שנעלער טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש — וועגן איר כאַטע, וועגן טייכל, וועגן די שביינים. אָבער אין איר זיקאָרן שטייט אויף אַקשאַנעסדיק די סטעזשקע צו די אונטערערדישע שטיבלעך. די זעמליאַנקעס צווישן די ביימער און קודריאַ־ווים ליכטיקער פּאַנעם. זעכצן באָכערים און זי — די מאַמע. יאָ דאָרטן אין דער געדיכטעניש פון וואַלד געפינען זיך אירע זעכצן זין, זעכצן בראַווע, אומדערשראָקענע זין. די זין פון א פעלד־אַרבעטערן באַם פּאָרעץ, וואָס האָט אַזוי לאַנג געוואַרט ביז זי האָט זיך דערוואַרט אַף איר גליק, אַף דעם גליק פון א פרייען מענטשן, וואָס דאַרף קיין מוירע ניט האָבן פאַר דער בייטש פון דעם פּריקאַשטשיק באַם פּאָרעץ.

— איך ווייס גאָרניט וועגן אָטריאַד. זיי זיינען אַוועק און וואוהין זיי זיינען אַוועק ווייס איך ניט.

קורט האָט צונויפגעדריקט זיין פויסט. נאָך פיר שאַ אויספאָרשונג איז ער געווען באַ דעם זעלביקן טויטן פונקט, וואו ער האָט אָנגעהויבן. ער האָט מיט כּאַס צונויפגעלייגט די פּאַפּירן.

— האַנס!

א סאָלדאַט האָט זיך באַוויזן אין קאַבינעט.

— פיר זי אַוועק — אין שטאַל. וועסט א ביסל זיצן אַף דער קעלט, וועסטו זיך עפּשער אויסניכטערן. וועסט א ביסל זיצן און טראַכטן און

ווען דו וועסט זיך דערטראַכטן צו עפּעס, גיב אַ רוף דעם וועכטער. ער וועט מיר לאָזן וויסן.

מיט אַ צאַרנדיקער באַוועגונג האָט ער צוגעמאַכט דאָס קעסטל.

— קום, פּוסיאַ, מירן עסן מיטיק צוזאַמען.

פּוסיאַ איז אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד. זי האָט פּאַרט גוט געטאָן וואָס זי איז געקומען, ווען ניט זי, וואָלט ער דאָ זיכער געזעסן ביזן אָוונט.

די ווייסקייט פון שניי האָט זי ווידער פאַרבלענדט. קורטס שטיוול האָבן געסקריפּעט איבערן שניי נאָך שטאַרקער ווי אירע וואַלענקעס. די אייזיקע לופט האָט געשניטן די באַקן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אַהין, וואו קורט האָט אָנגעוויזן. דאָרט, אין דער ווייטנס, וואו די בלויקייט פון דעם פלאַכלאַנד האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער בלויקייט פון הימל, האָט זיך צעהעלט אַ רעגנבויגן; אַ שיינענדיקער פאַרביקער זייל האָט זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און איז פאַרשוואונדן, אויפגעלייזט אין דער ווייט ווייטער הויכקייט גריז, בלוי, ראָזעווע און פיאָלעטענע פאַרבן, אַ קרישטאָל־דורכזיכטיקע זעונג, לויטער און לייכט ווי בלומען־פּוך.

— אַ רעגנבויגן, — האָט געזאָגט דער דערשטוינטער קורט. — אַ רעגנבויגן אום ווינטער... באַ אייך טרעפט זיך דאָס?

פּוסיאַ האָט אַ טראַכט געטאָן.

— ניין, דאַכט זיך, אַז ניט. כ'האָב עס נאָך קיינמאָל ניט געזען.

קורט איז אַלץ געשטאַנען און געקוקט אויף דעם שיינענדיקן פאַרביקן זייל, וואָס האָט פאַראייניקט דעם הימל מיט דער ערד.

— קום, ס'איז קאַלט, די פיס זיינען מיר פאַרפרוירן.

— מען זאָגט אַז אַ רעגנבויגן איז אַ גוטער סימען...

— אַ רעגנבויגן ווי אַ רעגנבויגן, האָט פּוסיאַ ענדלעך פאַרלאָרן איר געדולד און אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל.

אין אָט די עטלעכע מינוט האָט זיך דער זייל אויסגעצויגן, אויס־געבויגן און ווי אַ טריאומף־אַרקע האָט זיך דער רעגנבויגן צעוואָרפן איבער

דער ערד, — ראָזעווע, פּיאָלעט, גרין בלוי, — אָנגעזעטיקט מיט א גאָלדענעם דורכזיכטיקן בליאַסק. דער הימל האָט זיך אויפגעבלאָזן ווי א גלעזערנער קופּאָל, צוגעדעקט געוואָרן ווי מיט א גלעזערנעם גלאָק. אַף דעם דאָרף פּלאַץ בא די הארמאַטן האָבן סאָלדאַטן מיט פּאַריסענע קעפּ געקוקט אַף דער אומגעוויינלעכער דערשיינונג.

ווען זיי זיינען אהיימגעקומען, איז פּעאָדאָסיאַ געשטאַנען פאַר דער כאַטע. זי האָט אויך געקוקט אַפן רעגנבויגן. געקוקט רואיק. זיך שטאַרק איינגעקוקט.

— מען זאָגט, אז א רעגנבויגן איז א גוטער סימען, — האָט דער אָפיציר געזאָגט דורכגייענדיק.

די אַלטע פּויערטע האָט א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— יאָ, יאָ, א רעגנבויגן איז א גוטער סימען, — האָט זי געענטפערט מיט א מאָדנעם טאָן און איז אָפּגעטראָטן אָן א זייט, קעדיי זיי דורכצו־לאָזן אין פירהויז. אַליין איז זי געבליבן אַף דער שוועל. אין איין קליידל און א קאָפּטע מיט הוילע אָרעמס, פאַרגעסנדיק אָן דעם שאַרפן פראָסט, האָט זי ניט אראָפּגענומען די אויגן פון דער טריאומף־אַרקע, וואָס האָט זיך געוואָרפן איבערן הימל און האָט זיך געמינעט מיט אַלע קאָלירן, אָנגע־זעטיקט מיט א ווייכן, גאָלדענעם, אַלץ־ארומנעמענדיקן בליאַסק.

קאַפּיטל צוויי

פּוסיאַ האָט זיך איינגעדרייט אין אַ קנויל, אַריינגערוקט דעם קאָפּ קורטן אונטער דער פאַכווע און איז געשלאָפן שטיל, אָטעמענדיק רואיק, ווי אַ קליין כאַיעלע. דער אָפיציר איז געלעגן נאַזנדיג און האָט געכראָפּעט. פעאָדאָסיאַ קראַווטשוק האָט אָפן אויוון געהערט זיי כראָפּען. זי איז דערפון געוואָרן אומדערטרעגלעך אויפגערעגט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז גראָד אָט דאָס כראָפּען לאָזט זי ניט שלאָפן. מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט זי געקוקט אָפן פענצטער, וואו די לעוואָנע־ליכט האָט געפינקלט אין די דיק־אָנגעפרוירענע טאַפליעס. אַ געשפּענסטלעכע בלויע ליכטיקייט איז אַריינגעדרונגען אינעווייניק און פון טיש, פון בענקעלע, פון דעם עמער אָפן דיל זיינען געפאַלן מעשונעדיקע שרעקנדיקע שאָטנס.

דאָך איז ענדלעך געקומען די נאַכט. דער טאָג איז ענדלעך פאָריבער. נאָך אַ טאָג. זי הערט שוין ניט דעם אָפיצירס קוואָקעדיקן געלעכטער און דאָס זיסינקע געלעכטערל פון זיין נעקייווע; זי באַגעגנט שוין ניט די קרומע, געמיינע בליקן, וואָס יענע האָט אַף איר געוואָרפן אַ גאַנצן אָוונט. ווייזט אוים אַז זי האָט באַשלאָסן זיך אַ ביסל אַ שפּיל צו טאָן, ניט דערציילן מיטאַמאָל. ניין, זי האָט אים גאָרניט דערציילט. זי האָט קרום, מיט אַ שמייכעלע נאָכגעקוקט פעאָדאָסיאַן, זיך געפרייט וואָס זי האַלט זי אין אירע הענט, וואָס צו יעדער מינוט קאָן זי איר דערלאַנגען אַ קלאַפּ. איצט קאָן זי טאָן וואָס זי וויל מיט דער מאַמעס האָרץ, און אין איר מאַכט איז אויך דער זון, וואָס ליגט דאָרט אין דעם טאָל אָפן שניי. צו

דער רעגנבויגן

יעדער מינוט קאָן זי אים איבערגעבן אין די מיעסע דייטשע הענט, צו יעדער מינוט קאָן זי צעשטערן זיין טויטע רו, ואים א שליידער טאָן צו די שענדער.

א גאנצן אָוונט האָט דאָס הארץ געגליווערט בא דער אלטער פרוי, אָבער איצט, ווען זי איז געלעגן אָן שלאָף און געקוקט אף דער בלויער ליכטיקייט אין פענצטער, געהערט דעם פארהאסטן כראָפען, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דער שטוב, האָט זיך אין איר אלץ מיטאמאָל צעבונטעוועט. נו, זאָלן זיי, זאָלן זיי! זיי האָבן בא אים צוגענומען אלץ, אראָפגעריסן זיינע שטיוול, זיין שינעל, זיינע הויזן. ס׳האָבן זיך שוין איינמאָל צו אים צוגערירט דייטשישע הענט, זיי האָבן אים שוין איינמאָל אוועקגעוואָרפן אפן שניי, געוואָרפן אים עפשער נאָך א לעבעדיקן אף דעם ביטערן פראָסט. א דייטשישע קויל האָט זיך שוין ארייגעזויגן אין זיין בלוט, ער איז שוין טויט, ער איז שוין אומגעקומען פארטיידיקנדיק זיין דאָרף. און ער וועט מער ניט א קוק טאָן מיט זיינע גרויע, מונטערע אויגן, וועט מער קיינמאָל ניט א זינג טאָן: „יאטן, שפאנט די פערד“. איז וואָס, אויב זיי וועלן אים נאָכאמאָל באשפייען, נאָכאמאָל שענדן זיין קערפער? אלץ ערגער פאר זיי, אלץ ערגער פאר זיי. סיי ווי וועט אין דעם זיקאָרן פון מענטשן אף אייביק בלייבן דער לוסטיקער באָכער וואסיא קראווטשוק, וואָס האָט געזונגען בעסער פון אלעמען אף די הוליאנקעס און איז דערנאָך אומגעקומען לעבן זיין דאָרף, אין דעם טאָל באם טייך, וואו ער האָט פריער אזוי פיל מאָל געפויעט די פערד, — אומגעקומען פאר זיין דאָרף, פאר זיין ערד, פאר זיין אייגענער שפראך, פאר דעם גליק פון מענטשן, פאר דער פרייהייט פון מענטשן... דאָס וועלן די דייטשישע הענט ניט קאָנען אויסשטרייכן פון מענטשלעכן זיקאָרן. דאָרט וועט אויך זיין פארשריבן, אז אפילע נאָכן טויט האָבן זיי אים אויך ניט געלאָזט צו רו, אז נאָכן טויט האָבן זיי זיך איזדיעקעוועט איבער זיין קערפער, דאָס וועט פארגעדענקען ניט בלויז דער מאמעס הארץ. עס וועט פארגעדענקען דאָס פאָלק, עס וועלן געדענקען יענע, וואָס וועלן קומען און פארטרייבן פון דאנען די דייטשישע רויבער. הונדערט מאָל איז זיי באשערט צו

באצאלן פאר זיין טראפן בלוט, פאר יעדער מינוט, וואס ער איז געלעגן א נאקעטער אפן פראסט, פאר יעדן שטוים פון דעם דייטשישן שטיוול.

איצט האט זיך איר געוואלט, אז דער פרימארגן זאל קומען וואס שנעלער. זאל יענע דערציילן, אט די שווארצע ראז, זאל זי ארויסגעבן דעם סאד דורך אירע שארפע ציין, זאל דאס געשעען וואס שנעלער. און זאל זי זען מיט אירע רונדע שווארצע אויגן, אז פעאדאסיא וועט ניט בלייך ווערן, וועט זיך ניט צעוויינען, וועט ניט פאלן אף די קני, וועט ניט בעטן און זיך דערנידעריקן, אז מען זאל בא איר ניט צונעמען דאס איינציקע, וואס איר איז געבליבן — דעם קערפער פון איר זון, וואס דער פראסט האט אים פארוואנדלט אין שטיין. אט־די פארשאלטענע שפילט זיך מיט איר, ווי מיט א שפילכל, זי שפילט זיך מיט דעם שרעק און פיין פון א מוטערס הארץ. און איצט וועט פעאדאסיא דאס אלץ ארויסקלאפן פון אירע הענט. די שווארצע ראז האט א טאעס: זי וועט ניט דערלעבן, אז פעאדאסיא זאל וויינען און בעטן. דאס וועט זיך איר ניט איינגעבן.

פעאדאסיא האט געפילט, ווי עס ווערט פעסטער און עס גיסט זיך אן מיט בלוט איר הארץ, און זי האט געוואוסט, אז איצט קאן איר שוין קיינער גארניט טאן, קיינער קאן זי שוין מיט גארניט ניט פארוואונדן. זי איז באשיצט פון אלע קלעפ מיט א ניט דורכדרינגלעכן פאנצער פון האס.

אף דעם בלויען שיין פון פענצטער האט געהאלטן אין איין פאלן א שאטן. דאס איז דער וועכטער געגאנגען הין און צוריק באם הויז. דער שניי האט געסקריפעט אונטער זיינע פיס, און מ׳האט געקאנט הערן ווי ער טאפטשעט זיך אף איין ארט אין אן אומזיסטן פארזוך צו דערוואר־מען זיינע גליווערנדיקע פיס. די פרוי האט א שמייכל געטאן. היט, היט דעם אפיצירישן שלאף, דעם ווארעמען שלאף מיט א ליובאווניצע אף א פארכאפטן פויערישן בעט, אונטער א צוגעגאנוועטער פויערישער פערינע... וועסט ניט איינהיטן, וועסט ניט באוואכן, מעגסטו זיך טאפטשען הונדערט

מאָל אַזוי פיל, מעגסטו אָפּפּירן די פיס, מעגסטו ביזן טויט אַרומשפּרייזן באַם פענצטער פון דער כאַטע... ס'וועט קומען אַ נאַכט, ווען ער וועט זיך מוזן אויפכאַפּן פון שלאָף און מיט באָרוועסע פיס און בלויזן אונטערוועש אַרויסשפּרינגען אַפן פראָסט. ס'וועט קומען די נאַכט ווען ער וועט מעקאַנע זיין די, וואָס ליגן ניט באַגראָבענע אין דעם טאָל, און לעוואַניוקן, וואָס הענגגט שוין אַ כוידעש אָף דער טליע.אַזאַ נאַכט וועט דאָס זיין, אַז דעם אָפיצירס נעקייווע וועט מעקאַנע זיין דעם גוירל פון אָלענאַ קאָסטיוק.

און ווידער איז געקומען די פיינטלעכע פראַגע: ווער האָט פאַראַטן? אָלענאַ איז געקומען שטילערהייט, פאָרזיכטיק, איז זי אַריין צו זיך אין כאַטע. די דייטשן האָבן דאָך ניט געציילט, ניט באַוויזן איבערציילן אַלע פרויען אין דאָרף. און דאָך זיינען ניט אַוועק קיין צוויי טעג, ווי זיי זיינען געקומען, זי אַרויסגעשלעפּט, זי אַוועקגענומען אָף אַ פאַרהער, הייסט עס, אַז עמעצער האָט פאַראַטן, עמעצער האָט דערציילט, וועגן אָלענאַן און געלאָזט וויסן פעלאַגייען וועגן וואַסיאַן. ערגעץ האָט זיך באַהאַלטן אַ סוינע, אַזוי גוט באַהאַלטן, אַז אין דאָרף ווייסט מען ניט וועגן אים, קיינער שטויסט זיך ניט אָן וועגן אים. אַ סוינע, וואָס זעט אַלץ, ווייסט אַלץ און מאַסערט. עמעצער אַ היגער, וואָס האָט געקענט וואַסיאַן, וואָס ווייסט אַלצדינג. ווער קאָן דאָס זיין?

אַליין האָט זי זיך דערוואוסט וועגן אָלענאַן אַזוי שנעל, ווי יענע איז צוריקגעקומען אין דאָרף אַריין. געוואוסט האָבן אויך אַנדערע, אָבער דאָס זיינען דאָך אַלע אייגענע, פון זעלביקן דאָרף, קאָלכאָזניקעס, טאַטעס און מאַמעס פון רויט-אַרמייער, וואָס האָבן זיך אין אָט די שרעקלעכע פרעסט און ליכטיקע נעכט געשלאָגן איבערן גאַנצן פראָנט פון זייער ענדלאָזן היימלאַנד. ווער זשע איז געווען די שלאַנג, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן מיט דעם גאָלדענעם ווייץ פון דעם היימלאַנד און איצט שטעכט זי אַריין אין דעם איר שטעכל?

ערגעץ פון דער וויטנס האָבן זיך דערהערט שטימען. אין דער ריינער פראָסטיקער לופט, אין דער פולשטענדיקער שטילקייט פון דער אייזיקער נאַכט האָט דער מינדסטער שאָרך אָפּגעקלונגען הויך און דייט-

לעך. עס האָבן זיך געהערט שטימען, עמעצער האָט אַף עמעצן געשריגן. פעאָדאָסיאַ איז שטיל אַראָפּ פון אויוון, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַ קראַץ געטאָן מיטן פינגער דעם דיק אָנגעפראָרענעם פענצטער. מיט איר אָטעם האָט זי אויסגעלייטערט אַף דער טאַפליע אַ קליין רעדעלע, דורך וועלכן מען האָט געקאָנט זען וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. דאָס גלאָז האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפל, איז ווידער אָנגעפרוירן געוואָרן, און ס'איז איר אויסגעקומען קעסיידער צו אָטעמען דערויף און אויסווישן מיטן עק שאַל. דורכן פענצטער האָט זי אַרויסגעזען אַ טייל גאַס. ביזן דאָרף פּלאַץ, ביזן סאַמע הויז, וואו עס האָט זיך פריער געפונען דער דאָרף־סאָוועט.

ס'איז געווען ליכטיק ווי באַטאָג. די לעוואָנע ליכט האָט פאַרוואַנדלט די גאַנצע וועלט אין אַ העל בלויער שטיק אייז. און פעאָדאָסיאַ האָט קלאָר געזען דאָס פאָלגנדיקע בילד: איבערן וועג איז פון דאָרף פּלאַץ געלאָפן אַ נאַקעטע פרוי. ניין, זי איז ניט געלאָפן. אַן איינגעבויגענע, האָט זי קוים געשפּאַנט מיט קליינע טריט, זיך געוויגט פון איין פוס אַף דעם צווייטן. באַם ליכט פון דער לעוואָנע האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן איר ריזיקער בויך. הינטער איר איז געגאַנגען אַ סאָלדאַט. דער באַגנעט האָט געבלישטשעט אַף זיין ביקס. ווען די פרוי האָט זיך אַף אַ רעגע אָפּגע־שטעלט, האָט דער באַגנעט זי געשטאָכן אין רוקן... דער סאָלדאַט האָט געהאַלטן אין איין אויסשרייען עפּעס אַ פראַגע, זיינע צוויי באַוויירים האָבן אויך געשריגן אַפן קאָל, און די שוואַנגערע פרוי איז געגאַנגען פאָרויס, אַן איינגעבויגענע, געפּרואווט לויפן. זי איז אָפּגעגאַנגען וואָסערע פופציק מעטער און דער סאָלדאַט האָט זי געצוואונגען פאַרקירעווען אַף צוריק. פופציק מעטער צוריק — און זי האָט זיך געמוזט ווידער אויס־דרייען און גיין פאָרויס. די טאַליאָנים האָבן געלאַכט, און זייער ווילדער געלעכטער האָט זיך דערטראָגן אין שטוב אַריין.

פעאָדאָסיאַ האָט זיך איינגעגראָבן מיט די פינגער אין דער ראַם פון פענצטער און געקוקט, געקוקט. אָט וואָס עס קומט פאָר אין דער נאַכט, ווען דער אָפיציר כראָפּעט מיט זיין ליובאָווניצע. די סאָלדאַטן האָבן פינקטלעך דורכגעפירט זיין באַפעל. ער קאָן זיך שלאָפן רואיק.

אַט איז זי, אַלײנע קאַסטיוק. אַמאָל האָבן זײ געאַרבעט צוזאַמען אַף דעם פּריצישן פעלד. צוזאַמען האָבן זײ געציטערט פאַר דער בײטש פון דעם פּריקאַשטשיק און נאָך מער — פאַר דעם פּריקאַשטשיקס בײנדלען זיך צו זײ. צוזאַמען האָבן זײ באַװײנט זײער מאַזל, זײער פינצטערע דאָליע.

און דערנאָך האָבן זײ אינײנעם געאַרבעט אין קאָלכאָז און אינײנעם זיך געפרײט מיטן אױפשטײגנדיקן װײץ, מיט די אױפגעװאַקסענע מעל־סנדיקע קי און דערמיט, װאָס דאָס לעבן שמײכלט אַלץ ליכטיקער און פרײדיקער.

און איצט איז אַלענאַן אױסגעפאַלן אַזאַ גורל. פּופּציק מעטער פאָרױס, פּופּציק מעטער צוריק, אַ נאַקעטע, באָרװעס איבערן שנײ, אַ טאָג צװײ פאַרן קימפּעט. סאָלדאַטישער געלעכטער. דער באַגנעט שטעכט אין רוקן.

פעדאָסיאַ האָט ניט געװײנט, ניט אױסגעשריגן. אין האַרצן איז איר פאַרגליװערט געװאָרן דאָס בלוט, אַזױ דאַרף זײן, אַנדערש קאָן ניט זײן, קאָלזמאַן זײ זײנען דאָ. אַזױ װי אומיסטן װילן זײ באַװײזן אַף װאָס זײ זײנען פעיק. זײ װילן באַװײזן, אַז ס'איז ניטאָ קײן גרענעץ צו זײער גרױזאַמקײט. זי האָט געקוקט אַף אַלענאַן און ניט קײן מיטלײד האָט אַרומגעכאַפּט איר האַרץ. נײן, דאָ איז ניט געװען קײן אָרט פאַר מיטלײד. פעאָדאָסיאַן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לױפט זי אַלײן אַ באָרװעסע איבערן שנײ –– לױפט אַ נאַקעטע, און די סאָלדאַטן איזדיעקעװען זיך איבער איר. איר האָט געביסן פון דעם פאַרפרױרענעם שנײ און דער שטאָל פון דעם באַגנעט שטעכט איר אײגענעם רוקן. דאָס איז ניט אַלענאַ קאַסטיוק — דאָס גײט דאָס גאַנצע דאָרף איבערן שנײ, אונטערגעטריבן דורכן סאָלדאַטישן געלעכטער. דאָס איז ניט אַלענאַ קאַסטיוק –– דאָס גאַנצע דאָרף פאַלט מיטן פּאָנעם אַפן שנײ און הױבט זיך אױף שװער אונטער די קלעפּ פון די קאָלבעס. ניט פון אַלענאַ קאַסטיוקס פיס טריפט בלוט אַף דעם האַרטן, פאַרפרױרענעם שנײ — דאָס גאַנצע דאָרף גײט אָפּ מיט בלוט אונטער דער דײטשישער פױסט, אונטער דעם דײטשישן קנאָפּל, אונטער דעם יאָך פון מערדער.

פעאָדאָסיאַ האָט מיט אַ פינצטערן בליק געקוקט דורך דעם לויטערן רעדעלע אין דער טאַפּליע. יאָ, אַזוי דאַרף זיין. מיט אַ באַגנעט, מיט אַן אייזעו'נער פויסט לערנט דער דייטשישער סאָלדאַט די פויערים און ווייזט זיי וואָס פאַר אַ באַשעפעניש ער איז. ער ווייס ניט, ער פאַרדעכטיקט ניט אַז ער לערנט די מענטשן נאָך עפּעס: ער לערנט זיי וואָס עס איז אַזוינס סאָוועטן־מאַכט, ער ווייסט ניט, אַז אין יעדן דאָרף, וואו די דייטשע מאַכט האָט זיך כאָטש אַף איין טאָג דורכגעבראָכן אַ וועג דורך שטראָמען טרערן און בלוט, וועלן אַף אייביק, אַף דאָר־דורות פאַרשווינדן די אומצופרידענע, די פוילענצער, די גלייכגילטיקע צו דער סאָוועטן־מאַכט. פעאָדאָסיאַ האָט זיך דערמאָנט אָן אירע וויקוכים מיט אַנדערע פויערטעס, אַלטע וויקוכים און נייע. איצט האָט דאָס לעבן אַליין געגעבן דעם ריכטיקן ענטפער, געלערנט מיט דער גרויזאַמסטער שרעקלעכסטער לערע.

אָלענאַ איז ווידער געפאַלן און ווידער אויפגעשטאַנען. פון וואַנען נעמט זיך צו איר קויעך? זי האָט געוואוסט, זי האָט געפילט, אַז אויך אין אָלענאַס האַרצן איז פאַרגליווערט געוואָרן דאָס בלוט פון האַס, וואָס גיט קויעך.

אין יעדער כאַטע הינטער די אָנגעפרוירענע פענצטער שטייען מענטשן און קוקן דורך רעדעלעך, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אַף די טאַפּליעס מיט וואַרעמען אָטעם. צוזאַמען מיט אָלענאַן לויפן זיי איבערן שניי, צוזאַמען מיט איר פאַלן זיי, הויבן זיך אויף, שפּירן די שטעך פון דעם באַגנעט און הערן דעם שוידערלעכן ווילדן געלעכטער פון די טאַליאָנים.

אָלענאַ האָט אַף זיך געפילט די בליקן פון דעם גאַנצן דאָרף. איר אייגן דאָרף, וואו זי איז אויסגעוואַקסן אין אַ שווערער דאָליע, וואו זי האָט זיך דערוואַרט אַ בעסער לעבן, וואו זי האָט מיט אירע אייגענע הענט געבויט אַ גאָלדענע בריק צו אַ גליקלעכער צוקונפט. דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן פון אירע פאַרוואונדעטע פיס, צעריסן פון די שאַרפע, פאַרפרוירענע שטיקער אייז. אַ שרעקלעכער ווייטיק האָט געריסן איר אינגעווייד. אין קאָפּ האָט געהוזשעט. זי האָט זיך ווידער ספּאָטיקעט און איז געפאַלן, קימאַט ניט פילנדיק די קלעפּ פון די קאָלבעס. זי האָט זיך

דער רעגנבויגן

אויפגעהויבן ניט דערפאר וואס מ׳האט זי געשלאגן. ניין, זי האט ניט געוואלט, ניט געקאנט ליגן אפן וועג אונטער סאלדאטישע שטיוול. זי האט ניט געקאנט, ניט געוואלט שענקען דעם סוינע דעם באוואוסטזיין, אז ער האט זי פארפייניקט, פאריאגט אף טויט ווי א הונט פאריאגט א האז. אין דער עמעסן האט זי שוין גארניט ניט געשפירט. דער קערפער איז אפגעלאפן מיט בלוט, געפאלן, זיך געשלעפט איבערן שניי. זי אליין, אלענא, איז געווען אויסער דעם אלעמען, אזוי ווי אין א פיבער טרוים. ווי פון היץ, האט זי געזען דעם וועג, די סאלדאטן. אין די אויערן האט גערוישט, געהוזשעט. „מאמע!“, האט קודריאווי זי לוסטיק א רוף געטאן. עס האבן גערוישט די שפיץ ביימער העט אויבן, דער ווינט האט זיי געוויגט, עס האבן געסקריפעט די פלעקער פון דיביידלעך. א שנעלער פלאם איז געקראכן איבער די באלקנס פון דער בריק, געלעקט זי מיט א פייערדיקער צונג, זיך געהיסן ארויף־צו. מיקאלא האט פארלאזט די כאטע. איז אוועק אף מילכאמע, און האט געמאכט מיט דער האנט צו איר באם אויסבייג פון וועג.

אלענא איז געפאלן. מיט מאטערנייש, אנגעשפארט אף די הענט, האט זי זיך ווידער אויפגעהויבן.

— שנעלער! — האט געשריגן דער סאלדאט, וואס איז געגאנגען הינטער איר.

— דערלאנג איר אין בויך אריין, אין בויך, — האט געראטן דער צווייטער.

— זי קאן נאך קראפירן פאר דער צייט — האט זיך יענער צעלאכט און א שטאך געטאן אלענאן מיטן באגנעט. — זי האט נאך גארניט ניט אויסגעזאגט. זי דארף ערשט אנהויבן ריידן.

— דער קאפיטאן וועט שוין פון איר ארויסציען אלצדינג מיט די קישקעס.

— געוויס, העי, דו, ריר זיך, ריר זיך, — האט דער ערשטער ווידער זיך צעשריען.

— גיב זי נאכאמאל א קיצל, נאכאמאל.

דער באַגנעט האָט זיך אָנגעבויגן. איבער דעם רוקן פון דער פרוי האָבן געטריפט דינע שטראָמעלעך בלוט.

שנעלער, שנעלער! וואָס מיינסטו, גייסט מיט אַ מוזשיק אַף אַ שפּאַציר?

זיי האָט ניט געאַרט וואָס די פרוי פאַרשטייט ניט זייערע ווערטער — זיי האָבן האַנאָע געהאַט פון זייערע געשרייען גופא, פון זייערע זיך־לערייען, די גראָבע רייד. זיי זיינען געווען מיד און בייז, דער פראָסט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, און צוליב אָט־דער פאַרשאַלטענער פרוי איז זיי אויסגעקומען צו פרירן, אַנשטאָט צו שלאָפן רואיק. ס'האָט זיך זיי געוואָלט זי אָנלערנען, איר באַצאָלן פאַר זייער מידקייט, פאַר אָט דער שלאָפלאָזער נאַכט.

און די נאַכט האָט אַרומגעכאַפּט די ערד מיט אַן אומגעוויינלעכן פראָסט, וואָס האָט, דאַכט זיך, דערגרייכט ביז דער סאַמע לעוואָנע און זי פאַרפרוירן ווי אַ שטיק אייז. אין דעם זילבערנעם שיין האָט דער רעגנבויגן פאַרלאָרן זיינע פאַרבן און האָט זיך אָנגעזען אַפן הימל ווי אַ בלייכער פאַס. אָבער באַ בײדע זייטן פון דער לעוואָנע זיינען געשטאַנען צוויי זיילן ליכט. זיי זיינען אויסגעוואַקסן אַפן האָריזאָנט, זיך אויפגעהויבן אין דער הויך אַף ביידע זייטן פון דעם לעוואָנע טעצל, ווי קאָלומנעס פון טריומפאַלע טויערן. זיי האָבן געפינקלט און זיך געמינעט מיט זילבערנער פראָסטיקייט, פון דעם ווייטן הימל ביז די ראַנדן פון דער ערד.

— ריר זיך, פאַרשאַלטענע! — האָבן די סאָלדאַטן געשריען מיט אַלע קויכעס. זיי האָבן געשריען ניט בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָט זיך געוואָלט שרייען. אָט די נאַכט האָט זיי געשראָקן, אָנגעפילט זיי מיט פּאַכעד. זיי האָבן געוואָלט מיטן געשריי און טומל פאַרטויבן די מוירע, וואָס האָט געדריקט אַפן האַרצן, צערייסן דעם פאַרהאַנג פון געהיימניש, אַריינברענגען דאָס געוויינלעכע, דאָס באַקאַנטע אין אָט די שרעקלעכע באַנאַכטיקע שאָען. ס'איז געווען ליכטיק ווי באַטאָג. די לעוואָנע האָט געבלענדעט מיט איר ליכטיקייט און פאַרגאָסן אַלץ אַרום מיט איר זילבערנעם שיין. עס האָבן געפלאַקערט די זיילן ליכט, וואָס זיי האָבן קיינמאָל אַזוינע זאַכן ניט געזען. דער שניי האָט געקריצט אונטער די פיס און

איידעם געזאָגט וועגן א פראָסט, וואָס זיי האָבן אזוינס קיינמאָל ניט דורכגעלעבט און האָבן גאָר ניט פאַרדעכטיקט, אז ס'קען אזוינס זיין. אָנגעכמורעטע, שווייגנדיקע זיינען די כאַטעס געשטאַנען באַם וועג. קיין לעבעדיקער נעפּעש זעט זיך אין ערגעץ ניט — בלויז כאַטעס, וואָס קוקן מיט זייערע אָנגעפרוירענע פענצטער, אזוי ווי מיט לעבעדיקע אויגן, אַף דעם וועג. די שאָטנס, וואָס די הייזער וואַרפן, ציען־צו די בליקן מיט זייער שוואַרצקייט. אין א פינצטערער נאַכט וואָלטן די דייטשן ביכלאַל זיך ניט דערוועגט אַרויסצוגיין אין דרויסן. זיי האָבן געוואוסט, אז אין יעדן ווינקל, הינטער יעדן קוסט וואַרט אַף זיי דער טויט, א בליץ־שנעלער טויט, אזוי אז מען קאָן אפילע ניט קיין פינטל טאָן מיטן אויג. הייגט, אין דעם בלענדנדיקן בליאַסק איז שווער זיך צו באַהאַלטן, זיך אונטער־גאַנוועענען, און דאָך ווערט דאָס האַרץ צונויפגעדריקט פאַר שרעק.

זיי האָבן זיך פּלוצים אַרומגעקוקט, אָנגעשטרענגט די בליקן, גע־פּרואווט דערבליקן עפּעס אין דעם שאָטן פון א שטאַל און האָבן געשריען, קעדיי זיך צוצוגעבן מוט. דער פראָסט האָט געשניטן די באַקן, האָט זיך ווי א קאָרע פון אייז געזעצט אַף די ליפּן. זיי האָבן שנעל, פּיבערדיק געריבן די אויערן, געטופּעט מיט די פיס איבערן שניי און געטריבן די נאַקעטע פרוי איבער דער גאַס, הין און צוריק, הין און צוריק.

ענדלעך איז זיי אָט־די פאַרווײַלונג דערעסן געוואָרן. ס'איז געווען אַלץ דאָס זעלביקע: אָלענאַ איז אַלץ אָפטער געפאַלן, האָט זיך אַלץ לאַנג־זאַמער אויפגעהויבן, נאָר זי האָט ניט געוויינט, ניט געשריען, ניט אַרויסגעוויזן קיין כיישעק זיך צו זען מיט דעם קאַפּיטאַן און אים אויסזאָגן. און דער פראָסט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און האָט שוין ניט בלויז געשניטן דאָס פּאָנעם אָן ראַכמאָנעס און אָנגעגריפן הענט און פיס, נאָר פאַרכאַפּט דעם אָטעם אין ברוסט. דער פראָסט האָט פאַרצויגן די אויגן מיט טרערן און געטרייסלט דאָס לייב מיט א ציטער, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט איינהאַלטן.

— נו, ריר זיך, לויף אהיים! — האָבן זיי זי אוועקגעטריבן צו דער שטאַל, ווי א ווילדע כאַיע. באַם אַרייַנגאַנג האָט זי זיך פאַרהאַקט אַפן שוועל און איז אַנידערגעפאַלן מיטן פּאָנעם צו דער ערד, אינסטינקטיוו

באשיצנדיק מיט די הענט דעם אויפגעבלאָזענעם בויך. אין די שלייפן האָט געקלאַפּט, דאָס האַרץ האָט זיך ווילד געוואָרפן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער פראָסט זי צונויפגעדריקט אין זיינע אומדערבאַרעמדיקע קלאַ־מערן. ס'האָבן זיך אומדערטרעגלעך צעפלאַמט די וואונדן אַפן רוקן, וואָס זי האָט זיי ביז איצט ניט געשפּירט. מיט אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג האָט זי זיך אויפגעהויבן, זיך צוועקגעזעצט און גענומען אומגעשיקט פּאַנאַנדערייבן מיט די פאַרגליווערטע פינגער אירע פליִיצעס, פיס און היפטן. פון די שפּאַלטן אין די ווענט איז אַף דעם ליימענעם דיל געפאַלן די לעוואָנע ליכט מיט גראָדע פּאַסן. אין אַ ווינקל איז געלעגן אַ בינטל שטרוי. זי האָט זיך דערשלעפּט צו דעם, זיך איינגעקאָרטשעט און זיך צוגעלייגט אַף דער שטרוי, זיך געפּרואווט וואָס טיפער איינגראָבן אין איר.

— איך וועל פאַרפרוירן ווערן, — האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין, און ס'איז איר געוואָרן גרינגער.

דער פּעלץ און די שאַל זיינען נאָך באַטאָג געבליבן דאָרט, אַף דער באַנק באַם אָפיציר. און באַנאַכט האָבן די סאָלדאַטן, איידער זיי האָבן זי אַרויסגעטריבן אַף דעם שניי, פון איר אַראָפּגעריסן דאָס גאַנצע אָנטאָן, אַפילע די העמד. „און עפּשער האָבן זיי פאַרגעסן און דאָס אַלץ איבער־געלאָזט דאָ, אין שטאַל?" האָט זי אַ טראַכט געטאָן. זי האָט זיך אַרומ־געקוקט, ניין דאָרט איז גאָרניט ניט געווען. דער דיל איז געווען הויל, און בלויז אָט דאָס בינטל שטרוי האָט איר געגעבן אָפּרו אַף אַ וויִיל.

אין דרויסן איז געווען שטיל. די סאָלדאַטן האָבן, ווייזט אויס, באַשלאָסן, אַז ס'איז ניט נויטיק זי צו היטן, האָבן זיי פאַרשלאָסן די טיר און זיינען אַוועק. איר גאַנצער קערפּער האָט געברענט ווי מיט פייער, זי האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן, האָט מוירע געהאַט איינצושלאָפן און האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט ווי די פּאַסן לעוואָנע־ליכט רוקן זיך פּאַמעלעך אַפן דיל.

פּלוצים האָט זי דערהערט אַ שאָרך. זי האָט זיך איינגעהערט. דער שניי האָט געסקריפּעט, נאָר דאָס זיינען ניט די טריט פון וועכטער. עמעצער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, פּאָרזיכטיק. אַ לייכטער סקריפּ אין שניי,

דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן, און דערנאָך ווידער אַ פֿאַרזיכטיקער סקריפּ. עמעצער האָט זיך אונטערגעגאַנוועט קוים שטעלנדיק אַ פֿוס נאָך אַ פֿוס. אַלענאַ האָט זיך דערשראָקן. וואָס איז דאָס אַזוינס, ווער קאָן דאָס זיין?

די טריט זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. מיסטאָמע האָט זיך דאָס איר אַלץ געדאַכט, געבאַלעמט. נאָר אָט האָט זיך ווידער דערהערט דער סקריפּ. קלאָר, אַז עמעצער איז געקומען. זי האָט זיך עטוואָס אויפֿגעהויבן און געוואַרט. די טריט זיינען געקומען אַלץ נענטער פֿון הינטן, פֿון דער זייט אַנטקעגן דעם טויער. וואוהין וועלן זיי פֿאַרקירעווען? נאָר די טריט האָבן ניט פֿאַרקירעוועט. זיי זיינען געוואָרן לאַנגזאַמער, נאָך מער פֿאַרזיכטיק און זיינען ענדלעך שטיל געוואָרן בײַ דער סאַמע וואַנט.

אַלענאַ האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. עמעצער איז געשטאַנען בײַ דער וואַנט. זי האָט דייטלעך געהערט עמעצן אָטעמען. אָט איז דער מענטש אין דרויסן צוגעפֿאַלן מיטן פּאָנעם צו די בערווענעס און קוקט אַריין אינעווייניק.

זי האָט געוואַרט. ווער איז דאָס? אַ פֿריינט, אַ סוינע, צי אַ צופֿעליקער פֿאַרבייגייער? כאָטש וואָסערע פֿאַרבייגייער קאָנען דאָס זיין באַנאַכט אין דאָרף, וואו ס'איז פֿאַרבאָטן, אונטער דער דראָונג פֿון טויט־שטראָף, אַרויסצוגיין פֿון שטוב נאָך פֿינצטער?

— מומע! — האָט אַ קינדערשע שטים שטיל געשעפּטשעט.

אַלענאַ האָט פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם. פֿון יענער זייט וואַנט איז געשטאַנען אַ קינד. זי האָט געוואָלט ענטפֿערן, נאָר פֿון איר ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן בלויז אַ טעמפּער, דערשטיקטער קרעכץ.

— מומע אַלענאַ!

עמעצער פֿון די שכייניש קינדער האָט זיך אונטערגעגאַנוועט צו דער שטאַל און רופֿט זי. זי האָט אָנגעהויבן קרעכצן.

— מומע אַלענאַ, כ'האָב אייך געבראַכט ברויט.

ברויט. שוין צוויי טעג, אַז זי האָט קיין ביסן אין מויל ניט געהאַט. ניט קיין ברויט און ניט קיין וואַסער. דער הונגער האָט זיך ניט אַזוי שטאַרק געפֿילט, נאָר זי איז אויסגעגאַנגען פֿון דורשט סיי דאָרט, בײַ

ווערנערן בעיים דער אויספאַרשונג, און סיי שפּעטער ליגנדיק אין שטאָל. ווען מ׳האָט זי געטריבן איבערן וועג האָט זיך איר איינגעגעבן אַ כאַפּ צו טאָן עטלעכע זשמעניעס שניי און דערטראָגן זיי צום מויל. דער שניי האָט זי געקרעפטיקט, אָפּגעפרישט דאָס פאַרטריקנטע מויל. נאָר די סאָלדאַטן האָבן דאָס באַמערקט און איר נאָכגעקוקט. דעמאָלט האָט זי געכאַפּט דעם שניי מיט די ליפּן, ווען זי איז געפאַלן צו דער ערד. איצט האָט זי דערפילט, אַז זי איז הונגעריק. אין בויך האָט גענאָגט און דער מאָגן האָט זיך צונויפגעצויגן פון אומדערטרעגלעכע קאַנוואולסיעס.

זי האָט אויסגערעכנט די שטרעקע פון איר ווינקל צו יענעם אָרט, פון וואַנען דאָס אינגל האָט זי גערופן. זי האָט צונויפגענומען די לעצטע קויכעס.

— איך קום, — האָט זי אויסגעשעפּטשעט און האָט גענומען פאַר־זיכטיק קריכן איבער דעם שטיינערנעם דיל, זיך אָנשפּאַרנדיק אַף די עלנבויגנס, אַף אַ זייט. זי האָט געפילט, אַז זי קען שוין מער ניט אויפ־שטיין. דער רוקן און די היפּטן זיינען צעריסן געוואָרן פון שאַרפן ווייטיק, די פיס האָבן געבראָכן, גלייך ווי מ׳וואָלט איבער זיי געקלאַפּט מיט אַ דעמבענעם פלאָקן.

אָלענאַ איז אָפּגעקראָכן אַ שפּאַן, צוויי — און פּלוצעם איז די שטילקייט צעריסן געוואָרן פון אַ קנאַל, וואָס האָט געלעכערט די אויערן. דערנאָך — אַ דינער, שאַרפער אויסגעשריי. זי איז צוגעפאַלן צו דער ערד. אין אַ וויילע אַרום האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ שאָס, אַ שאָס ערגעץ דאָ דערביי. די פרוי האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם מיט אַן אָפענעם מויל און געקוקט אָנגעשטרענגט אַף דער שוואַרצער וואַנט, הינטער וועלכער עס איז עפּעס פאָרגעקומען. ס׳האָט זיך דערהערט דער סקריפּ פון טריט איבערן שניי — פעסטע, שווערע טריט, דייטשישע זידלעריי, אַ קלאַפּ מיט אַ קאָלבע איבער עפּעס אַ ווייכער זאַך. ס׳איז אונטערגעקומען נאָך איינער. איצט האָבן זיי געשריען און זיך געזידלט אין צוויייען. זי האָט זיך צוגעהערט, צי ס׳וועט זיך ניט דערהערן נאָך עפּעס אַ קלאַנג. נאָר דער שאָס האָט, קענטיק, געטראָפן אין ציל.

ערשט איצט האָט זי פּלוצעם דערפילט די אַלע יעסורים פון די לעצטע

צוויי טעג, די אומענטשלעכע מידקייט, די נאָכאַנאַנדיקע אָנשטרענגונג. זי האָט דערפילט, אַז אַלץ דרייט זיך, די ערד וויגט זיך אונטער איר. זי איז פאַרזונקען געוואָרן אין דער פוסטקייט פון כאַלאַשעס.

דער שאָס און דער אויסגעשריי האָבן אָפּגעקלונגען ווייט. אַלץ דייטלעכער זיינען זיי דערהערט געוואָרן אין דער דערבייאיקער כאַטע, וואו שוין אַ גאַנצע שאָ האָבן דריי קעפּ זיך צוגעדריקט צום פענצטער און דריי רעדלעך, געמאַכט מיט ווארעמען אָטעם, האָבן געגעבן די מעג־לעכקייט צו זען די פינצטערע קאָנטורן פון שטאַל.

די קליינינקע זינא האָט זיך צעוויינט:

— מאַמאַ, מישקאַ! מאַמאַ, מישקאַ!

די מוטער האָט איר צונויפגעדריקט די האַנט אַזוי, אַז דאָס קינד האָט אַ געשריי געטאָן פון ווייטיק.

— שווייג!

— מאַמאַ, מישקאַ! וואָס האָבן זיי געטאָן, מאַמאַ?

— דו הערסט ניט? זיי האָבן דערהארגעט אונדזער מישקאַן, — האָט מיט אַ טעמפּער שטים געזאָגט די פרוי.

דער אַכט־יאָריקער סאַשאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער.

— מאַמאַ, איך וועל אַוועקטראָגן דער מומע אַלענאַן ברויט.

— וועסט אין ערגעץ ניט גיין. איצט היטן זיי שוין. זיי וועלן היטן ביז טאָג, — האָט די פרוי שטרענג געענטפערט. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט צוגעגעבן:

— און ס'איז שוין מער ניטאָ קיין ברויט. קיין שטיקל, קיין ברעקל. מישאַ האָט מיטגענומען דאָס לעצטע.

דאָס אינגל איז ווידער צוגעגאַנגען צו פענצטער און האָט אַ קוק געטאָן. נאָר פון דאַנען האָט מען גאָרניט ניט געקענט זען.

מישאַ איז געלעגן בײַ דער וואַנט פון שטאַל. די קויל האָט געטראָפן אין רוקן, אונטערן אַקסל און איז אַדורך דעם קערפּער. דאָס קינד האָט קוים באַוויזן אַ געשריי צו טאָן. דער סאַלדאַט האָט אַ שטויס געטאָן מיטן שטיוול דעם קערפּער פון קינד, און פון דעם קליינינקן פויסט איז אַרויסגעפאַלן אַ שטיקל ברויט.

— געבראכט ברויט, די בעסטיע, — האט דער סאלדאט געזאגט און נאכאמאל א שטויס געטאן מיטן פוס דעם לעבלאזן קערפער. — געוואלט איר געבן עסן.

— זע נאר, ווי ער האט זיך אונטערגעגאנוועט, דער מאשעניק.

— נאך א מינוט און ער וואלט דאס איר געוועז איבערגעגעבן... נאר מיר זיינען ארויס, און כ'האב באלד באמערקט, אז עפעס א קליינס שלעפט זיך און איז שוין בא דער סאמע וואנט. האב איך זיך אנגעצילט...

— א טרעפלעכער שאס, — האט אונטערגעכאפט זיין כאווער, קוקנדיק אף דעם ברוינעם פלעק, וואס האט זיך דורכגעשלאגן דורך דעם גרויען וואל פון דער היימיש-געוועבטער העמד.

— געוויס! איך האב גוטע אויגן! און וואס זאלן מיר טאן מיט אים? איבערלאזן דא?

— ווארט, צו וואס דא? לאמיר אים ארייןווארפן אין ריוו.

דער געדאנק איז בײדן געפעלן. זיי האבן אנגעכאפט דאס קינד פאר די פיס און עם גענומען שלעפן. דאס קעפל האט זיך אנגעקלאפט אן שטיקער פארפרוירענער ערד. די סאלדאטן האבן פאנאנדערגעוויגט דעם קערפער און אים א שליידער געטאן אין דעם פארשנייטן ריוו באם וועג.

— זאל ער דא ליגן. אינטערעסאנט פון וואנען ער איז געקומען...

— דער קאפיטאן וועט מארגן אויסגעפינען. כאטש דעם טייוול וועסטו דא זיך עפעס דערוויסן... די גאנצע באנדע שטייט איינע פאר די אנדערע און שווייגט ווי פארשאלטענע.

— זארג זיך ניט, אונדזער קאפיטאן וועט זיי אויפבינדן די צינגער.

— שוין צייט. כ'וועל דיר זאגן דעם עמעס: ס'פאלט דא אן א שרעק.

דער הויכער סאלדאט האט זיך אנגעשפארט אף זיין ביקס און זיך איינגעקוקט אין דעם פאנעם פון זיין כאווער. נאר ער האט, ווייזט אויס, אין יענעם רונדן פאנעם מיט דער פאריסענער נאז ניט באמערקט קיין פארדעכטיקטע זאך.

— ס'כאפט אן א שרעק... און ווי ס'ווילט זיך אומקערן אהיים! מיין מיכל וועט דעם פרילינג אלט ווערן צען יאר. שוין צוויי יאר אים ניט געזען. בארעכן נאר: צוויי יאר!

דער צוויטער האָט מיטפּילנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך האָב אין הארבסט געהאַט אורלויב.

— באַם אָפּפאָרן האָבן איך צוגעזאָגט, אַז כ'וועל צוריקומען, וועל איך אים קויפן אַ וועלאָסיפּעד. דאָס אינגל ווארט שוין צוויי יאָר אַפן וועלאָסיפּעד. פון דאַנען איז שווער צו שיקן.

— דער פעלדפעבל האָט אוועקגעשיקט גאַנצע צוויי.

דער סאָלדאַט פּאָגעל האָט מוירע געהאַט זיך צו ענטפערן אַף אַט דער פראַגע, און האָט בלויז אומבאַוואוסטזיניק פארשנעלערט זיינע טריט. ער האָט אַ לייכטן זיפץ געטאָן, ווען עס האָט זיך ענדלעך געעפנט די טיר פון דער כאַטע און אַנטקעגן אים האָט זיך אַ ריס געטאָן ווארעמ־קייט, ליכטיקייט, מענטשלעכע שטימען. דער ריוו, דער שניי און אַט די איימעדיקע נאַכט, וואָס נעמט דורך דאָס הארץ מיט שוידער, זיינען געבליבן אין דרויסן. ער האָט פארגעסן אַף אַ מאָמענט וועגן זיין ארעסט. אַף אַ מאָמענט האָט ער זיך דערפילט גליקלעך — ער איז געווען צווישן מענטשן, די נאַכט איז צוריקגעטראָטן, באַזיגט פון מענטשלעכע שטימען, פון דעם ליכט פון לאָמפּ. די נאַכט האָט ניט געקענט אריינדרינגען דורך די ווענט פון דער כאַטע.

— דער קאַפּיטאַן וועט קומען, וועט ער באַפעלן וואָס צו טאָן מיט אייך. בלייבט דאָ ביז אינדערפרי, — האָט דער פעלדפעבל געזאָגט.

ראַשקע און פּאָגעל האָבן זיך אוועקגעזעצט אַפן דיל אין אַ ווינקל. ס'איז געווען ווארעם, אָנגענעם. ראַשקע האָט זיך צוגעשפּארט מיטן קאָפּ צו דער וואַנט און האָט באַלד איינגעדרימלט. נאָר די לייז האָבן ניט גע־לאָזט שלאָפן. יעדע וויילע האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אַ האַלב־שלאָפנדיקער, דערנאָך האָט ער געעפנט די אויגן און זיך אויסגעזידלט.

— מען קען דאָ ניט שלאָפן? אַפן פראָסט זיינען די אויסוואורפן נאָך רואיק, און איצט דעריאָגן זיי, וואָס זיי האָבן ניט אָפּגעטאָן...

זיי האָבן זיך צוגערוקט צום אויוון, אראָפּגעשלעפּט פון זיך די מונדירן און די העמדער, און באַם רויטן שיין פון פלאַקערדיקן האָלץ זיך גענומען פלייסיק כאַפּן לייז אין די פאַלדן פון גראָבן לייוונט.

*
**

מאַליוטשיכע איז געזעסן אַפֿן דיל און האָט שווער געאָטעמט. ניט גרינג איז איר אָנגעקומען צו קריכן דריי הונדערט מעטער איבערן ריוו. אַ מאָל הונדערט האָט זי איינגעגראָבן דעם פּאָנעם אין שניי, אַז די דייטשן זאָלן זי ניט דערזען. זי האָט פּאַרקלעמט די ציין, — וואָס וועט זיין, וועט זיין. זי וועט ניט איבערלאָזן דאָס קינד, אַז ס'זאָל זיך וואַלגערן אין ריוו, ווי אַ הונט.

דער וועג צוריק איז געווען נאָך שווערער. דעם זונס קליין קערפּערל האָט שווער געדריקט אַפֿן רוקן, האָט זיך געהאַלטן אין איין אַראָפּגליטשן אַף אַ זייט און האָט געשטערט איר צו באַוועגן זיך. מיט מאַטערניש איז זי דערקראָכן צום פּלויט, מיט מאַטערניש איז זי אַרויסגעקראָכן פֿון ריוו, ווען די סאָלדאַטן האָבן אין זייער שמועס זיך פֿאַרהאַלטן באַם הויז. און אַט איז זי ענדלעך אין שטוב, און דער קליינינקער מישאַ ליגט אַפֿן טיש אַ גראָדער, אַן אויסגעצויגענער. דורך דער קורצער צייט און ער איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אַפֿן פֿראָסט, גלייך ווי ער וואָלט שוין לאַנג געווען טויט. די קינדער האָבן אַרומגערינגלט דאָס ברודערל. אין דער לעוואָנע־ליכט, וואָס האָט געשטראָמט פֿון פֿענצטער, האָבן זיך דייטלעך אָנגעזען זיינע העלע האָר, וואָס זיינען געווען צעוואָרפֿן אַרום פּאָנעם, און זיין מויל, וואָס איז געווען ברייט צעעפֿנט אין דעם לעצטן אויסגעשריי.

זינאַ האָט פֿאָרזיכטיק אָנגערירט מיט אַ פֿינגער דעם בלוטיקן פֿלעק אַף דער קורטקע.

— וואָס איז דאָס?

— טשעפּע ניט, — האָט סאַשאַ געזאָגט שטרענג. — אָט דאָ האָט מען אין אים אויסגעשאָסן. עמעס, מאַמע?

— יאָ, זונעניו, יאָ, — האָט זי טעמפּ אַ שעפּטשע געטאָן, טאַפּנדיק מיט די פינגער מישאַס ווייכע האָר. אָט איז שוין מישאַ ניטאָ. ערשט ניט לאַנג האָט ער באַהאַלטן אַ שטיקל ברויט פאַר אַלענאַן און איז פּאַרזיכטיק, אַף די שפּיץ־פינגער אַרויס פון דער כאַטע. זי איז געווען זיכער, אַז אים וועט זיך דאָס איינגעבן, אַז ער וועט צוקומען צום שטאַל. נאָר ס'איז אויסגעקומען אַנדערש.

— ניט געדאַרפט געווען לאָזן מישאַן, — האָט פּלוצעם געזאָגט מיט אַ געוויין די קליינינקע זינאַ.

— מ'האָט באַדאַרפט, טעכטערל, מ'האָט באַדאַרפט, — האָט זי אויסגעקרעכצט, — אוי, מ'האָט באַדאַרפט, באַדאַרפט...

— דער מומע אַלענאַן גיט מען דאָרט קיין עסן ניט, — האָט סאַשאַ דערקלערט מיט אַ נידעריקער מענערשער שטים.

— ריכטיק, זונעניו, ריכטיק, — האָט זי אים אונטערגעהאַלטן. — מומע אַלענאַ איז געווען אין דעם זעלבן אַטריאַד מיטן טאַטן... און אָט ווי ס'איז איר באַשערט. אַ פּאַרפּאַלענע איז זי איצט, די מומע אַלענאַ...

— עפּשער זאָל איך איר כאָטש צוברענגען אַביסל קאַרטאָפל, געבליבן פון נעכטן אין טעפּל, — האָט סאַשאַ בערויגעז אַ בורטשע געטאָן.

— ניין זון, איצט וועט שוין קיינער ניט צוקומען צום שטאַל, איצט קוקן זיי שוין מיטביידע אויגן... וועסט אומזיסט אומקומען, אָן שום נוצן... אָט איז קיינער ניט געווען באַם שטאַל, אָבער מישאַן האָבן זיי דערזען.

— מיך וואָלטן זיי ניט דערזען, — איז סאַשאַ געבליבן איינגעשפּאַרט.

— דו רעדסט פּוסטע רייד, און ס'איז ניט גוט צו ריידן... אויב מישאַ איז ניט דורכגעגאַנגען, הייסט עס, אַז קיינער וואָלט ניט דורכגעגאַנגען, קיינער ניט...

סאַשאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן. די מוטער האָט געקוקט אַפן פּאַנעם פון דעם דערהאַרגעטן אינגל און צאַרט געגלעט זיינע האָר.

— נו, וואו זאָלן מיר אים באַגראָבן? מאָרגן וועלן זיי אָנהויבן זוכן, גישטערן. זיי וועלן אים אַוועקנעמען, אויב זיי וועלן אים געפינען.

— לאָמיר אים באַגראָבן אין סאָד, — האָט סאַשאַ פאָרגעשלאָגן.

— ווי קען מען אין סאָד? זיי וועלן דערהערן, אויסשפּירן... און די ערד איז האַרט ווי שטיין, וועסט קיין קיווער ניט אויסגראָבן, סיידן מיט שניי פאַרשיטן...

אומבאַהאָלפענע זיינען זיי געשטאַנען אַרום טיש, וואו דער דער־הארגעטער איז געלעגן.

— וואָס זשע זאָלן מיר טאָן?

— מען דאַרף אים באַגראָבן אין שטוב, — האָט די מוטער אַ שעפּטשע געטאָן.

— אין שטוב? — האָט זיך זינאַ פאַרכידעשט.

— וואו דען? ער וועט ליגן אין דער אייגענער שטוב, וועט בלייבן מיט אונדז... קיין אַנדער זאַך קען איך ניט צוטראַכטן.

— טאַקע, דאָ, אינעווייניק?

זי האָט זיך אומבאַהאָלפן אַרומגעקוקט.

— ניין... מען קען אין פּירהויז.

זיי זיינען אַרוים אין פּירהויז. דאָס פּירהויז איז געווען קליין און ענג. מאַליוטשיכע האָט באַטראַכט דעם ליימענעם דיל.

— אָט דאָ וועלן מיר גראָבן. דערלאַנג, סאַשאַ, די לאָפּעטע, אָט שטייט זי הינטער דער טיר.

זי האָט זיך איבערגעצייל־עמט, אָנגעצייכנט די ליניעס פון קיווער און אָנגעטראָטן מיט דער פוס אויף דער לאָפּעטע.

די ערד איז געווען האַרט, איינגעטאָפּטשעט דורך פיל יאָרן פון אַסאַך פיס. די לאָפּעטע איז ניט געגאַנגען, די ערד האָט זיך אַקשאָנעסדיק געוועהרט. די פרוי האָט באַלד אָנגעהויבן סאָפּען.

— איצט נעם דו, סאַשאַ...

דאָס איינגל האָט אַקשאָנעסדיק געגראָבן, אַרויסשטעקנדיק די צונג פאַר אָנשטרענגונג. זינאַ האָט זיך צוגעזעצט אויף די שפּיץ פינגער און גענומען אָפּשאַרן די ערד מיט די הענט. אַזוי פאַרבייטנדיק איינער דעם

אנדערן האָבן זיי לאַנג, אָקשאָנעסדיק געגראָבן די פאַרהאַרטעוועטע ערד. ווען זיי האָבן דורכגעבראָכן דעם אויבערשטן שיכט, איז עס אַוועק גרינגער. ענדלעך איז דאָס ניט־טיפע קיווערל געווען פאַרטיק.

— נו, קינדער, מען דאַרף אים טאָן זיין רעכט... אוי, אָן אַ קאַסטן וועט מישוטקאַ מוזן ליגן אין דער עריד.

זי האָט אָנגעשעפּט וואַסער פון עמער און זיך גענומען וואַשן דאָס פּאָנעם, די פאַרבלוטיקטע ברוסט, די דאַרע פּלייצעס פון דעם זון, וואָס עס האָט זיך אָנגעזען אַ רונדע לאָך. דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פון קאַסטן אַ ריין העמדל און מיט מאַטערניש אַרויפגעצויגן די אַרבל אויף די פאַרגליווערטע, קאַלטע אָרעמס.

— אַט ס׳אַרא לעוואַיע...

זינאַ האָט זיך צעכליפּעט.

— און דו ווייַן ניט. מישוטקאַ איז געשטאָרבן אַזוי ווי די רויטאַר־מייער שטאַרבן, פאַרשטאַנען? געשטאָרבן פון אַ דייטשישער קויל, פאַר אַ געיערכטער זאַך געשטאָרבן, פאַרשטאַנען?

זי האָט זיך געווענדעט צו זינאַן, נאָר געזאָגט האָט זי דאָס צו זיך אַליין. טרערן זיינען איר צוגעטראָטן צום האַלדז, און זי האָט מוירע געהאַט, אַז זי וועט ניט אויסהאַלטן, אַז זי וועט אַוועקפאַלן אויף די קני באַם קערפּער פון זון און וועט אָנהויבן יאָמערן ווי אַ כאַיע, יאָמערן אַז דאָס גאַנצע דאָרף זאָל הערן פון איר אומגליק, פון איר צאַר, פון איר זונס טויט, איר זון, וואָס זי האָט געבוירן, אויפגעהאָדעוועט, צען יאָר געפלעגט און איצט איז ער אומגעקומען פון אַ דייטשישער קויל.

— דער טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט ווען ער איז אַוועק מיט די פאַרטיזאַנען: „דו זע, פאַרשעם מיך ניט!” און אַט האָט מישוטקאַ אויסגעפאָלגט דעם טאַטנס אָנזאָג, ניט פאַרשעמט די אייגענע... פאַר־שטאַנען?

— פאַרשטאַנען, — האָט זינאַ אַ כליפּע געטאָן.

— און וויינען דאַרף מען ניט. מישוטקאַן וועט זיין שווער צו ליגן,

ווען עס וועלן פאלן אף אים טרערן. מען דארף ניט וויינען. העלף מיר אויסשפרייטן די לייוונט.

זיי האבן אויסגעשפרייט אין גרוב א שטיקל לייוונט, אוועקגעלייגט דעם דערהארגעטן און אים איינגעוויקלט.

— דאס איז צוליב דעם, אז די ערד זאל ניט אריין אין די אויגן, — האט מיט א דין שטימעלע נאכגעזאגט זינא.

— נעם, זינא, א זשמעניע ערד און גיב א ווארף אפן ברודער, — האט מאליוטשיכע געזאגט.

דאס מיידעלע האט זיך צוגעזעצט אף די שפיץ פינגער, אויפגעהויבן א שטיקל ברוינע ליים און א ווארף געטאן אפן לייוונט. נאך איר האט סאשא געטאן דאס זעלביקע. די מוטער האט געווארפן די ערד מיט דער לאפעטע. זי האט אנגעפילט די גרוב, ביז ס'איז פארשוואונדן דאס ווייסע שטיקל לייוונט, ביז דער קייווער האט זיך אויסגעגלייכט מיטן דיל, ביז ס'האט זיך באקומען א קליין בערגל.

— מען דארף איינשטאפן, — האט די פרוי געזאגט, — אניט וועט זיך אנזען. זיי וועלן קומען און אויסגראבן.

אלע דריי האבן זיך גענומען איינשטאפן די ערד. מאליוטשיכע האט געטאפטשעט די ערד טראט נאך טראט, פינקטלעך, פלייסיק. און געטראכט האט זי, אז אט טאפטשעט זי דעם קייווער פון איר זון, וואס דאס איז קעגן מינעג, קעגן איר אייגענעם הארצן. קיינער האט אזוינס קיינמאל ניט געטאן. נאר אט טאפטשעט זי דעם ליכטיקן קאפ פון איר זון, זיין פאר־בלוטיקטע ברוסט, זיינע דארע קינדערשע הענט און פיס.

— אזוי מוז מען, — האט זי אין דער הויך געענטפערט אירע אייגענע געדאנקען, און די קלייניקנע זינא האט נאכגעזאגט ווי א ווידער־קאל:

— אזוי מוז מען...

— וועט זיין גענוג? — האט סאשע געפרעגט.

— ניין, זון, ניין. די ערד איז נאך ווייך, מען דערקענט נאך. טאפטשע, טאפטשע ווייטער, ביז ס'וועט זיך אינגאנצן אויסגלייכן.

דער רעגנבויגן

זי האָט פּלייסיק צונויפגענומען די פאַרבליבענע ערד, זי אַריינגע־טראָגן אין שטוב און צעשאָטן לעבן אויוון. זי האָט פאַרקערט דאָס פּירהויז, אַז מען זאָל ניט באַמערקן קיין שפּורן פון קייווער. דערנאָך האָט זי פון אויבן אָנגעוואָרפן שפּענדלעך און שטרוי, ווי געוויינלעך אפן דיל אין פּירהויז.

— מען זעט ניט?

סאַשאַ האָט זיך איינגעקוקט:

— ניין... און באַטאָג, ווען ס'וועט ווערן ליכטיק, וועט מען קענען פאַריכטן.

מאַליוטשיכע איז געשטאַנען און האָט געקוקט אף אָט דעם מעשׂו־נעדיקן קייווער פון איר זון, באַדעקט מיט שטרויעלעך און שפּענדלעך. פון מישוטקאַן איז קיין שפּור ניט געבליבן. עס מאַכט זיך, אַז עס שטאַרבן קינדער. האָט יעדער קינד זיין קאַסטן און זיין קייווער, באַוואַקסן מיט גרינעם גראָז. און פון איר מישקאַן איז קיין שפּור ניט געבליבן. ער ליגט אין דער אייגענער כאַטע, נאָר אַפילו זי אַליין וואָלט אים ניט געפונען, ווען זי זאָל ניט וויסן וואו ער ליגט.

— גייט שלאָפן, קינדער, — האָט זי געזאָגט.

— און דו?

— איך וועל זיך צולייגן. ס'איז שוין באַלד טאָג. מען דאַרף זיך אויסשלאָפן.

זי איז אָבער ניט געשלאָפן. זי האָט געטראַכט וועגן מישוטקאַן, געטראַכט וועגן מאַן, וואָס איז אוועק מיט די פּאַרטיזאַנען. אין דער אַרמיי האָט מען אים ניט גענומען, נאָך אין אַכצנטן יאָר האָט ער פאַרלאָרן צוויי פינגער און מ'האָט אים פאַרבראַקירט. אָבער די פּאַרטיזאַנען קוקן ניט, צי איינער האָט פינגער אָדער ניט, איז ער אוועק מיט די פּאַרטיזאַנען.

וועט ער קומען, פלאַטאָן, און פרעגן: וואו איז מישקאַ? שטענדיק זיין ליבלינג געווען. וואָס זשע וועט זי ענטפערן דעם מאַן? אַז מישוטקאַ ליגט אין פּירהויז, אונטער דעם ליימענעם דיל, מיט אַ דייטשישער קויל אין הארצן?

און דאָך האָט זי געוואוסט אַז פּלאַטאָן וועט אויסהערן אַט די פּינצטערע בסורע גאַנץ רואיק; אַז ער וועט זאָגן דאָס זעלביקע וואָס ער האָט געזאָגט, ווען די דייטשן זיינען צוגעקומען צום דאָרף און ער, צוזאַ־מען מיט אַנדערע, האָט מיט אַ פּעקל אָפּן אַקסל זיך אַוועקגעלאָזט ווייט אין וואַלד אַריין, וואו דער אָטריאַד האָט זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן. „און דו, אַלטיטשקע, האַלט זיך. טאָמער עפּעס — כאַפּ אַ פּלאַקן, אַ האַק, וואָס עס מאַכט זיך. אָבער לאָז זיך ניט. איצט איז אַזאַ צייט, אַז אַלע דאַרפן זיך שלאָגן. אַלטע לייט, ווייבער און אַפילו — קינדער!".

פּלאַטאָן וועט זאָגן:

„נו, יאָ, אונדזער מישוטקאַ איז אומגעקומען אין קאַמף מיט די דייטשן. וויין ניט, אַלטע, ער איז אומגעקומען פאַרן אייגענעם לאַנד. פאַרשטאַנען?"

און מאַליוטשיכע האָט ניט געוויינט. זי האָט געקוקט מיט ברייט־געעפנטע אויגן אָף דער טיר, הינטער וועלכער ס'איז געווען באַהאַלטן, אונטערן דיל אין פּירהויז, איר זונס קיוועך.

***

אין דרויסן האָבן די וועכטער נאָך אַלץ גערעדט וועגן די געשעע־נישן פון דער נאַכט.

— אַ טייוולשער פּלאַץ. ווער האָט אים געקאָנט צונעמען? ראַשקע זאָגט אַז זיי האָבן גאָרניט ניט געהערט. און דער שניי סקריפּעט דאָך ווי נאָר מען גיט אַ טראָט.

— ווער ווייסט זיי? — האָט אַ צווייטער אַ מורמל געטאָן. — מען קאָן דען דאָ עפּעס פאַרשטיין?

און זיי האָבן זיך אַלץ אָפטער ארומגעקוקט.

ס'האָט זיך געדאַכט — אָט האָט אַ סקריפּע געטאָן דער שניי, זייער דייטלעך אַ סקריפּע געטאָן, און ס'הערן זיך טריט. מען קוקט זיך ארום — ניטאָ גאָרניט. ארום דער לעוואַנע האָט זיך געשאַפן אַ נעפּלדיקער,

לויכטנדיקער קרייז. די ליכט זיילן, די קאָלומנעס פון טריומף טויער האָבן זיך לאַנגזאַם געלאָשן, געטונקלט.

— ס'איז דאַכט זיך, געוואָרן וואַרעמער, — האָט באַמערקט איינער פון די סאָלדאַטן.

— וואָסער וואַרעמער! איך וואַרט אַז אָט־אָט וועלן באַ מיר אָפּפאַלן די אויערן. אַף דער לופט איז נאָך צו דערליידן, נאָר אַז מען גייט אַריין אין הויז און מען זיצט אַביסל אין דער וואַרעמקייט, ברענט עס ווי מיט פייער.

— מיסטאָמע אָפּגעפרוירן.

— אַוואַדע אָפּגעפרוירן. און די פיס טוען אויך וויי ווי דער טייוול. ס'וועט זיך אָנהויבן די אָדליהע, וועלן זיי פאַרפוילן לעבעדיקערהייט.

— וועט דיר זיין בעסער, מ'וועט דיך אָפּשיקן אין שפּיטאָל.

— יאָ, באַלד וועט מען אָפּשיקן! מאַלערן האָט מען אָפּגעשיקט? און באַ אים זיינען די פיס אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן.

— און דו שריי ניט.

— קיינער איז ניטאָ.

— דיר דאַכט זיך נאָר, אַז קיינער איז ניטאָ, אָבער דער פעלדפעבל וועט מאָרגן אַלץ וויסן.

— סיידן דו וועסט אַוועקלויפן און פאַרמאַסערן.

— העי, דו ווילסט אין די ציין אַריין?

— וואָס ביסטו אין כּעס? רייד ניט קיין נאַרישקייטן. ניטאָ קיין ניסים.

— ניטאָ. געוויס זיינען ניטאָ קיין ניסים. דו זאָגט מיר אָבער: ווער האָט אַוועקגעשלעפּט דעם קערפּער?

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. איך רייד וועגן פעלדפעבל.

— וועגן פעלדפעבל!

דער זוים אַרום דער לעוואָנע איז געוואָרן אַלץ ברייטער, געדיכטער און האָט זיך אויסגעטיילט מיט מילכיקער בלויקייט אַף דעם דורכזיכטיקן הימל.

— זאָג דיר וואָס דו ווילסט, דער פראָסט וואָלט באַדאַרפט ווערן

שטאַרקער אַנטקעגן טאָג, און איצט איז גאָר געוואָרן וואַרעמער.

— עפשער איז געוואָרן וואַרעמער.

— איך זאָג דיר, דער וועטער בייט זיך. מיר ברעכן די פיס.

— רעוומאַטיזם?

— רעוומאַטיזם, אַן אַלטע געשיכטע. ווי נאָר דער וועטער הויבט זיך אָן בייטן, אַזוי נעמט עס ברעכן און ברעכן.

ער האָט געשפּאַנט הין און צוריק איבער דער גאַס.

— און יענע באַבע איז נאָך אַלץ אין שטאַל?

— יאָ.

— זי וועט פאַרפרוירן ווערן ביז אינדערפרי.

— אויב ס'וועט ווערן וואַרעמער, וועט זי ניט פאַרפרוירן ווערן.

— אַ פאַרשיווע אַרבעט — דאָס אינגל, די פרוי...

— און וואָס האָסטו געוואָלט? אַזאַ מין פרוי וועט דיר אַ זעץ טאָן אין זייט, אַז דו וועסט אַפילו קיין קרעכץ ניט טאָן... און ערגער פון אַלץ זיינען די אינגלעך. קריכן דורך אומעטום. מען שיקט זיי אַהער שפּיאָנירן. זיי זיינען אַף אַ ווייל אַנטשווינגן געוואָרן.

— איך וואָלט דאָס אַלץ אַנדערש געמאַכט. ווי דער קאַפּיטאַן אין יענעם דאָרף, געדענקסטו?

דער קורנאָסער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— פאַרשטייסט, זיי וועלן באַ אונדז קיינמאָל ניט אַרבעטן. איך קען זיי שוין. סיי ווי וועט מען זיי מוזן פאַרניכטן, איז שוין בעסער מיטאַמאָל. וואָלט געווען אַ סאַך רואיקער.

— אַלעמען?

— אַלעמען. זעסט דאָך אַליין וואָסערע מענטשן דאָס זיינען. אַפילו קליינע קינדער זיינען שוין אויך אַגיטירטע. מיר וועלן זיי ניט איבער־דערציען. און צו וואָס? ס'איז אומזיסטע אַרבעט. זיי זיינען גאָר אַנדערע מענטשן, און אַזוינע וועלן זיי שוין בלייבן.

דער סאָלדאַט האָט אַ זיפץ געטאָן און גאָרניט געענטפערט. די

רעגנבויגנדיקע זיילן אַף די ביימער באַם וועג האָבן אַ שאָרך געטאָן. ס'האָט זיך פון זיי אַ שאָט געטאָן צעשטויבטער שניי. די לעוואַנע האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, דורך וועלכן זי האָט געלויכטן בלאַס און אָפּגעבליאַקעוועט.

— זע ווי דער וועטער ענדערט זיך. די לעוואַנע האָט נאָר וואָס געלויכטן ווי די זון און איצט זעט מען זי קוים ארויס.

— ס'הויבט זיך אויף אַ ווינט.

— ס'איז גוט וואָס עס ווערט וואַרעמער. אין אַזאַ פראָסט קאָן מען קראַפּירן.

דער שנײ אונטער די פיס האָט געסקריפּעט, אָבער שוין אָן אַ גרילץ. דער וועטער האָט זיך בליץ־שנעל געענדערט. די גלעזערנע דורכזיכטיקייט פון הימל איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ גרויער פאַרע, דער ווינט איז געוואָרן שטאַרקער און האָט אָנגעהויבן פלעכטן לאַנגע שנייאיקע שטריק אין פעלד. דער קאַלטער ווינט האָט דורכגענומען דאָס לייב ביז די ביינער. האָט געבלאָזן אין פּאָנעם אריין, געקראָכן אונטערן דינעם שינעל.

— אָט האָסטו דיר, וואַרעמער געוואָרן...

— וויפל איז נאָך געבליבן?

— ביז טאָג איז נאָך ווייט. וועסט זיך נאָך אָנטאָפּטשען.

פון דער ווייטנס איז פון דעם מיט־שניי באַדעקטן פלאַכלאַנד אָנגעוואַקסן און געקומען אַלץ נעענטער אַ מאָדנער גערויש.

— וואָס איז דאָס?

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט. דער גערויש איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און האָט זיך פּלוצעם אַראָפּגעלאָזט אָפן דאָרף מיט אַן אויסגעצויגענעם יאָמער. די בוימער האָבן זיך אָנגעהויבן וויגן און ציטערן מיט אַלע צווייגן. דער ווינט האָט געריסן פון דער ערד דעם שטויביקן שניי, אים פאַנאַנדערגעוואָרפן און אויפגעהויבן אין דער לופטן. פון אומעטום האָט זיך געשאָטן זילבערנע, טרוקענע מעל. די וועכטער האָבן זיך קוים באַוועגט, איינגעבויגענע, מיט די קעפּ אויסגעשטרעקט אַף פאָרויס. ווען זיי האָבן זיך אויסגעדרייט און דער ווינט האָט געבלאָזן אין רוקן, איז געווען גרינג צו גיין, ס'האָט זיי געטראָגן ווי אַף פליגל. נאָר

וואנדא וואַשילעווסקא

דער ווינט האָט געהאַלטן אין איין בייטן זיין ריכטונג, האָט זיך געוואָרפן אַף רעכטס און אַף לינקס, איז אַריבערגעשפּרונגען דעם וועג, אויפגעהויבן הויכע זיילן שניי, זיי אויסגעצויגן אין דער הויך און זיי פּלוצעם אַ שליידער געטאָן צו דער ערד און זיי צעשאָטן ווי ווייסן פּוך.

— נו, אַ ווינטער! איצט הויבט אָן אַ זאַווערוכע. אין אַזאַ שטורעם קאָן מען שוין גאָרניט ניט זען.

און ביידע האָבן, ווי אַף אַ באַפעל, זיך אומגעקוקט אַריבערן אַקסל. נאָר דער וועג איז געווען פּוסט און איינזאַם, ווי פריער.

☆

דריטער קאַפּיטל

„מיין טייערע לואיזע...

קאַפּיטאַן ווערנער האָט אויפגעהויבן די אויגן פון בריוו און זיך פאַרקוקט אין פענצטער. אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ זאַווערוכע. עס האָט זיך געדאַכט אַז עס גייט אַ שניי. נאָר דאָס האָט בלויז דער ווינט אויפגעהויבן אין דער הויך הורבעס שניי, זיי געריסן אויף שטיקער, פאַר־שאָטן די קוסטעס, געשמיסן מיט שניי אין די טאַפּליעס און געוואָיעט אויף אַ קול. דער ווינט האָט זיך רעציכעדיק געוואָרפן אויף דעם ווייסן פלאַכלאַנד, איז געוואָרן שטאַרקער, האָט געפּאַטשט מיט פליגל אויף דער ערד און האָט געשטורעמט דאָס דאָרף אַזוי, אַז די כאַטעס האָבן געציטערט.

אומעט און לאַנגווייל האָבן פאַרפלייצט קורט ווערנערס האַרץ. ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, די זאַווערוכע האָט אים אָפּגעשניטן פון דער וועלט, אַלץ איז דערטרונקען געוואָרן אין שנייאיקע שטראָמען, אין שנייאיקע ווירבלען, אין פליענדיקן שניי, צעמאַלן ווי זאַמד אין מידבער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין הויז אין דרעזדען. וואָס טוען דאָרט איצט די קינדער, די פרוי? ער האָט זיי שוין לאַנג ניט געזען. ווען מ'איז אָפּגעפאָרן פון פראַנקרייך האָט ער געהאָפט, אַז אים וועט זיך איינגעבן צוצופאָרן אַהיים אויף אַ טאָג־צוויי. מען האָט זיי אָבער דורכגעפירט דורך דייטשלאַנד אין מעשוגענער אייליעניש, ניט דערלויבט אַרויסצוגיין אפילע אויף אַ מינוט בײַ די סטאַנציעס. פון די פענצטער פון וואַגאָן האָט ער געזען ווי זיין היים־שטאָט איז שנעל פאַרבייגעלאָפן און אים האָט זיך

אײנגעגעבן בלויז א קוק צו טאָן אין דער ריכטונג, וואו זײן פאמיליע האָט געוואוינט. און איצט האָט זיך אים שרעקלעך פארוואָלט ארײנצוגײן אהיים כאָטש אף א האַלבער שאָ, כאָטש אף צען מינוט. דאָרט יאָמערט ניט קײן ווינט, עס דראָעט דאָרט ניט יעדע מינוט דער טויט, א באהאַלטע־נער אין די פּראַסטיקע גריבער. זײ זיצן באַם טיש, טרינקען קאַווע, לואיזע שנײדט ברויט. ס׳איז וואַרעם, הײמלעך. לואיזע שמײכלט, דערלאַנגט דאָס טעפּעלע מיט אירע פּוכקע הענט. ווען וועט ער ענדלעך זיך אומקערן אהיים?

אים האָט ארומגעכאַפּט א טעמפּער פארדרוס אף אַלץ און אף אַלעמען. אף פּוסיאַן, וואָס האַלט אין אײן קאַפּריזעווען, שלאָפט ביז האַלבן טאָג און באַקלאָגט זיך אף דעם לאַנגוויל; עס פעלט איר גאָר קײנמאָל ניט אײן צו פארבעטן דאָס בעט, אויפראַמען דעם צימער. מיט עקל האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם ניט פארבעטן בעט, אָן די אָפּגעררוי־בערטע שטיקלעך פּאַפּיראָסן אפן דיל, די קאָסמעטישע שערעלעך און צוועגגלעך פאַר די האָר און נעגל, וואָס וואַלגערן זיך אפן טיש לעבן דעם ברויט מיט פּוטער.

די רײנינקע וואוינונג אין דרעזדען, יעדע זאַך אף אָן אײגענעם אָרט, לואיזע שטענדיק מיט א שמאַטע אין האַנט, ווישט אָפּ דעם שטויב... אים האָט אָנגעכאַפּט א קאַס אף די אײגענע סאָלדאַטן, — נאַרישע, טעמפּע, לויזיקע, קראַנקע אף אַלערלײ קרענק, אָפּגעפּרוירענע. און א שרעקלעכער צאָרן קעגן אָט דעם דאָרף, וואו מענטשן גײען אים פארבײ און קוקן אף דער ערד, און דאָך ווײסט ער, אז אין די אויגן פון יעדן אײנעם איז באהאַלטן א טיפע סינע און אז מיט קײן קויעך אף דער וועלט וועט ער פון זײ ניט ארויסקריגן דאָס, וואָס ער דאַרף: שרעק און געהאָרכ־זאַמקײט.

— איך וועל אײך נאָך ווײזן, — האָט ער א מורמל געטאָן דורך די פארקוועטשטע צײן. זײן בליק איז געפאַלן אף דעם ווײסן בײגעלע פּאַפּיר. ער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן טיש און אָנגעהויבן שנעל שרײבן, אזוי שנעל, אז קלײנע טראָפּעלעך טינט האָבן געשפּריצט אין אַלע זײטן.

„איך צײל די טעג, ווען איך וועל זיך ענדלעך ווידער געפינען מיט

דיר. מיר גייען פאָרויס, לואיזע, מיר גייען די גאַנצע צייט פאָרויס איבער אַט דער שרעקלעכער, ווילדער, באַרבאַרישער ערד, און אונדזער קאָמפּאַניע וועט זיך שנעל ענדיקן מיט אַ פולשטענדיקן זיג."

זאָל זיך לואיזע פרייען. זי ווייסט ניט אַז זיי שטייען שוין דריי כאַדאָשים אַף איין אָרט, — מען קען דאָך ניט אַריינעמען אין כעשבן דאָס איינע אומגליקלעכע דאָרף, — אַז שוין דריי כאַדאָשים דערגייט זיי די יאָרן דער שרעקלעכער, אומדערבאַרעמדיקער פראָסט; אַז אין די וועל־דער און אין די גריבער טשאַטעווען אַף זיי פּאַרטיזאַנען; אַז סאָלדאַטן ווערן אָפּגעשוואַכט מיט יעדן טאָג און עס קומען צו אַלץ מער קראַנקע; אַז פון דעם אָפּטייל, מיט וועלכן ער איז אַרויסגעפאָרן פון פראַנקרייך, איז קימאַט קיינער ניט געבליבן; אַז פון זיינע דרעזדענער פריינט איז קיינער, מיט דעם אויסנאַם פון שומאַכערן שוין ניט צווישן די לעבעדיקע. ניין, דאָס וועט זי זיך ניט דערוויסן. פון וואַנען? אַ בריוו פון פראָנט דאַרף אָטעמען מיט מונטערקייט, דאַרף אויפהויבן דעם פּאַטריאָטישן גייסט. ביפראָט נאָך, אַז כוץ לואיזען און פאַר לואיזען וועלן דעם בריוו לייענען אַנדערע, — לייענען און אורטיילן פון אים וועגן דער שטימונג פון קורט ווערנער.

„דער ווינטער איז דאָ אַ שרעקלעכער, מיר זיינען ניט געוואוינט צו אַזוינע פרעסט. נאָר אונדז דערוואַרעמט דער באַפעל פון פירער און מיר זיינען שטאָלץ דערמיט, וואָס אונדז איז באַשערט דורכצופירן זיין גרויסן פּלאַן און צו דינען דער גרויסקייט פון דייטשלאַנד".

ער האָט אָנגעשריבן נאָך עטלעכע פראַזן און האָט אַלץ איבערגע־לייענט פון אָנהויב. יאָ, דאָס קלינגט ניט שלעכט, בעסער ווי די בלעטלעך פאַר די סאָלדאַטן, וואָס מען שיקט זיי פון דייטשלאַנד. מער מוטיק, מער איבערציייגנדיק.

ער האָט נאָך אַ ווייל אַ טראַכט געטאָן, געביסן דאָס הענטל פון דער פען, נאָר ער האָט באַשלאָסן, אַז עס וועט זיין גענוג. מען דאַרף זיך אָבער נאָכפרעגן אַף די קינדער, מען דאַרף אין דעם בריוו זיך אַרויסווייזן ווי אַ געטרייער פאָטער און מאַן.

„מיין טייערע, ווי אַזוי קומסטו אויס? ווי איז ליזעס געזונט? איז

ווילי שוין דערהאַלט פון דער אַנגינע? איך וועל אים פּרוּאוון שיקן פּוטער אַף אַ מאַנטל, וועט ער זיך אַזוי אָפט ניט פאַרקילן. דו האָסט געבעטן זאָקן. צום באַדויערן איז מיר דערווייל שווער דאָס צו קריגן. מיר שטייען אַלץ אין דערפער. ווי נאָר מיר וועלן פאַרנעמען עפּעס אַ שטאָט, וועל איך פּרוּאוון קריגן זאָקן פאַר דיר. לעצטע וואָך האָב איך אייך געשיקט פּוטער. איך בעט דיך באַשטעטיקן פּינקטלעך די פּעקלעך, וואָס דו באַקומסט. איך וועל קומענדיקע וואָך אַרויסשיקן האָניק. גיב אַכטונג אַף ווילים האַלדז".

מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— ווער איז דאָרט?

— דער סטאַראָסטע איז געקומען.

— זאָל ער צוואַרטן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַריבערן אַקסל און זיך ווידער איינגעבויגן איבערן בריוו. אָבער זיינע געדאַנקען זיינען אַוועק מיט אַן אַנדער וועג, זיי האָבן זיך שוין אַריבערגעוואָרפן פון דער היים אין דרעזדען צום אוקראַינער דאָרף, און די ערגעניש האָט אים געשטערט צו שרייבן. ער האָט שנעל פאַרענדיקט מיט קושן און גרוסן. אונטערגעשריבן דעם נאָמען און שנעל אַריינגעלייגט דעם בריוו אין אַ קאָנווערט.

— נו, וואו איז ער דאָרטן? זאָל ער אַריין.

אַ הויכער, איינגעבויגענער מאַן האָט זיך באַוויזן בײַ דער טיר.

— איר האָט נאָך מיר געשיקט, הער קאַפּיטאַן?

ער האָט אויסגעצויגן די פיס אונטערן טיש און אַ ווייל געקוקט פאַרשנדיק אַף דעם מאַן, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען.

— ווען וועט ענדלעך פאַרטיק ווערן דער טראַנספּאָרט ווייץ? — האָט ער פלוצעם אַ זאָג געטאָן און זיך אָנגעבויגן אַף פאָרויס.

דער סטאַראָסטע האָט אַ ציטער געטאָן און אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען.

— איך טו אַלץ, וואָס איך קאָן, ניטאָ קיין ווייץ...

— וואָס הייסט ניטאָ? אין דאָרף זיינען דאָ דריי הונדערט הייזער,

די גערעטעניש איז הײיאַר געװען אַן אױסגעצײכנטע, און ס'איז ניטאַ קײן װײץ? מ'האָט באַהאַלטן!

יענער האָט אַ זיפץ געטאָן.

— מ'האָט זיכער באַהאַלטן...

ער האָט אָנגעװיזן אױף דעם שנײ־אורגאַן, װאָס האָט זיך צעשפּילט אין דרױסן.

— װאו קאָן מען דאָ זוכן? װאו קאָן מען געפינען?

— מען קאָן געפינען, — האָט אים דער קאַפּיטאַן איבערגעריסן. — מען דאַרף נאָר זוכן װי ס'באַדאַרף צו זײן, הער גאַפּליק, װי געהעריק אַ זוך טאָן. יוצא.

דער סטאַראָסטע האָט זיך פאַרזיכטיק צוגעזעצט אױפן עק שטול.

— איך בין מיט אײך ניט צופרידן. גאָרניט צופרידן. אײגנטלעך פאַרשטײ איך אַפילע ניט צו װאָס מ'האָט אײך געשיקט אַהער... עס װאָלט עפּשער געװען בעסער צו געפינען אַ היגן... איר האָט זיך דאָך אין אַ בוידעש צײט אַפילע ניט באַקענט מיט די מענטשן. איר װײסט װער עס װאױנט בײַ אײך אין דאָרף?

אין די אױגן פון דעם סטאַראָסטע האָט אַ פינקל געטאָן אַ פרײדיק פײערל. ער האָט צוגעבאָמקעט אין אײלעניש און געשאָקלט מיט זײן קלײנעם ליסן קאָפּ.

— געװיס ניט באַקענט... דאָס דאָרף איז גרױס, און מיט מיר װעט מען דאָך ניט... אַ היגן װאָלט דאָ געװען גרינגער.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געװיגט אױפן שטול.

— אַהאַ... אײך געפעלט, הײסט עס, ניט זײער שטאַרק אײער אַמט, אַ? — האָט ער כיטרע אַ פרעג געטאָן.

גאַפּליק האָט געדרײט דאָס היטל אין די הענט און געשװיגן.

— אזוי, אזוי... פאַרגעסט אָבער ניט, אַז דאָרט װאָלטן אײך די רויט אַרמײער געװען דערשאָסן, אָדער נאָך ערגער — די פּױערים װאָלטן אײך געװען דערשטאָכן מיט די הײ־גאָפּלען... איר האָט אײער לעבן צו פאַרדאַנקען דער דײטשישער מאַכט, און איר דאַרפט אױספאָלגן דאָס

וואָס די מאַכט פּאָדערט, ספּעציעל ווען זי פּאָדערט גאָר גיט קיין סאַך. ניט עמעס?

דער פויער האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אָן באַגייסטערונג נעמט איר זיך צו דער אַרבעט, אָן באַגייסטערונג... די באָלשעוויקעס האָבן באַ אייך צוגענומען די ערד, געהאַלטן אייך אין טורמע, האָבן מיר געמיינט אַז איר וועט טאָן אַלץ אין אייערע קויכעס. און אין דער עמעסן — גאָר ניט. וואָס אונדזערע סאָלדאַטן גיט זיך איין אויסצוקוועטשן פון דאָרף, דאָס האָבן מיר, און קיין רעזולטאַטן פון אייערע באַמיונגען זעט מען ניט. און קיין אינפאָרמאַציע קריגן מיר פון אייך קימאַט אינגאַנצן ניט.

— איך האָב דאָך געמאָלדן פון אָט־דער פרוי קאַסטיוק...

ער האָט זיך געפּרואווט ראַטעווען מיט אָט דעם איינציקן דערפאָלג זיינעם. וועגן אָלענאַן האָט ער זיך דערוואוסט צופעליק, ווען ער האָט זיך אונטערגעהערט בעיים ער האָט זיך געגאַנוועט הינטן אַרום צו דער קאָמענדאַנטור.

ווערנער האָט געמאַכט אַ גרימאַסע.

— נו, גוט, און וואָס נאָך?

— וועגן דער לערערן... — האָט גאַפּליק אַ מורמל געטאָן.

— נו, יאָ, וועגן דער לערערן... דאָס איז זייער ווייניק און דערצו פּאָדערט זיך נאָך אַ באַשטעטיקונג.

— אַ היגן וואָלט געוועזן גרינגער.

— דרייט מיר ניט קיין קאָפּ מיט די היגע! געווים וואָלט געוועזן גרינגער, אָבער וואו נעמט מען אַ היגן? דריי הונדערט הייזער און דריי הונדערט פאַמיליעס אין קאָלכאָז! קיין איין אינדיווידועלער פויער. די ערד האָט מען אָפּגענומען באַ אַ פּאָרעץ, און די פויערים, איר ווייסט דאָך אַליין... אָרעמשאַפט, אָפּגעריסענע... האָבן אַ דאַנק די באָלשעוויקעס זיך דערשלאָגן צו ערד! די מערהייט זיינען געוועזענע באַטראַקעס, „הענט“ באַם פּאָרעץ! פון וואַנען וועט איר דאָ קריגן אַ מענטשן? — איז ווערנער אין קאַס געוואָרן און האָט אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין טיש. — איר דאַרפט זיך פלייסן, טאָן אייער אַרבעט, אַניט וועל איך זיך צו אייך נעמען

גאר אנדערש, גאפליק. איך גיב אייך דריי טעג, און ס'זאל מיר צוגע־שטעלט ווערן די וויין! דער ארמיי דארף מען געבן עסן. די ארמיי וועט דא ניט אויסגיין פאר הונגער דערפאר, וואס איר קאנט זיך ניט ספראווען מיט די מוזשיקעס.

— איינער אליין וועל איך גארניט ניט אויפטאן, — האט דער סטא־ראסטע געזאגט מיט א פינצטערן טאן, — מען דארף האבן די הילף פון דער ארמיי.

— איך זאג זיך דען אפ אייך צו געבן הילף? אז ס'וועט נויטיק זיין הילף, וועל איך העלפן, נאר איר דארפט אויך עפעס טאן, א טראכט טאן וועגן עפעס.

דעם סטאראסטעס קליינינקע אייגעלעך זיינען געווארן פרייליכער.

— גוט, כ'וועל צוטראכטן א פלאן און אייך לאזן וויסן.

— גוט, גוט, אבער טראכט ניט צו לאנג. געדענקט, פיר טעג. און וועגן אט דעם אינגל, מוז מען אפזוכן די שולדיקע, מען מוז — א ניט וועט איר זיין פאראנטוואָרטלעך, דערפאר טאקע גיב איך אייך פיר טעג!

ער האט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער און געקוקט ווי אין דרויסן האט געהוליעט די זאווערוכע און עס האט זיך געדרייט דער שניי. דאס הויז האט געסקריפעט און געקרעכצט אין דעם געראנגל מיטן הוראגאן. גאפליק האט פארשטאנען, אז דער געשפרעך איז געענדיקט. ער האט זיך נידעריק פארנויגט פארן פיר עקיקן רוקן פון דעם קאפיטאן און איז ארויס.

ערשט אין גאס האט ער זיך דערוועגט אנצוטאן דאס היטל. ער איז געגאנגען, דעם קאפ ארייגעצויגן אין די פלייצעס, און האפנונגסלאז געטראכט וועגן דעם, וואס ער זאל טאן קעדיי ענדלעך ארויסצוקוועטשן א ביסל טוואוע פון דעם איינגעשפארטן דארף. ער האט זיך פלוצעם אויפגעכאפט פון זיינע ניט פרייליכע געדאנקען און איז א דערשראקענער אפגעשפרונגען אן א זייט. א גרויער אלטער מאן האט זיך איינגעקוקט אין אים, און ווען ער האט אים דערקענט, האט ער מיט פאראכטונג א שפיי געטאן און האט אפגעקירעוועט פון וועג צו די כאטעס.

גאפליק האט זיך אין איילעניש אומגעקערט אהיים, ארויסגעשלעפט

פאפיר פון שופלאד און האט, אן איינגעבויגענער איבערן טיש, זיך גענומען שרייבן א באפעל. ער האט איינגעבויגן דעם קאפ אף רעכטס און אף לינקס, געשריבן, געמעקט און געזיפצט. אים האט געשטערט דער ווינט, וואס האט געיאמערט אין דרויסן, די דאקוטשענדיקע דערינערונג וועגן דעם קאפיטאנס שטרענגער שטים און די ניט ווייניקער שרעקלעכע דערינערונג וועגן די פענעמער פון די היגע פויערים. ער האט געשוויצט, געריבן זיין ליסע קאפ. ער האט פארשטאנען, אז דאס איז זיין לעצטע קארט און אז ענדלעך מוז ער צופרידן שטעלן ווערנערן, אז ער מוז אומבאדינגט ברעכן דעם ווידערשטאנד פון די דארפסלייט.

און דאס דארף איז געלעגן א שווייגנדיקס אין די וואלקנס שניי, וואס זיינען אונטערגעשמיסן געווארן פון דעם ווינט. די מענטשן זיינען געזעסן אין די כאטעס און זיך צוגעהערט ווי דער ווינט וואיעט. בלויז דעם אלטען יעוודאקים אכאבקא האט אזוי פארמוטשעט זיין איינזאמקייט, אז ער איז, ניט געקוקט אף דער זאווערוכע, אוועק צו די שכיינים. גייענדיק אנטקעגן דעם צעיושעטן ווינט, איז ער צוגעקומען צום פלויט פון מאליוקס כאטע און האט לאנג אפגעקלאפט די שטיוול אן דער שוועל. אין דער כאטע האט זיך קיינער קיין ריר ניט געטאן. יעוודאקים האט אנגעקלאפט אין טיר און ניט דערווארטנדיק קיין ענטפער האט ער געעפנט די טיר. אף אים האבן געקוקט דריי פאר אויגן, פארגליווערט פון שווידער.

— וואס מאכט איר?

מאליוטשיכע האט א זופ געטאן די לופט מיט אירע ליפן. איר הארץ האט זיך ווילד צעצאפלט.

— דאס זייט איר, זיידע יעוודאקים?

— איר זעט דען ניט אז איך? וואס האט איר זיך אזוי דערשראקן?

זי האט ניט געענטפערט. ער האט זיך אפגעשטעלט, אנגעשפארט אף זיין שטעקן.

— און איר בעט מיך אפילו ניט זיצן? נייע פאראנדקעס איינגעפירט, וואס?

— בעסער זיצט ניט בא אונדז, בעסער קומט צו אונדז אינגאנצן ניט אריין, — האט זי שטיל געזאגט.

— פארוואס עפעס?

זי האט'א קוועטש געטאן מיט די פּלייצעס. דער אַלטער האט אַ מאך געטאן מיט דער האנט און זיך צוגעזעצט אף דער באנק באם פענצטער.

— וואס ביסטו פון זינען אראפ, צי וואס?

די קליינינקע זינא האט זיך פלוצים צעוויינט אף א קאל.

— וואס איז דאס?

— שטילער, זינא, וויין ניט, — האט די מוטער שטרענג געזאגט.

יעוודאקים האט א קראץ געטאן דעם קאפ.

— אזא זאווערוכע, ס'א שרעק. די ווענט קרעכצן, ס'איז סקוטשנע צו זיצן אליין. מען דארף, טראכט איך, אריינגיין צו די שכיינים.

— שכיינים זיינען מיר איצט, אזוי אז... האט מאליוטשיכע א זיפץ געטאן.

ער האט זיך אנגעשפארט מיט דער געמבע אף די הענט, וואס האבן געהאלטן דעם שטעקן, און זיך איינגעקוקט אין דער פרוי.

— ס'האט בא אייך עפעס געטראפן, צי וואס? וואו דרייט זיך דאס ארום מישקא אין אזא זאווערוכע?

— ניטא מער מישא, זיידעניו.

— וואס הייסט ניטא? וואוהין איז ער אוועק?

— אין ערגעץ איז ער ניט אוועק... די דייטשן האבן דערשאסן מישאן היינט באנאכט. דער גרויער קאפ האט א ציטער געטאן.

— דער־שאסן מיש־קען? וואס רעדסטו, באבא?

זי האט פארבראכן מיט די הענט אזוי, אז די פינגער האבן א קנאק געטאן.

— אט אזוי... איז געגאנגען אפטראגן אלעגאן א שטיקל ברויט אין שטאל, האבן זיי אים דערשאסן...

אין די גרויע אויגן פון דעם אלטן האט זי איבערגעלייענט א פראגע.

— ניין, צו די דייטשן וועל איך אים ניט איבערלאזן, ניין. אים ארויסגעשלעפט פון ריוו, אף מיינע פלייצעס אים געבראכט... מיר האבן אים באגראבן אזוי, אז קיינער וועט אים איצט ניט געפינען.

— און זיי וויסן ווער דאס איז?

— פון וואַנען זאָלן זיי וויסן? האָבן אים דערהאַרגעט און אַריינגע־וואָרפן אין ריוו, ווי אַ הונט... איצט וועלן זיי אַוודאי זוכן, נאָר דערווייל איז אַלץ שטיל. ווען איר האָט אָנגעקלאַפּט, האָב איך שוין געטראַכט — זיי גייען.

— אַזוי, הייסט עס. וויפל מענטשן עס קומען אום... קינדער... און דו, סאַשקע, פאַרגעדענק דאָס, פאַרגעדענק דאָס גוט.

דאָס אינגל האָט שווייגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אַז ס'וועט קומען דער טאַטע, ס'וועלן קומען אַנדערע, דערציייל זיי אַלצדינג, אַלצדינג...

— וואָס זשע, זיי וויסן דען ניט? — האָט די פרוי טרוקן געפרעגט.

— וויסן, וויסן זיי... זיי זעען אַליין... און דאָך ליגט מען צו איינס צו איינס, איינס נאָך איינס און עס ווערט מערער. פּלאַטאָן האָט זיי פריער געצאָלט פאַר אַנדערע, און איצט וועט ער דאַרפן נעמען נעקאָמע פאַר מישקאַן, פאַרן אייגענעם זון...

— ס'איז אַלץ איינס, — האָט מאַליוטשיכע שטיל געזאָגט.

— אַוודאי, אַוודאי איז עס אַלץ איינס... און דאָך איז אַ זון — אַ זון. אָט האָבן זיי מיינעם דערהאַרגעט אין אַכצנטן יאָר... איך געדענק אַלץ און וועל זיי ניט מוחל זיין. נאָר דאָס איז ערגער פון אַלץ. יאָ, וואָס נעענטער צום האַרצן, אַלץ מער טוט וויי... געבליבן בין איך ווי אַן אַלטע שקאַרינקע, ניט פאַר קיינעם, ניט פאַר קיין זאַך... אַניט וואָלט איך דאָך געהאַט אייניקלעך, וואָלט געווען פריילעכער אין שטוב...

— אייניקלעך האָט איר אַ גאַנץ דאָרף, זיידעניו.

— יאָ, אַוודאי אַזוי איז עס טאַקע, אָבער אייגענע איז פאָרט עפּעס אַנדערש...

— מען קלאַפּט אָן דער רעלסע, אַ פאַרזאַמלונג.

מאַליוטשיכע איז בלייך געוואָרן.

— ניט אַנדערש, זיי וועלן אויספרעגן וועגן מישקאַן.

דער אַלטער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אָדער וועגן מישקאַן, אָדער ניט וועגן מישקאַן... מאַלע וואָס זיי קאָנען צוטראַכטן?

וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ

דאָס קלאַפּן אָן דער רעלסע האָט ניט אויפגעהערט. דער קלאַנג האָט געהודזשעט ווי פון אַ גלאָק.

— נו, מען דאַרף גיין, אַניט וועלן זיי קומען אַרויסטרייבן. איר גייט זיידעניו?

— מען קאָן זיך ניט העלפן, מען מוז גיין.

ער איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך שווער אָנגעשפּאַרט אָפן שטעקן.

— און דו, סאַשאַ, גיי ניט אין ערגעץ, גיב אַכטונג אַף זינאָן. ווי נאָר ס'וועט זיך ענדיקן וועל איך קומען.

זיי האָבן זיך לאַנגזאַם אַוועקגעשלעפּט מיטן וועג דורך הורבעס צעשטויבטן שניי, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן. אַף בײדע זייטן גאַס האָבן זיך געעפנט די טירן פון כאַטעס און אַפן וועג זיינען אַרויס פרויען, מיידלעך, אַלטע לייט.

— איר ווייסט ניט וואָס דאָרט איז אַזוינס?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? איך ווייס אַזוי פיל ווי איר. איך הער מען האַקט אין דער רעלסע, גיי איך.

-— גאָטעניו, וואָס וועט זיין? — האָט אַ פרוי אַ שווערן זיפץ געטאָן.

— און דו זיפץ ניט, — האָט די פאַרבייגייענדיקע פעאָדאָסיאַ קראַוושוק שטרענג געזאָגט. — ווייסט נאָך ניט וואָס און האָסט זיך שוין צעקרעכצט.

— אָבער טייערינקע מיינע, קיין גוטס וועט דאָך דערפון ניט אַרויס־קומען...

— און דיר האָט זיך פאַרוואָלט גוטס? אַ שיינע מאַיסע! האָסט זיך באַ זיי אָנגעזען מיט אַזוי פיל גוטס, אַז מער ווי גוטס קאָנסטו גאָרניט דערוואַרטן...

— דערפאַר טאַקע זאָג איך דאָס...

— אָבער פאַר דער צייט דאַרף מען ניט זיפצן. ניט פאַר דער צייט און ניט דערנאָך, — האָט פעאָדאָסיאַ געזאָגט.

קיינער האָט ניט געענטפערט. אַלע האָבן געוואוסט וועגן וואַסיאַן. געוואוסט פון וואַנען עס זיינען געקומען די האַרטע קנייטשן באַ די ווינקלען פון אירע ליפּן.

ווערהוער, זי האָט געהאַט אַ רעכט צו זאָגן, אַז ניט איצט איז די צייט פון זיפצן. ניין, זי האָט ניט געזיפצט, כאָטש זי האָט אַפילו ניט געהאַט די האָפענונג, מיט וועלכער אַנדערע האָבן געלעבט: וואָס עס זאָל ניט זיין, זיינען זייערע זין און מענער אין דער אַרמיי, אין דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, זיי לעבן און וועלן זיך מיט זיי זען אין אַ גליקלעכער שאָ, ווען דער לעצטער דייטש וועט פייגערן אין מיטן גאַס.

פון די קנוילן שניי האָבן זיך באַוויזן אַלץ נייע טונקעלע איינגעהילטע פיגורן. דער אוילעם איז פון אַלע זייטן געגאַנגען אין שקאָלע. אַזוי זיינען זיי געוואוינט געווען צו רופן דאָס אָרט. די געביידע איז געווען אַ גראַמע, מיט גרויסע פענצטער, מיט הויכע סטעליעס, מיט ווייסע, געקאַלעכטע אויוונס. די צימערן — גרויסע, מונטערע. נאָר קיין שקאָלע איז דאָרט ניט געווען. די טישן און בענק האָבן די דייטשן צעהאַקט אַף באַהייצונג. פון די ווענט האָבן זיי אַראָפּגעריסן די לאַנדקאַרטעס, האָבן צעבראָכן די שאַפעס מיט אַפּאַראַטן, צעריסן די בילדער און פּאָרטרעטן. דער גרויסער זאַל פון דער שקאָלע האָט געאָטעמט מיט פוסטקייט און קעלט. דער אוילעם איז זיך צונויפגעקומען אַהין, אַ גרויסער אוילעם און אַלטע לייט.

בלויז מאַלאַשאַ ווישנעוואַ איז געשטאַנען אָן אַ זייט, גלייך ווי עפּעס אַ צאַם וואָלט זי אָפּגעטיילט פון אוילעם און קיינער האָט ניט געוואַגט זי אַריבערצוטרעטן. אַ טויט בלאַסע איז זי געשטאַנען בא דער וואַנט און האָט מיט וואַנזיניקע אויגן געקוקט אין איין פּינטל. פּאַסמעס שוואַרצע האָר האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט פון אונטער איר שאַל. זי האָט זיי ניט פאַריכט.

גאַפּליק איז געזעסן בא אַ קליין טישל אַף דער גאַנץ געבליבענער פּלאַטפאָרמע. דער פעלדפעבל לעבן אים האָט געגענעצט און גלייכגילטיק געקוקט אַף דער פאַרזאַמלונג.

— אַלע דאָ? — האָט גאַפּליק געפרעגט אויפהויבנדיק פון שטול זיין לאַנגן, דאַרן קערפּער. זיין קליינער ליסע קאָפּ האָט זיך אַ וויג געטאָן אַפן לאַנגן האַלדז.

— אַלע, — האָט עמעצער אַ מורמל געטאָן בא דער טיר.

דער סטאַראָסטע האָט צונויפגענומען די פּאַפּירן פון טיש, דערנאָך

האָט ער זיי צוריק אוועקגעלייגט, בלעטערנדיק זיי מיט ציטערדיקע הענט.

— עפּעס האָט ער מוירע, דער פּליכעוואַטער, — האָט עמעצער אַ שעפּטשע געטאָן צווישן אוילעם.

— האָט מיסטאָמע צוגעטראָכט עפּעס אַ פאַרברעכעריי, וואָס איז נאָך אַזוינס ניט געווען...

— פאַרוואָס זאָל ער ניט מוירע האָבן. ער ווייס דאָך, אַז ווען אונדזערע וועלן קומען, וועלן זיי פון אים אָפּשינדן די פעל לעבעדיקערהייט.

— אַניט, וועלן מיר אים אַליין נאָך פריער צערעכט מאַכן, אַז ער וועט שוין מער ניט וועלן זיין קיין סטאַראָסטע.

— ווי אַזוי וועט איר אים צורעכט מאַכן? — האָט געפרעגט דער אַלטער קרומער אַלעקסאַנדער, דער אויפפּאַסער אַף די פערד פון קאָלכאָז.

— וואָס פרעגסטו? מיר ווייסן ווי אַזוי מען דאַרף דאָס טאָן, — האָט באַלד געענטפערט די הויכע, שיינע פּראַסיאַ.

— שטיל זאָל זיין! וואָס זיינען דאָס פאַר אַ געשפּרעכן? די פאַר־זאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן! — איז גאַפּליק געוואָרן אין קאַס באַטראַכ־טנדיק דעם אוילעם.

— מען זעט ניט זי זאָל זיך האָבן אָנגעהויבן, — האָט יעוודאָקים אַ בורטשע געטאָן.

— וואָס מיינסטו? דער הער סטאַראָסטע האָט באַוויליגט צו קומען, זיין פאַרעץ איז דאָ אויך דאָ, וואָס נאָך דאַרפסטו? — האָט זיך עמעצער אָפּגערופן.

— שטיל! — האָט גאַפּליק זיך צעשריען ניט מיט זיין קאָל — וויפל מאָל דאַרף מען דאָס זאָגן? וואָס שושקעט איר זיך דאָרט?

— שטילער, ווייבער, שטילער, לאָמער הערן וואָס זיי וועלן דאָרט ברעשען, — האָט זיך אַריינגעמישט טערפּיליכע און הויך אַ שמאָרע געטאָן מיטן נאָז.

גאַפּליק האָט זיך אויסגעהוסט, אויפגעהויבן צו די אויגן אַ בויגעלע פּאַפּיר, אַרויסגענומען פון קעשענע די בריל אין אַ דראָטענער ראָם און זיי אָנגעטאָן אַפן נאָז.

— אַהאַ!...

דער רעגנבויגן

— ווען לייענען פון פאפירל...

— ווייז אויס, א נייער אוקאז.

דער סטאראסטע האט אריבער די ברילן באטראכט דעם אוילעם. אלע זיינען אנטשוויגן געווארן. ער האט זיך נאכאמאל אויסגעהוסט און האט אנגעהויבן מיט א דינעם, פיסטשענדיקן קאל:

— „ביז איצט האבן די איינוואוינער נאך ניט צוגעשטעלט דעם נאטור שטייער, וואס איז פאר זיי באשטימט געווארן, דאס הייסט — ווייץ".

צווישן אוילעם האט זיך דורכגעטראגן א בייזער געמורמל.

— „איך ווארן אז די צייט אריינצוטראגן דעם נאטור שטייער, דאס הייסט — ווייץ, לויט די פריער געמאלדענע נארמעס ענדיקט זיך אין דריי טעג נאכדעם ווי דער דאזיקער באשלוס ווערט פארעפנטלעכט".

ווידער האט זיך דורכגעטראגן א געמורמל.

— „דער וואס וועט אין די דריי טעג ניט דורכפירן זיין פליכט צו זיין היימלאנד און צו דער דייטשישער ארמיי, וועט פארורטיילט ווערן..."

ער איז אף א ווייל אנטשוויגן געווארן. זיין בליק פון הינטער די ברילן האט מיט טריומף באטראכט דעם אוילעם. ענדלעך איז געווארן פולשטענדיק שטיל און אלעמענס אויגן זיינען געווען אנגעשטעלט אף זיינע ליפן.

— „ווען פארורטיילט ווערן לויט די פארשריפן וועגן ניט אויספאלגן די ב[illegible] פון דער מאכט, וועגן סאבאטאזש, וועגן אקטיוון און פאסיוון ווידערשטאנד..."

— מיר ווייסן, — האט עמעצער פלוצעם א זאג געטאן אין דער הויך מיט א דייטלעך־רואיקן, גרינגשעצנדיקן טאן.

דער פעלדפעבל האט זיך אויפגעהויבן פון שטול און זיך שארף איינגעקוקט אין דעם ווינקל פון וואנען עס האט זיך דערטראגן די שטים. נאר דארט זיינען אלע געשטאנען רואיק, ניט אראפנעמענדיק די אויגן פון דער סטאראסטע.

— ווען פארורטיילט ווערן, — האט גאפליק אויפגעהויבן זיין

קאָל און זיך אַזוי ווי פאַרכלינעט פאַר פרייד, — וועט פאַרורטיילט ווערן צו טויט־שטראָף.

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געמאַכט אַ קליינע פּויזע און פאַרענדיקט מיטן איבערלייענען די דאַטע פון דעם באַפעל און די אונטערשריפט פון דעם קאַפּיטאַן. דערנאָך האָט ער צונויפגעלייגט דאָס פּאַפּירל.

— האָט איר אַלע געהערט?

— אַלע, — האָט עמעצער פון אוילעם געענטפערט.

— האָט איר אַלץ פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען, אַלץ הייסט פאַרשטאַנען, — האָט געזאָגט טערפּיליכע, וועלכע איז געשטאַנען באַם סאַמע טיש, — פאַרשטאַנען ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

גאַפּליק האָט אַף איר פאַרדעכטיק אַ קוק געטאָן. נאָר זי האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן, — רואיק, מיט אַן ערנסטן, שטרענגן פּנעם.

— נו, אויב אַזוי, איז גוט...

דער אוילעם האָט זיך אַ ריר געטאָן, אַנדערע האָבן זיך שוין אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— וואוהין גייט איר?

— ס'איז דען ניט געענדיקט?

— ס'איז דאָ נאָך איין זאַך, — האָט דער סטאַראָסטע שטרענג געזאָגט, און מאַליוטשיכע האָט דערפילט, אַז דאָס האַרץ האָט זיך באַ איר ווידער אָנגעהויבן צאַפּלען פאַר שרעק.

— ס'איז אַזאַ מין זאַך...

די פּויערים האָבן געוואַרט, אָנגעשטרענגטע.

— היינט באַנאַכט האָט עמעצער געפּרואווט איבערגעבן ברויט צו אַן ארעסטירטער פאַרברעכערן.

מאַליוטשיכע האָט זיך איינגעקלאַמערט אין דער האַנט פון אַ שכיינע. טשעטשאָריכע האָט זי באַטראַכט מיט פאַרוואונדערונג.

— וואָס איז מיט דיר?

— גאָרניט... גאָרניט.

ניט אָפּלאָזנדיק טשעטשאָריכעס האַנט, האָט זי קאָנוואוסיוו געשלונגען לופט.

— דאָס ברויט האָט געפּרוווט איבערגעבן אַ אינגל פון צען יאָר.

צווישן אוילעם האָט מען גענומען ריידן, זיך שושקען, זיך איבערקוקן.

— שטילער! אַ אינגל פון צען יאָר. דער פאַרברעכער איז דערשאָסן געוואָרן.

טשעטשאָריכע האָט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק באַטראַכט מאַליוטשיכעס פּאָנעם, וואָס איז געוואָרן טויט־בלייך, און האָט זי שנעל אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט מיט איר צווייטער האַנט. זי האָט צאַרט געגלעט די פינגער פון דער פרוי, וואָס האָט זיך מיט די נעגל איינגעגראָבן אין איר דלאָניע.

— האַלט זיך, טייערע, אַניט וועט מען באַמערקן, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן מאַליוטשיכען אפן אויער.

אָבער גאַפּליק האָט ניט געקוקט אפן זאַל. ער האָט געלייענט פון אַ פּאַפּיר:

„דער קערפּער פון דעם מינדעריעריקן פאַרברעכער איז אַוועקגענומען געוואָרן און באַהאַלטן געוואָרן דורך אומבאַוואוסטע פאַרברעכער. די וואָס ווייסן עפּעס וועגן דעם פאַרברעכער, וועגן די שולדיקע אין אַוועקנעמען דעם קערפּער מוזן זיך מעלדן צום דעזשורנעם אין דער דייטשישער קאָמענדאַטור און מאַכן אַ דערקלערונג".

גאַפּליק האָט אונטערגעטראָגן דאָס פּאַפּיר נענטער צו די אויגן, האָט אַ קוק געטאָן אַף דעם פּעלדפעבל, וואָס איז געזעסן לעבן אים און האָט אַ הוסט געטאָן. דער פּעלדפעבל איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם אוילעם, וואָס האָט פאַר אים אָפּגעטראָטן, און האָט אַ קוק געטאָן אין פירהויז. אַלע האָבן דערזען, אַז דאָרט שטייען סאָלדאַטן מיט ביקסן. איבער די עפּענונגען פון די ביקסן האָבן געבלישטשעט די באַגנעטן. די פאַרזאַמלטע האָבן זיך איבערגעקוקט. דער געמורמל און די געשפּרעכן האָבן זיך איינגעשטילט.

— „...קעדיי צו זיכערן די אָרדענונג און גאַראַנטירן, אַז די שולדיקע וועלן געכאַפּט ווערן, האָט די דייטשישע קאָמענדאַטור פאַראָרדנט..."

די פּויערים האָבן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם געוואַרט.

— „...צו פאַרהאַלטן ווי מאַשקאַנעס די פאַלגנדיקע איינוואוינער פון דאָרף...“

אַלע האָבן זיך ניט ווילנדיק אַ וויג געטאָן אויף פאָרויס. יעוודאָקים האָט צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער, קעדיי בעסער צו דערהערן.

— „...די פאַלגנדיקע איינוואוינער פון דאָרף: פּאַלאַנטשוק, אַלגאַ...“

אַ יונג מיידל בא דער טיר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. איר מויל האָט זיך האַלב צעעפנט אַזוי ווי אויף אַ געשריי צו טאָן, נאָר זי האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן.

— „...אַכאַבקאַ, יעוודאָקים...“

יעוודאָקים האָט אַרומגענומען מיט זיין בליק די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים, גלייך ווי ער וואָלט זיך געבידעשט.

— וואָס?

— „אַכאַבקאַ, יעוודאָקים“, — האָט גאַפּליק ווידער געזאָגט מיט באַטאָנונג און האָט געלייענט ווייטער:

— „גראַבאַטש, אַסיפּ...“

אַ קרעפּטיקער פּויער האָט אַן אָנגעבמורעטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— „טשעטשאַר, מאַריאַ“.

מאַליוטשיכע האָט אַפּגעלאָזט די האַנט פון דער שכיינע און מיט שווידער אַ קוק געטאָן אויף איר.

— ס'איז גאָרניט, גיליאַ, ס'איז גאָרניט... וועסט נעמען צו זיך מיינע פּיצלעך. — האָט טשעטשאַריכע איר שטיל געזאָגט.

— „ווישנעווואַ, מאַלאַניאַ...“

דאָס מיידל האָט זיך אַפילע קיין ריר ניט געטאָן און האָט אַלץ געקוקט אין איין פּינטל.

פּלוצים איז דעם סטאַראָסטע איינגעפאַלן, אַז אָט די מאַשקאַנעס קאָן מען אויסנוצן אויך אויף אַרויסצוקריגן די טוואָוע. שיסן קאָן מען זיי טאַקע, אָבער עפשער וועט זיך געפינען עמעצער, וואָס פאַרן אייגענעם טויט האָט ער קיין מוירע ניט, נאָר אַ פרעמד לעבן וועט ער ניט לאָזן אומברענגען און וועט זיך אונטערגעבן? אים איז שוין אויסגעקומען צו זען אַזעלכע

זאַכן. און אַף זײַן אײגענער פאַראַנטוואָרטלעכקײט וועט ער דאָס טאָן, ווײַל ווער וועט דאָס נעמען אויספאָרשן צי ער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט די דײַטשן אָדער ניט? האָט דער סטאַראָסטע צוגעגעבן:

— אויב אין דעם לויף פון דרײַ טעג, וועלן די שולדיקע ניט געפונען ווערן, אויב אין דעם לויף פון דרײַ טעג וועט זיך ניט אָנהויבן די ליפערונג פון ווייץ, וועלן די מאַשקאָנעס אויפגעהאַנגען ווערן.

דער אוילעם האָט זיך א וויג געטאָן און ס'האָט זיך ווידער דערהערט א גערודער פון אַנטריסטונג.

— שוין פאַרטיק, מען קאָן שוין גײן? — האָט פעאָדאָסיאַ קראַווטשוק פלוצים א פרעג געטאָן.

ס'האָט זיך דערהערט אַן אַלגעמײנער זיפץ, און אַלע האָבן דערפילט, אַז ס'איז זײ געוואָרן גרינגער אַפן האַרצן.

— די פאַרזאַמלונג איז געענדיקט. איך בעט מען זאָל זיך פאַנאַנדער־גײן, מיט דעם אויסנאַם פון די, וואָס זײערע פאַמיליעס זײנען אויסגערופן געוואָרן.

די פויערים האָבן זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר. די פינף מאַשקאָנעס האָבן זיך אויסגעשטעלט לעבן טיש, ניט וואַרטנדיק אַף קײן באַפעל. מענטשן זײנען זײ פאַרבײַגעגאַנגען, ווער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ווער מיט אויגן געווענדעט צו זײ.

דער זאַל פון דער שקאָלע איז שנעל אָפּגעליידיקט געוואָרן, אָבער דער אוילעם איז זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען. אין דער זאַווערוכע זײנען מענטשן געבליבן שטײן אַף דער גאַס און האָבן אַף עפּעס געוואַרט. פון פירהויז איז אַרויס גאַפּליק מיטן פעלדפעבל, נאָך זײ די פינף מאַשקאָנעס אונטער דער וואַך פון סאָלדאַטן מיט אָנגעשטעלטע באַגנעטן. טשעטשאָריכע און אָלגאַ פּאַלאַנטשוק זײנען געגאַנגען אַרומגענומען. יעוודאָקים האָט שטאַרק געקלאַפּט מיטן שטעקן אָן דער ערד. זײ זײנען לאַנגזאַם דורכגע־גאַנגען פאַרבײַ דעם שווײַגנדיקן אוילעם. פלוצים האָט טשעטשאָריכע זיך אויסגעדרײט.

— ס'איז גאָרניט, האַלט זיך, גיט זיך ניט אונטער! טראַכט ניט וועגן

אונדז! האַלט זיך! — האָט זי אויסגעשריען מיט אַ קלאָרער, קרעפטיקער שטים.

דער סאָלדאַט, וואָס איז געגאַנגען אין דריי מיט איר, האָט איר אַ זעץ געטאָן מיט אַ פויסט אין ברוסט. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, נאָר זי האָט זיך באַלד אויסגעגלייכט און איז ווייטער געגאַנגען מיט אַ הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ.

דער אוילעם איז זיך פּאַמעלעך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אַן אַקשאַ־נעסדיקער כמורנער שווייגיקייט. גאַפּליק איז קימאַט געלאָפן, געפּרואווי־מיטהאַלטן מיט דעם פעלדפעבל, וואָס האָט געשפּאַנט מיט גרויסע טריט. פאַר קיין פאַל אין דער וועלט וואָלט ער איצט ניט געבליבן אליין. אייגנטלעך איז דאָס צום ערשטן מאָל פון זינט מען האָט אים באַשטימט פאַר סטאַ־ראָסטע, אַז ער איז אַרויסגעטראָטן אַזוי פעסט און פאַרעפנטלעכט באַפעלן, וואָס קלאַפּן אַזוי דירעקט איבערן דאַרף. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די פּענעמער פון די פּויערים, און מוראַשקעס זיינען אים דורכגעלאָפן איבערן רוקן. אָבער נאָך מער האָט ער מוירע געהאַט פאַר דעם קאַפּיטאַן קורט, פאַ זיין וואָרענונג, אַז ער וועט זיך נעמען צו אים, אויב ער וועט גאָרניט ניט אַרויסקריגן. דאָס דאָרף ווי דאָס דאָרף. ס'איז דאָך ניט מער ווי אַ מענגע פּרויען, קינדער און אַלטע לייט. אָבער דער קאַפּיטאַן ווערנער איז דער פאָרשטייער פון דער דייטשישער מאַכט, און זיינע ווערטער שפּאַרן זיך אָן אַף די ביקסן און באַגנעטן. גאַפּליק, וועלכער האָט זיך פריער געדרייט און מאַנעווורירט, האָט נאָך דעם פרימאָרגן געשפּרעך פאַרשטאַנען, אַז מער קאָן ער זיך ניט אַרויסדרייען, אַז אַף אים וואַרט אַ ביטערער גוירל, און ער האָט פאַרשאָלטן דעם טאָג, ווען ער איז אַוועק מיט די דייטשן בעיים יענע זיינען אָפּגעטראָטן פון ראַסטאָוו. געדאַרפט געווען זיך פּאַשעט אויסבאַהאַלטן, אַריבערפאָרן אין אַן אַנדער געגנט. ער וואָלט זיך ווי ניט איז דורכגעמוטשעט. אין מילכאָמע־צייט וואָלט מען ניט אַזוי גיך אויס־געפונען, אַז גראָד ער האָט אויפגענומען די דייטשן ווי געסט אין זיין דאָרף און זיי געוויזן דעם וועג דורך די זומפּן.

— די דייטשן וועלן זיגן, — האָט ער צו זיך געזאָגט, נאָר דאָס האָט אים ניט געטרייסט אַזוי לאַנג ווי אים קומט דערווייל אויס צו וואוינען

דאָ אין דאָרף, וואו אין יעדער איינער פון די דריי הונדערט כאַטעס האָט מען אים פיינט ביזן טויט און וואו אין יעדער כאַטע באַהאַלט זיך זיין מערדער, וועלכער וועט אין דעם געהעריקן מאָמענט אָן קווינקלעניש אים דערלאַנגען דעם טויט־קלאַפּ.

ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און איז אַוועק אין דער קאָמענדאַטור צו מעלדן וועגן דער פאַרזאַמלונג. די פויערים זיינען שווייגנדיקע זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און אַוועק אין זייערע כאַטעס. מאַליוטשיכע איז געגאַנגען קוים שלעפּנדיק מיט די פיס פאַר אויפרעגונג. די ערד האָט זיך געוויגט אונטער אירע פיס, דאָס האַרץ האָט זיך צונויפגעדריקט מיט פּיין.

סאַשאַ האָט פאַרוויילט זינאַן מיט פאַנאַנדערלייגן שטעקעלעך באַם אויוון. מאַליוטשיכע האָט אַ קוק געטאָן אויף די העלע קעפּלעך פון די קינדער און דער ווייטיק אין האַרצן איז געוואָרן נאָך שאַרפער.

— נו, ווי, איז זינאַ געווען אַ קלוג מיידעלע?

— אַ קלוגע געווען... די פאַרזאַמלונג איז געענדיקט?

— געענדיקט... כ׳וועל נאָר אַריינלויפן צו די טשעטשאָרעס, וועל באַלד קומען צוריק.

— וואָס גאָר צו די טשעטשאָרעס?

— די דייטשן האָבן אַרעסטירט די טשעטשאָריכע, דאַרף מען אַוועקנעמען די קינדער — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים.

סאַשאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די שטעקעלעך.

— אַרעסטירט? פאַרוואָס?

— וואָס, דו קענסט ניט די דייטשן? — האָט מאַליוטשיכע געענטפערט אומבאַשטימט און איז אַרויס. זי איז באַלד צוריקגעקומען מיט דריי פּיצלעך קינדער, דער עלטסטער איז אַלט געווען אַכט יאָר, אַזוי ווי סאַשאַ.

— מאַמע, מאַמע, — האָט מיט אַלע קויכעס געשריען די דריי יאָריקע נינאַ.

— און דו וויין ניט, די מאַמע וועט קומען. זי וועט קומען, — האָט די פרוי באַרויִקט דאָס קינד. — זעצט זיך אַלע אַוועק, וועל איך אייך באַלד צוגרייטן עפּעס עסן.

זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן אויוון עטלעכע באַהאַלטענע קאַרטאָפליעס, זיי פּליוסיק אָפּגעוואַשן און צוגעשטעלט קאָכן נישט קיין געשיילטע, קעדיי קיין איין ברעקל זאָל נישט פאַרלאָרן גיין. כוץ די קאַר־טאָפליעס און דאָס ביסל קאָרן, וואָס איז געליגן באַהאַלטן אָפן בוידעם, איז אין שטוב גאָרנישט געווען. ווייץ, קאַרטאָפל, כאַזער פעטס און אַ פעסל האָניק, — אַלץ איז געלעגן פאַרגראָבן אין דער ערד, ווייט פון שטוב, פאַרפרוירן, פאַרשאָטן מיט שניי. צוקומען צו אָט די זאַפּאַסן איז געווען אומעגלעך.

— עסט קאַרטאָפל, מער איז גאָרנישט ניטאָ. אָט וועלן אונדזערע קומען וועלן מיר אָפּבאַקן ברויט.

— בלויז קאַרטאָפל, — האָט זינאַ טרויעריק אויסגערופן.

מאַליוטשיכע האָט אַף איר אָנגעשריען:

— און וואָס האָסטו געוואָלט? נאָך גוט, וואָס ס׳איז געבליבן אַ ביסל קאַרטאָפל... זע נאָר זוי עס געפעלט איר נישט...

זי האָט מיט כאַס אַ קוק געטאָן אָפן טעכטערל, און פּלוצים האָבן זיך איר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן דעם קינדס דאַרע הענטלעך, די ראַכמאָ־נעסדיקע קנייטשן באַ די ווינקלען פון די ליפּעלעך. ס׳האָט זי אַרומגעכאַפּט אַן אומדערטרעגלעכער ראַכמאָנעס.

— וויין נישט, וויין נישט. אונדזערע וועלן קומען, וועט אַלץ ווערן אַנדערש. מירן אָפּבאַקן ברויט, באַשמירן מיט האָניק וועט איר עסן. און איצט וועט זיין געזונט קאַרטאָפל אַליין.

— ס׳וועט זיין גענוג, — האָט סאַשאַ געזאָגט אומעטיק, און זינאַ האָט אין איילעניש נאָכגעזאָגט:

— ס׳וועט זיין גענוג.

מאַליוטשיכע האָט אָנגעהייצט דעם אויוון, האָט גערעדט מיט די קינדער, אָבער די אָנגוואָקסנדיקע אומרואיקייט האָט זי מיט קיין זאַך נישט געקאָנט איינשטילן. אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט, זי האָט פאַרגעסן וועגן וואָס זי האָט נאָר וואָס גערעדט, האָט צוגערוקט זינאַן קאַרטאָפל שאָלעכץ, האָט פאַרגעסן וואַסער. די קינדער האָבן געקוקט אַף איר מיט פאַרוואונדערונג.

דער רעגנבויגן

— וואָס איז מיט דיר מאַמע? — האָט סאַשאַ ענדלעך געפרעגט.

די מאַמע האָט אַ דערשראָקענע אַ געטאָן אַפן זון.

— גאָרניט, זונעניו, גאָרניט. וואָס זאָל זיין מיט מיר?

— דער קאָפּ טוט דיר ווי?

— דער קאָפּ? יאָ, יאָ, — האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן אָט דער דערקלערונג. — דער קאָפּ טוט מיר טאַקע ווי.

— דאָס איז פון דער פאַרזאַמלונג, האָט סאַשאַ ערנסט געזאָגט.

— נו, יאָ, פון דער פאַרזאַמלונג... שטיקנדיק זייער, אַזויפיל מענטשן געווען... דערפון איז עס טאַקע.

די קינדער האָבן זיך באַפרידיקט מיט דער דערקלערונג און האָבן זיך גענומען צו זייערע אייגענע זאַכאַוועס. מאַליוטשיכע האָט געוואַשן די שיסל און געוואָרפן פאַרגאַנוועטע בליקן אַף די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט באַם אויוון. די הענט באַ איר האָבן געגליווערט, דאָס האַרץ איז צעריסן געוואָרן פון אויפרודערונג. דריי טונקעלע קעפּלעך — די דריי יאָריקע נינאַ, דער פינף-יאָריקער אָסקאַר, די אַכט-יאָריקע סאָניאַ. קליינוואַרג... טשעטשאַר אַליין איז אין דער אַרמיי. אַ מורעדיקע אומרואיקייט האָט זי געבריט, געגריזשעט, געדריקט אַפן האַרצן. זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן אַפן פענצטער.

— עמעצער גייט?

— ניין, זון, ניין. כ'דאַרף ערגעץ צוגיין, כ'וועל אַריינלויפן אַף אַ וויל...

— נאָר דו גייסט און דו גייסט, — איז זינאַ גרייט געווען צו צעוויינען זיך.

— וואָס איז דיין אייסעק? איך דאַרף גיין, גיי איך. אומזיסט לויף איך ניט אַרום איבערן דאָרף, — איז זי בייז געוואָרן.

— נעם טו אָן אַ שאַל, — האָט סאַשאַ איר דערמאָנט, ווען ער האָט דערזען, אַז זי לאָזט זיך צו דער טיר ווי זי שטייט און גייט, אין איין קליידל און קאָפּטע.

צו גראָבאַטשעס כאַטע איז געווען גאָרניט נאָנט. די זאַווערוכע האָט געשמיסן אין פּאָנעם אַריין, דער שניי — האַרט ווי צעשטויסן גלאָז, —

האָט געשניטן די באַקן. זי האָט זיך פאַרסאָפּעט און זיך דערשלעפּט צו די גראַכאַטשעס קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם. באַם טויער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו זיך, אַז מען קאָן ניט אַריין אין שטוב אָט־אַזוי־אָ, אַ פאַרסאָפּעטע. אין דער עמעסן האָט זיך איר געוואָלט אָפּשטופּן דעם מאָמענט, ווען זי וועט דאַרפן אַ קוק טאָן אין די אויגן דער פאַמיליע גראַכאַטש... זיי זיצן איצט מיסטאָמע אין דער ליידיקער כאַטע און וויינען מיט ביטערע טרערן, — דאָס ווייב און די צוויי טעכטער פון דעם מאַן, וואָס איז שוין אַזוי גוט ווי אַן אויפגעהאָנגענער אַף דער טליע.

נאָר פון הויף האָט זיך דערהערט דאָס גרילצן פון אַ זעג, און מאַ־ליוטשיכע האָט זיך פאַרכידעשט: ווער אַרבעט דאָס באַ די גראַכאַטשעס אין אַזאַ טאָג?

גראַכאַטשעס ווייב מיט דער עלטערער טאָכטער, מיט דער הויכער שוואַרץ-אויגיקער פראָסיע, האָט געזעגט האָלץ באַם שטאַל און האָט זיך אויך פאַרכידעשט, ווען זי האָט דערזען די מאַליוטשיכע. דורך דער גאַנ-צער צייט זיינען די דאָרפסלייט ווייניק געגאַנגען איינער צום אַנדערן. יעדער איז זיך געזעסן אין זיין כאַטע און געוואַרט, אַז אָט וועלן קומען די דייטשן און נאָך אַרויסוואַרפן פון דער אייגענער שטוב.

— כ'וואָלט זיך מיט דיר געוואָלט דורכריידן, קומאַ.

— פאַרוואָס ניט, קום אַריין אין שטוב, — האָט יענע געענטפערט און זיך אויסגעגלייכט.

אין שטוב האָט מאַליוטשיכע אַ קוק געטאָן אַף דער אינגערער טאָכטער, וואָס איז געזעסן באַם פענצטער.

— כ'וואָלט וועלן אויג אַף אויג...

— אויג אַף אויג?... האָט זיך די באַלעבאָסטע פאַרכידעשט. — וועגן וואָס אַזוינס? נו, אויב אַזוי, גיי לידאַ און זעג אַביסל, און מירן דאָ כאַפּן אַ שמועס.

דאָס מיידל האָט צונויפגעלייגט דאָס העמד וואָס זי האָט געהאַלטן אין פאַריכטן, האָט אַריינגעשטעקט די נאָדל אין דעם גראָבן לייוונט און איז שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען. אירע אויגן זיינען געווען געשוואָלן פון וויינען.

מאַליוטשיכע האָט זיך צוגעזעצט אַף דער באַנק און נערוועז געבראָכן די פינגער. די באַלעבאָסטע האָט געקוקט אַף איר שווייגנדיק.

— אַ זאַווערוכע אין דרויסן, — האָט זי ענדלעך געזאָגט.

— אַ זאַווערוכע, — האָט מאַליוטשיכע נאָכגעזאָגט, און ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל.

אַף אַ טשוואָק איבערן בעט איז געהאַנגען גראַכאַטשעס רעקל. מאַליוטשיכע האָט געקוקט אַף דעם רעקל. די קעשענעס אָפּגעריסן, אַף די פּלייצעס און דער ברוסט — לאַטעס. איין קנעפּל האַלט זיך קוים אויס, הענגט אַף אַ פאָדים. אַ רעקל צום אַרבעטן.

— דו האָסט מיר עפּעס געוואָלט זאָגן, — האָט די באַלעבאָסטע ענדלעך זי אונטערגעאײַלט.

מאַליוטשיכע האָט אַף איר אַ קוק געטאָן מיט אויסגעמוטשעטע אויגן.

— דײַנעם האָבן זיי צוגענומען... — האָט זי אויסגעשעפּטשעט.

יענע האָט זיך אָנגעכמורעט.

— צוגענומען... וואָס זשע קאָן מען טאָן, צוגענומען... אַזוי איז, ווײַזט אויס, באַשערט. עפּשער וועט ער נאָך צוריקקומען. וועגן דעם האָסטו דאָס געוואָלט אַ שמועס טאָן?

— יאָ, אי וועגן דעם, אי ניט וועגן דעם...

— וואָס איז דאָ צו ריידן וועגן דעם? צוערשט האָט עס מיך אַזוי אָנגעכאַפּט פאַרן האַרצן, אַז כ׳האָב געמיינט כ׳פאַל פון די פיס און איך שטאַרב אָפן אָרט. דערנאָך בין איך אַהיימגעקומען און טראַכט מיר: נעם זיך בעסער, באַבאַ, פאַר אַן אַרבעט, וועט דיר גרינגער ווערן. אָנגעזעגט האַלץ מיט פראַסקאַן. מיטן קאָפּ קאָן מען קיין וואַנט ניט דורכברעכן, און זיצן און וויינען איז קיין טאַכלעס ניט. הײַנט — ער, מאָרגן — אַ צווייטער. אויב ס׳וועט זיך פאַרציען אַף לאַנג, וועט דאָ סיי ווי קיינער ניט בלײַבן לעבן, אַזוי איז עס שוין... אײַנציקווײַז וועלן זיי אַלעמען פאַרפּיקן.

— עפּשער עט זיך עס ניט פאַרציען?

— אָט־דאָס זאָג איך דאָך: אויב עס וועט זיך פאַרציען. דערווײַל הערט מען גאָרניט. טאָמער וואָס, דאַכט זיך מיר שוין, אַז מען שיסט, אונדזערע קומען. וויפל צײַט איז שוין אַוועק? אַ כוידעש? ס׳איז ווי אַ

יאָר. און וויפל מענטשן עס זיינען אומגעקומען!... דער סטאַראָסטע האָט געקוקט אַף מיר, ווען ער האָט מיינעם אויסגעלייענט. און איך טראַכט: דו קוקסט, דו קוקסט, וואַרטסט אַז איך זאָל זיך צעוויינען, ווערסט זיך דאַפקע ניט דערוואַרטן! פאַר דיינע אויגן, דו הינטישע פּאַראַדע, וועל איך ניט וויינען. ס׳וועט קומען די צייט, ווערסטו וויינען מיט בלוטיקע טרערן, ווערסטו וויינען. און די דאָרפישע ווייבער, ס׳איז אַ קרעפּטיק פאָלק, וועסט זיי מיט גאָרניט נעמען.

מאַליוטשיכע האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און זיך נידעריק, קימאַט ביז צו דער ערד, פאַרנויגט פאַר דער באַלעבאָסטע.

— וואָס איז? האָט זיך יענע פאַרכידעשט.

— קומאַ...

— ביזט פון זינען אַראָפּ? וואָס טוסטו?

— קומאַ, דאָס האָבן די דייטשן מיין מישקאָן דערשאָסן היינט באַנאַכט.

— מישקאָן?

—דאָס האָב איך אים באַנאַכט אַרויסגעשלעפּט פון ריוו און באַ־גראָבן... איבער מיר זיצט דיינער און די אַנדערע באַ די דייטשן...

ס׳האָט אין איר געציטערט יעדער אָדער, די פּיס האָבן זיך געטרייסלט און אונטערגעבויגן אָבער איצט איז איר מיטאַמאָל געוואָרן גרינגער. זי האָט אַלץ אויסגעזאָגט. די באַלעבאָסטע האָט זיך איינגעבויגן צו איר.

— און צו וואָס דערציילסטו דאָס מיר? ווער דאַרף דאָס וויסן?

— וואָס הייסט? דיינער זיצט דאָך... איך זאָג דאָך דיר, איך דאַרף גיין און דערציילן זייער קאַפּיטאַן וואָס און ווען. זאָל ער אָפּלאָזן די מענטשן.

גראָכאַטשעס ווייב איז אויפגעשפּרונגען.

— וואָס ביזטו, אינגאַנצן פון זינען געגרירט? אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם קאָפּ? צו די דייטשן ווערסטו גיין?

— דערציילן ווי ס׳איז געווען... די מענטשן זיינען ניט שולדיק.

— און דו ביסט שולדיק? וואָס־זשע באַדאַרפט געווען באַ זיי אי־בערלאָזן דאָס אינגל, אַ? זע נאָר ס׳אַרא מענטשן דאָס זיינען? אַ שוואַכער

געווויסן בא דיר, ניט קיין פויערישער געוויסן און ניט קיין ווייבערישער! איי, וועט זיך דער סטאַראָסטע דערפרייען! בלויז פאַרשפּאַרט פינף מענטשן, און באַלד האָט זיך אָפּגעזוכט דער וועמען זיי האָבן געזוכט! און ווייסטו, נאָר וואָס דו ביזט, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען? ווילסט זיי ווייזן אַ וועג, גיבן זיי אַ מיטל קעגן אונדז? היינט וועסטו קומען, און מאָרגן וועט עפּעס אַנדערש פּאַסירן, וועלן זיי פאַרנעמען ניט פינף, נאָר פופציק מענטשן! קוק זיך נאָר אָן! בא אונדז האָט זיך נאָך דערוויל קיינער מיט די דייטשן ניט אַרומגעשלעפּט, קומט זי צו גיין...

— איבער מיר זיצן מענטשן, איבער מיר וועט מען זיי...

— ניט איבער דיר! איבער אונדזערע צאָרעס זיצן זיי, איבער אונדזער אומגליק, איבער דער מילכאָמע, איבער דער דייטשישער מאָרדע! מישקאָן דערהאַרגעט! אויסוואָרפן, שיסן אַף קינדער...

מאַליוטשיכע איז געשטאַנען אַ פאַרטשמעליעטע.

— דענקסטו, הייסט עס...

— וואָס האָב איך צו דענקען? ניטאָ וואָס צו דענקען. דו, באַבאַ, גיי זיך אַהיים און זאָג קיינעם קיין וואָרט ניט. אייגענע זיינען טאַקע אייגענע, אָבער צו וואָס זיי שטעלן צו אַ פּרואוו? וועגן אַזעלכע זאַכן דאַרף קיינער ניט וויסן. פאַר אונדזערע לאַנגע צינגער שלאָגט מען אונדז און מען וועט ווייטער שלאָגן. גיי אַהיים און טו דיין אַרבעט און זיי ניט מעשוגע.

— אָבער דיינער איז דאָך...

— הער נאָר אויס אַ מאַיסע, ווער איז ער, מיין מאַן צי דיינער? און איך זיץ און שווייג. וואָס וועט זיין, וועט זיין. איז אים אַזוי באַשערט, וועט מען אים דערהאַרגענען, איז אים אַנדערש באַשערט, וועט ער בלייבן לעבן. און אַז ס'איז שוין געקומען צו רייד, איז איידער צו לעבן אונטערן דייטש, שוין בעסער קראַפּירן.

— מירן דאָך ניט אייביק לעבן אונטערן דייטש.

— יאָ, טייערע מיינע, ווען איך זאָל גלויבן, כאָטש אַף אַ מינוט, אַז מירן בלייבן אונטערן דייטש, וואָלט איך גאָרניט געוואַרט: אָנגעטאָן דעם שלייף אַפן האַלדז און זיך אויפגעהאַנגען אַף אַ טשוואָק. איך ווייס אָבער

איין זאך: איצט איז אונדז שווער, און זיי וועט ערשט זיין שווער, אוי וועט זיי זיין!

דאָס פּאָנעם פון דער פרוי האָט געפלאַמט, אירע אויגן האָבן גע-ברענט מיט האַס. מאַליוטשיכע האָט אַ זיפץ געטאָן.

— דו האָסט באַ מיר צעמישט אין קאָפּ אַלע געדאַנקען מיינע...

— זיי זיינען, קאַנטיק, שוין לאַנג צעמישט... דער געוויסן איז באַ דיר אַ פּריצישער און די געדאַנקען — נאַרישע. דו גייסט צו פּראָסט צו דער זאַך, דו טראַכסט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן אַלעמען. און דו ווייסט אַ טראַכט טאָן וועגן אַלעמען, איז אַלץ קלאָר: דו האָסט ניט קיין רעכט צו זאָגן אַ וואָרט. דו האָסט קיין רעכט ניט פרייוויליק צו קריכן אַף דער דייטשישער טליע. זיי קענען אונדז גאָרניט ניט טאָן. זאָלן זיי פּייניקן, הענגען, שיסן... איינער, צוויי וועלן אומקומען, און אַף אַלעמען וועלן זיי זיך צעברעכן די ציין... מען דאַרף זיך האַלטן ביז אונדזערע וועלן קומען, מיט די ציין און נעגל זיך האַלטן...

מאַליוטשיכע האָט זיך צוגעהערט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. ס'האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכע שוואַכקייט, ס'האָט זיך איר געעקט דער קויעך. ס'האָט זיך איר געוואָלט אַוועקזעצן, ניט אַפן באַנק נאָר אַפן דיל, און זיך צעוויינען מיט ביטערע טרערן. וועגן מישוטקען, וועגן גראַכאַטשן, וועגן די דריי פּיצלעך, וואָס זיינען געבליבן אין הויז אונטער סאַשאַס אויפזיכט, וועגן וואַסיאַ קראַווטשוקן, וואָס ליגט אין גרוב אַפן שניי, וועגן יונגן פּאַשטשוק, ווען די דייטשן האָבן דערשאָסן באַ דער זעלביקער גרוב, וועגן דעם באָכער אַף דער טליע, — וועגן דעם גאַנצן דאָרף און וועגן יענע, וואָס האָבן זיך געשלאָגן פאַרן דאָרף און זיינען געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן פאַר די טאַנקען, און שוין אַ כוידעש אַז מען זעט זיי ניט.

— נעם זיך אין די הענט אַריין, אַ ניט וועסטו צו גאָרניט ניט טויגן, — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט מיט כאַס.

מאַליוטשיכע האָט זיך שווייגנדיק געזעגנט און איז אַוועק. זי האָט באַ זיך ניט געקענט פועלן צו פאַרפירן אַ שמועס מיט לידאַן און פּראָסיאַן, וועלכע האָבן געזעגן האַלץ אין הויף. אין קאָפּ האָט באַ איר געררוישט פון

די רייד פון גראַבאַטשעס ווייב, וואָס האָט אַף איר אַזוי אָנגעשריען. אַט ס'אַרא פרוי... אַלע האָבן געוואוסט, אַז גראַבאַטשיכע איז אַ בייזע באַבאַ, האָט ליב זיך צו קריגן, שרייען, וועט קיינעם קיין גוט וואָרט ניט זאָגן. און איצט, איז זי גאָר אָט־אַזאַ־אַ...

...סאַשאַ האָט לאַנג געבויט פון שטעקעלעך אַ כאַטע און אַ הויף, האָט פאַנאַנדערגעפירט איבער די שטאַלן די בעהיימעס און די פערד. אפילע די קליינינקע זינאַ האָט ניט געוויינט אַזוי איז זי געווען פאַרנומען מיט דער שפּיל.

— און דאָ וואָס וועט זיין?

— דאָ וועלן זיין די שאָף. מ'האָט אונדז געבראַכט נייע.

— אהאַ...

— גיב אהער אַ שטיקל קויל. די שאָף וועלן זיין שווארצע. נאָך אַ שטיקל. ס'איז דאָך דאָ אַסאַך שאָף...

— און וואו איז די קאַץ? — האָט נינאַ געמאָנט.

— די קאַץ שפּאַצירט אַרום, אַ קאַץ שפּאַצירט דאָך שטענדיק אַרום, — האָט זינאַ דערקלערט, און נינאַ האָט זיך באַרואיקט.

— די דייטשן קומען, מען דאַרף אַוועקטרייבן די בעהיימעס, — האָט אַסיאַ אַרויסגעגעבן אַ באַפעל.

— גוט, און ווער וועט זיי אַוועקטרייבן?

— איך! — האָט זיך נינאַ אַרויסגערופן.

— איך וועל בלייבן מיט די פּאַרטיזאַנען, — האָט אָסיאַ באַשלאָסן.

— נו, נעם טרייב אַוועק די טשערעדע.

זיי האָבן אָפּגערוקט אַ שפּענדיל, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם טויער, און אַרויסגעפירט אַפן גראַמען דיל די ווייסע שטעקעלעך, די שווארצע קוילן, דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון קאָלכאָז.

— און וואוהין אַוועקטרייבן?

— טיף אין לאַנד, — האָט סאַשאַ געזאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן, — פון יענער זייט טייך. אונדזערע וועלן ניט לאָזן די דייטשן אריבערגיין דעם טייך.

— אפֿן טייך קענען זיי נאָך באָמבאַרדירן, — האָט זיך אָסיא אַריינגעמישט.

— נישקאָשע, מירן אַריבערגיין בײַנאַכט, — האָט סאַשא באַשלאָסן. גיב אַהער דאָס ברעטל, דאָס וועט זיין דער טייך.

די טיר האָט זיך צעעפֿנט מיט אַ ראַש. פֿינף פּאָר אויגן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן פֿון אויוון צו דער טיר. סאַשא איז געבליבן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם.

*

אפֿן שוועל איז געשטאַנען אַ דייטשער סאָלדאַט. צווישן די שמאַטעס וואָס האָבן אַרומגעוויקלט זיין קאָפּ, האָבן אַ פּאָר רויטע אויגן געקוקט אַף די קינדער. ער איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט שניי. ער האָט מיטן בליק אַ זוך געטאָן איבערן צימער, און ניט זעענדיק קיין עלטערן מענטשן, האָט ער זיך געווענדעט צו די קינדער. טכילעס האָט סאַשקאַ ניט פֿאַרשטאַנען, ער איז געווען זיכער, אַז מען האָט זיך דערוואוסט וועגן מישקען, אַז די מוטער איז אַרעסטירט, אַז דער סאָלדאַט מיטן גרינעם שינעל וועט באַלד אָנהויבן אויסגראָבן מיטן באַגנעט דעם ברודערלס קייווער, אַז דער דייטש האָט געמוזט עטלעכע מאָל איבערכאַזערן אין זיין צעקאַליעטשעטן רוסיש, די ווערטער, ביז דאָס קינד האָט פֿאַרשטאַנען:

— מילכע, מילכע...

— ניטאָ קיין מילך בײַ אונדז — האָט געזאָגט סאַשקאַ.

דער סאָלדאַט האָט ניט אויפֿגעהערט:

— מילכע, מילכע...

סאַשקאַ האָט זיך אויפֿגעהויבן, און ניט אַראָפּנעמענדיק דעם בליק פֿונעם פֿרעמדן, זיך אַרויסגעשאַרט אין פֿירהויז. טרעטנדיק, האָט ער געפֿילט אונטער די פֿיס די ערד וואָס פֿאַרדעקט דעם ברודערל. דער סאָלדאַט האָט אויפֿמערקזאַם נאָכגעקוקט דעם ייִנגל. סאַשקאַ האָט אויפֿגעעפֿנט דעם טויער פֿון שטאַל, און געוויזן דעם דייטש, אַז זי איז ליידיק. דעם

ערשטן טאָג באַלד האָבן די דייטשן צוגענומען די קי און זי געקווילעט בא דער קאָמענדאַנטור. דער דייטש האָט אַ קוק געטאָן אַף דער ליידיקער שטאַל — אַף דער ערד איז נאָך געווען אַביסל היי און מיסט; ס'האָט געשמעקט מיט פּי. די קאַריטע איז געשמאַנען אַ פאַרפרוירענע. ער האָט געזען, אַז דאָ וועט ער קיין מילך ניט קריגן.

אין שטוב האָט זינאַ פאַרצווייפלט געוויינט: די מאַמע איז ניטאָ, סאַשקאַ איז אַוועק מיטן דייטש אין שטאַל, זי האָט מוירע געהאַט. זינאַ, וואָס איז שטענדיק געווען גרייט זיך צו צעוויינען, האָט איר באַגלייט.

דער דייטש איז אַריין אין שטוב און געקוקט אַף די קינדער מיט אַן אידיאָטישן שמייכל.

— וויינט ניט — האָט ער געזאָגט אַף דייטש, ווייזנדיק זיינע שוואַרצע און פאַרפוילטע ציין.

זינאַ, קוקנדיק אַף אים, האָט נאָך שטאַרקער געוויינט. דער דייטש האָט אויפגעהויבן די ביקס און זיך אָנגעצילט. סאַשקאַ האָט פאַרצווייפלט אַ שפּרונג געטאָן און פאַרשטעלט די שוועסטערל. ער האָט צענומען די הענט און אַריינגעשפּיזט זיין בליק אין די אייטערדיקע אויגן, דעם דייטשס.

— כאַ, כאַ! — האָט געלאַכט דער סאָלדאַט, אָנצילנדיק זיך אַף זינען.

דאָס קינד האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר. זי האָט אויפגעהערט וויינען, קוקנדיק מיט גרויסע, קיילעכדיקע אויגן אַפן פרעמדן, אַפן דייטש. אויך זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ דייטש.

— איך וועל שיסן, — האָט דער דייטש געזאָגט.

נינאַ האָט די ווערטער ניט פאַרשטאַנען. אָבער זי האָט געפילט עפּעס שרעקלעכעס. נינאַ האָט געשוויגן; סאַשקאַ האָט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פונעם ביקס. די שוואַרצע לאָך האָט זיך פּאַמעלעך באַוואויגן, זיך צילנדיק דאָ אַף איין קעפּל, דאָ אַפן צווייטן.

סאַשקאָן האָט זיך פאַרוואָלט געבן אַ שפּרונג און אַרויסרייסן די ביקס. אָבער ווי אַזוי? צי וואָלט ער באַוויזן צו שיסן? און אויב יאָ, וואָס, ווען ער דערשיסט דעם דייטש? דער איקער: וועט ער באַווייזן אַרויסצורייסן?

דער דייטש האט נאך אלץ געלאכט, מיט זיינע שמוציקע ציין. די שפיל איז אים געפעלן: דער שוידער וואס האט זיך געמינעט אין די קינדערשע אויגן, די בלאסקייט פון זייערע בעקלעך, דעם עלטערנס שטייפע מינע. סאשקא האט פארשטאנען, אז דער דייטש פארווייל זיך מיט זיי, ווי די קאץ מיט א מויז. יא, אן שום ספק: ער שפילט זיך. די שווארצע לאך פון ביקס איז ארויף און אראפ געגאנגען. סאשקא וואלט בעסער וועלן, אז ער זאל שוין אויסשיסן, און א סאף.

ער האט געטראכט, אז אים וועט ער דערשיסן דעם ערשטן, ווייל ער איז דער עלטסטער. ער האט אנגעשטרענגט דעם בליק אף דער ביקס. האלוויי שיסט ער שוין! א סאף זאל נעמען!

ענדלעך איז דעם סאלדאט מיעס געווארן די גאנצע שפיל. ער האט זיך ווידער צעלאכט, גענומען די ביקס אפן אקסל און ניט אומקוקנדיק זיך, ארויס. די קינדער זיינען געבליבן געפלעפט, קוקנדיק צו דער טיר. סאשקא האט געווארט: עפשער איז ער ניט אוועק. עפשערווארט ער הינטער דער טיר, אז עמעצער זאל זיך א ריר טאן, וועט ער אריין און אויסשיסן, אפילו נינא איז געזעסן שטיל, ווי א שטיין. מיטאמאל האבן זיך דערהערט טריט אין פירהויז. די טיר האט זיך געעפנט: די מוטער איז אריין.

פון דרויסן האט זיך דערהערט א ווייטער, פארשטיקטער אויסגעשריי.

— וואס איז דאס?

— גארניט... אלענא גייט צו קינד, — האט זיך מאליוטשיכע אנגעכמורעט.

די קינדער האבן זיך איינגעהערט. אן אויסגעצויגענער פארשטיקטער יאמער האט זיך געטראגן פון דער זייט פון דער פארשפארטער שטאל. ער האט זיך אויפגעהויבן אין דער הויך, איז געפאלן, אנטשוויגן געווארן אף א מאמענט און האט זיך ווידער אויפגעהויבן מיט שטייגנדיקער קראפט.

קאַפּיטל פיר

דאָס איז געווען אַ צימער הינטער דער קאָמענדאַנטור. פיר ווענט און אַ הוילער דיל. אַמאָל זיינען דאָ געשטאַנען שאַפעס — איינע מיט אַ ביבליאָטעק ביכער, אַ צווייטע מיט דאָקומענטן און פּאַפּירן פון דעם דאָרף־סאָוועט און קאָלכאָז.

די ווענט פון דעם אַלטן הויז זיינען געווען אויפגעבויט פון שטאַרקע, גראָבע בערווענעס. די דייטשן האָבן פאַרקלאַפּט דעם פענצטער מיט ברעטער, און אין צימער איז געווען פינצטער. ס'האָט בלויז געלויכטן אַ שפּאַלט אין דער טיר, וואָס האָט געפירט צו דער קוואַרטיר פון דעם דייטשן קאַראַול, וואו ס'האָט געברענט אַ לאָמפּ. אַהער האָט מען געבראַכט די פינף אַרעסטירטע. זיי האָבן דערהערט דעם גרילץ פון אַ שליסל אין שלאָס, איינמאָל, אַ צווייטן מאָל, און דערנאָך זיינען זיי פאַרזונקען געוואָרן אין דער פינצטערניש, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט מיט פיר ווענט. דאָרט איז ניט געווען קיין באַנק און קיין בענקל. די אויגן האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו דער פינצטערניש. די פינף האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן דיל באַ אַ וואַנט. גראַכאַטש האָט זיך אויסגעצויגן אויפן דיל. אונטערגעלייגט אַ פויסט אונטערן קאָפּ און באַלד האָט זיך דערהערט זיין רעגלמעסיקער אָטעם פון שלאָף.

די איבעריקע האָבן אָבער ניט געקענט שלאָפן. אָלגאַ פּאַלאַנטשוק האָט זיך צוגעדריקט צו טשעטשאַריכען. זי האָט מוירע געהאַט. מוירע געהאַט פאַר אָט דעם צימער, מוירע געהאַט פאַר דער פינצטערניש, מוירע

געהאַט פֿאַר דער ליכט פֿון יענער זייט טיר. מוירע געהאַט פֿאַר דעם, וואָס וועט שפּעטער זיין. טשעטשאַריכע האָט זי גענומען אונטער דער האַנט, און אַזוי זיינען זיי געזעסן, צוגעדריקט איינע צו דער צווייטער.

בלויז מאַלאַשאַ האָט זיך ניט געטוליעט צו קיינעם. די קני אַרומ־געכאַפּט מיט די הענט, האָט זי זיך איינגעאָרדנט אין אַן אַנדער ווינקל, זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט אין דער פינצטערניש אַריין. זי האָט ניט געטראַכט וועגן די זעלביקע זאַכן ווי די אַנדערע געפאַנגענע. אומבאַוועגלעך, מיט אַן אַנגעשטרענגטן בליק, מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, האָט זי זיך איינגעהערט. ניין, זי האָט ניט געפּרוּווט אויפכאַפּן די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך טעמפּ דערטראָגן פון דערבייאיקן צימער. זי האָט ניט געפּרוּווט דערהערן, צי עס קומט ניט פאַר עפּעס פון יענער זייט וואַנט, אין דאָרף. מיט צונויפגעצויגענע ברעמען האָט זי מיט שפּאַנונג זיך צוגעהערט צו עפּעס, וואָס איז פאַר־געקומען בא איר אינעווייניק. אָט איז שוין אַוועק אַ וואָך — ניין, מער, צען טעג. און נאָך אַלץ גאָרניט. און אַקשאָנעסדיק, פּיינלעך האָט זי געטראַכט איינס און דאָס זעלביקע, איין געדאַנק, וואָס האָט זי ניט אָפּגע־לאָזט: יאָ אָדער ניין? יאָ אָדער ניין? יאָ אָדער ניין?

דאָס בלוט האָט האַסטיק געשלאָגן אין די שלייפן. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט דעם גערויש פון איר בלוט אין די אויערן. דאָס בלוט פליסט, לויפט איבער די אָדערן, גיסט זיך פאַנאַנדער איבער אַלע וועגן אין איר קערפּער, קליינע העמערלעך קלאַפּן אין די געלענקן פון אירע הענט. ווי אַזוי זאָל זי ענדלעך דאָס פעסט־שטעלן, זיך איבערצייגן?

זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעציילט די טעג, עפּשער האָט זי פאָרט געהאַט אַ טאָעס? אָבער ניין. יעדן מאָל איז אַרויסגעקומען דאָס זעלביקע: צען טעג. ס'איז דאָך אָבער געווען אַן אורזאַך. ס'האָט געמוזט זיין אַן אורזאַך. צען טעג. דער געדאַנק האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט אויף זיי, איז געלאָפן ווייטער, האָט אָפּגעציילט טאָג נאָך טאָג, ביז צו יענעם טאָג, וואָס האָט איבערגעבראָכן איר לעבן אויף צווייען. מאַלאַשאַ האָט דערפילט אַ פיזישן ווייטיק, אַן אומדערטרעגלעכן ווייטיק, ווען זי האָט זיך מיט

אירע געדאנקען איינגעקלאמערט אין יענעם טאג. זי האט צונויפגעדריקט די פויסטן אזוי, אז די נעגל האבן זיך איינגעשניטן אין די דלאניעס, האט אריינגעצויגן די פיס אונטער זיך און זיך צונויפגעדריקט אין א קנויל. אומדערטרעגלעכע יעסורים האבן דורכגענומען איר גאנצן וועזן. איר האט זיך געדאכט, אז זי וועט דאס ניט אויסהאלטן, אז זי וועט זיך צעשרייען מיט א ווילדן כאיעשן קאל. את אזוי האט זיך איר געוואלט שרייען: וואיען ווי א כאיע מיט א שארפן קוויטש, זיך רייסן די האר אפן קאפ, זיך פארכלינען מיט דעם יאמער, קעדיי אין דעם אויסגעשריי צו דערטרינקען אלצדינג — אי יענעם טאג, אי די צען טעג, וואס זיינען אוועק אין נאכאנאנדיקן ציילן און אין דערגיין יעדן מאל צו דעם זעלביקן כעשבן.

איר קערפער האט זיך געקארטשעט פאר ווייטיק. איר האט זיך געדאכט, אז זי וועט לאנג ניט אויסהאלטן, אז זי וועט באלד שטארבן. דער טויט איז אבער ניט געקומען; שטארבן איז ניט אזוי גרינג. מען מוז זיצן אין דער פינצטער, הערן ווי מענטשן אטעמען און געדענקען — געדענקען יעדע מינוט, אז זי, מאלאשא, איז א פארשאלטענע, אן אנגעשטעקטע; אז זי איז אף אייביק אפגעשיידט פון מענטשן, פון דעם דארף, פון אלץ, וואס איז ביז איצט געווען איר לעבן. און פארוואס איז דאס אזוי? פארוואס איז זי גראד די איינציקע אין גאנצן דארף?

פאר אירע אויגן איז געווען ניט קיין פינצטערניש, נאר יענע דריי פענעמער, — די העסלעכע מארדעס, איינגעבויגן איבער איר. זיי האבן זיך אפגעשטעמפלט אף אייביק אין איר זיקארן, ווי אף א פאטאגראפי־שער פלאסטינקע, זיינען אייביק געשטאנען פאר אירע אויגן. קיין זאך האט זיי ניט געקענט פארשטעלן, דריי פענעמער — ניט ראזירטע, געלע מארדעס, ארויסשטארטשענדיקע ציין, צעשפאלטענע ליפן, ווילדע אויגן.

אין דעם זעלביקן צימער איז זי צוריק מיט עטלעכע כאדאשים געווען מיט איוואנען. דער זעלביקער צימער און דאס זעלביקע בעט. אבער איצט זיינען איבערן צימער געפלויגן די פעדערן פון דער צעריסענער קישן, אפן דיל איז געווען צעשאטענע שטרוי, פון פענצטער איז אראפגעפאלן די וואזאנע מיט דער כינעזישער רויז, און די שערבלעך האבן געקנאקט

אונטער די פיס פון די דייטשן. זי האָט ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, נאָר זי האָט זיך ניט געקענט העלפן. ס'האָט זיך געטראַכט אַקשאַנעסדיק, נאָכאַנאַנד, אָן אַ מינוט אָפּרו. דריי זיינען זיי געווען און ווידער אָט די פּענעמער, די געלע האָר פון די ניט־געגאָלטע מאָרדעס, דער געלעכטער, די געשרייען און די אייזערנע קלאַמערן פון די אָפּשטויסנדיקע הענט אַף איר ליב, אַף אירע אויסגעדרייטע אָרעמס די צעריסענע פיס. און דערנאָך — אַ גרויער קנויל פּאַרע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן פון דרויסן, און דער קלאַפּ פון דער טיר, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט הינטער זיי.

און ווייטער — ווייטער איז געווען איין קעסיידערדיקער אומדער־טרעגלעכער פּיין. און איצט, — אָט־די נאָך מער אומדערטרעגלעכע לעצטע טעג, ווען פון פרימאָרגן ביזן אָוונט און דורך די שלאָפלאָזע נעכט האָט זי זיך צוגעהערט צום אייגענעם ליב און געציילט ביז מעשוגאַס, און מיט יעדן טאָג איז צוגעקומען נאָך אַ טאָג, און אָט איז שוין צען טעג.

יאָ, מענטשן זיינען אומגעקומען אין דאָרף, לעוואָניוק הענגט אַף דער טליע. די שוואַנגערע אָלגאַ ליגט אין שטאַל באַ די דייטשן אין די הענט און שטייט אויס יעסורים. אָבער קיינער, קיינער כוץ איר, טראָגט אין זיך ניט קיין דייטשישע זוימען. קיינער פון זיי, וואָס זיינען אומגעקומען און וואָס ווערן געפּייניקט, טראָגט ניט דער סוינע אין דעם אייגענעם ליב.

אין אַן אַנדער ווינקל האָט אָלגאַ פּאַלאַנטשוק געבליפּעט שטיל ווי אַ קינד. אַ טעמפּער פלוצעמדיקער האַס האָט אַרומגעכאַפּט מאַלאַשאַן. וואָס וויינט זי, דער נאַר? וועגן וואָס האָט זי צו וויינען? זי האָבן דאָך די דייטשן ניט פאַרגוואַלדיקט, זי האָט דאָך ניט איבערגעלעבט דאָס שרעקלעכסטע, וואָס מען קען איבערלעבן. פאַרוואָס האָט זי מוירע? אַז מען וועט זיי דערהאַרגענען, הענגען, דערשיסן? מאַלאַשאַ האָט ניט געגלויבט אַז דאָס קען פּאַסירן. דאָס וואָלט געווען צו גוט, אַ צו גליקלעכער טויט פון דעם סוינעס האַנט. ניין, זי האָט ניט געגלויבט אין דעם. מען וועט זיי אַ שטיק צייט האַלטן אונטער אַרעסט. זיי וועלן עפּשער צוטראַכטן עפּעס שרעקלעכעס, וואָס איז אַסאַך ערגער ווי דער טויט, אָבער דער טויט וועט ניט קומען; קיין גוטס וועט קיינמאָל ניט קומען פון דייטשישע

הענט, עס קען פון זייערע הענט ניט קומען קיין גליק. און דער טויט — וואָלט געווען אַ גליק.

און זי האָט ווידער געציילט די טעג — איינס, צוויי, דריי. זי האָט אָנגעציילט ביז צען און האָט זיך געקאָרטשעט, געדרייט פון יעסורים. אָט וועט באַ איר באַלד פּלאַצן דאָס האַרץ, ניט אויסהאַלטן. אַזוינע יעסורים קען מען קיין איין מינוט ניט אויסהאַלטן. אָבער דאָס האַרץ האָט ניט געפּלאַצט, און ווי פריער האָבן געקלאַפּט די העמערלעך אין די שלייפן. קוקנדיק אָנגעשטרענגט אין דער פינצטערניש אַריין האָט מאַלאַשאַ געטראַכט, אַז אָט אַזוי וועט זי ציילן טאָג נאָך טאָג, ביז זי וועט זיך ניט דערציילן צום סאָף, צום טאָג, ווען זי, מאַלאַשאַ, דאָס ווייב פון אַ רויט־אַרמייער, וועט געבערן אַ דייטשישן נעפעש.

זי האָט זיך אַלץ איינגעהערט, דאָס בלוט האָט ווי מיט העמערלעך געקלאַפּט אין די שלייפן, אין די געלענקן. זי האָט זיך צוגעלייגט אַ האַנט צום בויך. דאָס בלוט האָט אויך דאָרט געקלאַפּט מיט קליינע העמערלעך. עס האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכער עקל צו איר אייגן לייב. דאָס איז שוין ניט לייב, דאָס איז אַ נעסט פון דעם דייטש, פון פריצן, וועלכער איז נאָך ניטאָ און איז שוין דאָ. ווען זי עסט, עסט ניט זי, נאָר דאָס פרעסט פריץ, פרעסט קעדיי צו וואַקסן, צו אַנטוויקלען זיך און שטעמפּלען איר אומגליק מיט שאַנד. ווען זי שלאָפט, איז דער שלאָף ניט קיין אָפּרו פאַר איר, — ניין, דאָס רוט אָפּ פריץ.

זי האָט וועגן אים ניט געקענט טראַכטן ווי וועגן אַ קינד. אַ קינד — דאָס איז דאָס קינד פון אַלעגאָן, וואָס אירע געשרייען דערגייען פון צייט צו צייט אַזש אַהער, דרינגען אַריין דורך די גראָבע בערווענעס פון דער פאַרהאַקטער געביידע. אַ קינד — דאָס איז דאָס אומגעבראַכטע אינגל וואָס איז דערשאָסן געוואָרן באַנאַכט; דאָס זיינען טשעטשאָריכעס דריי קינדער, מאַליוקס קינדער און אַלע קינדער, וואָס זיינען געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דאָרף און וואָס נאָכן אָנקומען פון די דייטשן דראָט זיי פריער אָדער שפּעטער אַן אומפאַרמיידלעכער טויט. דאָס זיינען קינדער, העל־האָריקע און טונקל־האָריקע, מיט העלע אויגן און מיט טונקעלע, וויינענדיקע און לאַכנדיקע, וואָס קווויטשען ווי פייג־

געלעך אין זייערע וויגעלעך. די מאַמעס האָבן פאַרטראַכט זייערע קינדער, זיי געטראָגן, געבוירן, געהאָדעוועט. אָבער דאָס, וואָס זי טראָגט און וועט טראָגן, דאָס וואָס זי וועט געבערן איז ניט קיין קינד, ס'איז אַ וועלפּל, אַ דייטשל.

און דאָס קען שוין קיינמאָל ניט ווערן אַנדערש — האָט זי מיט שווידער אַ טראַכט געטאָן. אויב ער וועט שטאַרבן — און זי וועט דאָך אים דערשטיקן מיט די אייגענע הענט, — וועט דאָס אויך ניט העלפן. סיי ווי וועט באַ איר אַף אייביק בלייבן אין זיקאָרן, אַז זי האָט געטראָגן אַ דייטש, האָט מיט דעם אייגענעם בלוט אירן אויפגעהאָדעוועט אַ דייטש. מיט האַס און עקל וועלן מענטשן קוקן אַף איר אָנגעבלאָזענעם בויך, אַף איר שווערן טראַט פון אַ שוואַנגערער פרוי. אַלע וועלן איר אָפּטרעטן דעם וועג — ניט צוליב דעם, אַז איר זאָל זיין באַקוועמער פאַרבייציוגיין, נאָר אוים טיפן עקל, אוים שרעק, אַז מען זאָל זיך ניט צורירן צו איר, צו דער דייטשישער רעדנע, וואָס טראָגט אַ דייטש אין בויך.

געוואוסט האָבן דאָך אַלע, אַלע. אַלע האָבן אַף איר ראַכמאָנעס געהאַט, געשאָלטן די דייטשן, געזעדט וועגן דעם טאָג, ווען מען וועט זיך פאַר אַלץ אָפּרעכענען מיט זיי. מאַלאַשאַ האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס איז ניט אַזוי. זי האָט געוואוסט, אַז פאַר אַלץ קען מען מיט די דייטשן זיך אָפּרעכענען — פאַר פאַשטשוקן, פאַר לעוואָניוקן, פאַר אָלענאַן, פאַר די פאַרברענטע כאַטעס און די געשטאָרבענע קינדער, אָבער פאַר איר וועט קיינער קיינמאָל קיין נעקאָמע ניט נעמען. דאָס קען מען שוין ניט פאַריכטן.

זי זעט דאָך, כאָטש קיינער זאָגט דאָס איר ניט, אַז די פרויען קוקן איר ניט אין די אויגן, מענטשן גייען זי פאַרביי, גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ פאַרפעסטעטע. צווישן איר און דעם דאָרף האָט זיך ווי אַ פעסטע וואַנט אוועקגעשטעלט דער טאָג, ווען יענע דריי האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער כאַטע, זי פאַרגוואַלדיקט און זי אַפילע ניט געוואָלט דערשיסן, ווי זיי טוען דאָס געוויינלעך. זי איז געבליבן לעבן, קעדיי צו לעבן מיט אַ שרעקלעכן לעבן. און גלייך ווי דאָס וואָלט ניט געווען גענוג, ניט גענוג

וואס זיי האָבן זי געשענדעט, פאַרוואַנדלט זי אין אַ ברודיקער שמאַטע, דאַרף זי נאָך איצט ציילן די טעג, און יעדן מאָל ווי זי ציילט, קומט אויס דאָס זעלביקע.

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די אָפּגעריסענע ברעקלעך האָפענונג, אָן דעם בליאַסק פון אַן אומזיניקן געדאַנק, אַז עפּשער האָט זי אַ טאָעס געהאַט, עפּשער איז דאָס ניט אַזוי, אַז אַזעלכע זאַכן פּאַסירן און ס׳איז גאָר ניט קיין סימען, אַז נאָך אַ טאָג אָדער צוויי, און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. נאָר דאָס איז אַלץ געווען אומזיסט, ווייל טיף אין הארצן האָט זי געוואוסט אָפּ זיכער, אַז אַזוי איז עס. אַז מען קען דאָס שוין ניט איבעראַנדערשן, אַז זי איז שוואַנגער.

און זי האָט זיך דערמאָנט אָן יענעם זומער — אַ זומער אַ זוניקער, אַ בליענדיקער, אַ דופטיקער. די נעכט, באַזילבערט פון טוי, דאָס גראָז הויך ביזן גאַרטל, היי־שניט אָף יענער זייט טייך, דאָס נעכטיקן אין שאַלאַשן אין דעם אַראָמאַט פון דעם פריש־געשניטענעם היי, דאָס פינקלען פון די שטערן, די קורצע, באַרוישנדיקע נעכט. פון יענע קושן איז ניט געבוירן געוואָרן קיין קינד. די זיסע, פריידיקע נעכט, דאָס שעפּטשען פון ליפּן צו ליפּן, דער פּלאַטער פון גליקלעכן הארצן — דאָס אַלץ איז פאַרשוואונדן אָן אַ שפּור, גלייך ווי ס׳איז קיינמאָל ניט געווען. און געוועזן זיינען דאָך אַסאַך אַזוינע נעכט, די גאַנצע צייט פון דעם היי־שניט. און זי האָט זיך אָפּגעגעבן יענעם מענטשן מיט שטורעמדיקער, באַרוישטער ליבע, כאָטש שפּעטער איז דערפון גאָרניט געוואָרן און זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אָן קאַס און אָן פאַרדרוס.

און איצט איז געווען בלויז איין אויגנבליק, בלויז איין שרעקלעכע האַלבע שאָ, און אָט־די האַלבע שאָ דאַרף אין איר לעבן ווערן אַ יאָמערדיקע וואונד, פון וועלכער עס וועט אייביק טריפן אָן איפּעשדיקע מאַטעריע.

און דערנאָך, ווען זי האָט כאַסענע געהאַט מיט איוואַנען, איז זי, עמעס ניט געווען לאַנג פאַרהייראַט, נאָר עס זיינען דאָך געווען גליקלעכע נעכט, און די שטערן האָבן אַריינגעקוקט דורך די שפּאַלטן פון שפּייכלער, און די יוני־נאַכט האָט געשמעקט מיט זומער. דאָס אַלץ איז דאָך געווען,

איידער ער איז אוועק אין דער אַרמיי, נאָר אויך דערפון איז גאָרנישט ניט געוואָרן.

זי איז געגאַנגען איבערן דאָרף אַ שלאַנקע, מיט אַ מיידלשער ברוסט, מיט אַ שמאָלער טאַליע, און די באַבערים האָבן זיך פּאַרקוקט אַף איר, מיט איר לוסטיק געשמועסט און פאַרגעסן, אַז זי איז שוין אַ פאַרהייראַטע און אַז זי וועט איר איוואַנען אַף קיינעם ניט אויסבייטן. זיי האָבן האַנאַ געהאַט צו זען אירע בלישטשענדיקע ציין, הערן איר לוסטיקן געלעכטער, אויפכאַפּן דעם שטיפערישן פונק אין אירע שוואַרצע אויגן.

און איצט איז געווען געגנוג אָט־די איינע קאַשמאַרנע האַלבע שאָ, אַז אַלץ זאָל זיך מיטאַמאָל ענדערן. דערוויי‌ל ווייסט נאָך קיינער ניט, דערווייל דערקענט מען נאָך גאָרנישט ניט, נאָר טעג וועלן אַוועק, און איר אומגליק וועט זיין פאַר אַלעמען אַף די אויגן. גלייך ווי ס'איז ניט גענוג, וואָס אַף איר איז אויסגעברענט אַ שטעמפּל פון שאַנד, וואָס קען קיינמאָל ניט אָפּגעוואַשן ווערן. ניין, זי מוז נאָך אין זיך טראָגן אַ פריץ, אַ דייטש, און אין ווייען אים געבערן. ווער וועט איר העלפן, ווער וועט וועלן זיין לעבן איר אין יענער שווערער שאָ? ווער פון די ווייבער וועט איינוויליקן זיך צו פאַרמיעסן די הענט און זיך צורירן צום קינד פון דעם געלן מערדער?

און יענע, אָלגאַ, וויינט אוים מוירע פאַרן טויט! ניין, מאַלאַשאַ איז געווען זיכער אַז דער טויט וועט ניט קומען. זי האָט ניט געוואוסט וואָס עס וועט זיי ראַטעווען און האָט געטראַכט אַז עפּעס וועט פּאַסירן, מ'וועט אויסגעפינען ווער דאָס טויטע אינגל איז געווען און ווער ס'האָט אים אַרויסגעגאַנוועט פון די דייטשישע הענט. און קיינער וועט, פאַר־שטייט זיך, ניט אָפּגעבן די דייטשן קיין טוואָוע. זי האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס וועט אויסקומען און פאַרוואָס ס'וועט פּאַסירן, נאָר זי איז געווען גאַנץ זיכער, אַז זי וועט ניט שטאַרבן, אַז מען וועט זי ניט דערהאַרגענען. און אויב זיי וועלן זי ניט דערהאַרגענען, הייסט עס דאָך, אַז די אַנדערע וועלן אויך בלייבן לעבן.

טשעטשאַריכע האָט צוערשט שווייגנדיק געגלעט אָלגאַס האַנט, נאָר

יענע האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען, און זי האָט פארלאָרן איר געדולד.

— וואָס וויינסטו? וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין. ס׳איז אַ כאַרפּע צו וויינען.

— איך וויל דאָך ניט וויינען, עס וויינט זיך — האָט אָלגאַ געבלי־פּעט מיט אַן אומבאַהאָלפענער קינדערשער שטים, וואָס האָט אין טשע־טשאָריכעס אויערן געקלונגען ווי דאָס שטימעלע פון איר יונגסטן קינד, נינאַ. זי איז ווייכער געוואָרן.

— נו, שטילער, שטילער... דערווייל ווייסט מען נאָך גאָרניט...

מאַלאַשאַ האָט אין איר ווינקל ביטער אַ שמייכל געטאָן צו דער פינצטערניש. מען ווייסט שוין גאָר. מען ווייסט זייער גוט. ניטאָ קיין האָפענונג אַפן טויט.

— באַ מיר זיינען דאָרט געבליבן דריי פּיצלעך... וואָס וועט איצט זיין מיט זיי... און דאָך וויין איך ניט, — האָט טשעטשאָריכע געזאָגט. ס׳האָט זי פּלוצעם אַרומגעכאַפּט אַן אומדערטרעגלעכע בענקשאַפט נאָך די קינדער. כאָטש אַף איין מינוט זיי אָנקוקן! וואָס טוען זיי, וואָס איז מיט זיי געוואָרן? האָט זיי מאַליוטשיכע גענומען צו זיך אָדער ניין? און עפּשער זיינען זיי געבליבן אין שטוב און האָבן מוירע פאַר דער אָנקור־מענדיקער נאַכט, האָבן מוירע פאַר די טריט אין גאַס, האָבן מוירע אַזוי, ווי זיי האָבן מוירע געקראָגן פון דעם ערשטן טאָג ווען די דייטשן זיינען געקומען און זיי אַרויסגעוואָרפן פון הויז.

— אַרויס! — האָט אויסגעשריען דער הויכער פעלדפעבל און זי אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער קאָלבע, ווען זי האָט אָנגעהויבן צונויפקלייבן אַ ביסל שמאַטעס, כדיי די קינדער זאָלן ניט פאַרפרוירן ווערן. — אַרויס! — האָט ער נאָכאַמאָל אויסגעשריען, און די קינדער זיינען ווי פריטשמע־ליעטע אַרויסגעשפּרונגען פון הויז. סאָניאַ — אין איין העמדל אַפן פראָסט, אַפן שניי.

דערנאָך איז די דייטשן די כאַטע ניט געפעלן געוואָרן, האָבן זיי זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדערער, און זי איז מיט די קינדער צוריקגע־קומען און האָט ווידער געוואוינט באַ זיך אין דער היים. זי האָט בלויז

באַדאַרפט אויסרייניקן דאָס פירהויז. די דייטשן האָבן, ווייזט אויס, ניט געוואָלט אַרויסגיין אַפן פראָסט, האָבן זיי אָנגעמיסטיקט אין פירהויז, באַם סאַמע שוועל. זיי האָט ניט געאַרט, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו שפּאַנען איבער זייער מיסט און וואָס אין שטוב איז דערפון געוואָרן אַ געשטאַנק. מיט עקל האָט זי אויסגעראַמט דאָס דייטשישע מיסט און מיט אַ כּשאַד אויסגעפּאַרשט די שטוב, צי זיי האָבן דאָרט ניט אָנגעמיסטיקט. דעמאָלט האָט זי געמיינט, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן אַף צו לעהאַכעס, ווען זיי האָבן פאַרלאָזן די כאַטע, וואָס איז זיי ניט געפעלן. שפּעטער אָבער, ווען זיי זיינען אָפּגעווען אַ שטיק צייט אין דאָרף, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי טוען אומעטום אַזוי, אַז זיי אַרט פּאַשעט ניט.

ווי וועלן די קינדער זיך פילן באַ מאַליוטשיכען? דער קליי:ער אָסקאַר זאָל זיך ניט שלאָגן מיט מאַשאַן, ער איז יונגער און שוואַכער, נאָר אַזאַ שלעגער, אַז שטענדיק קריכט ער אַריין אין אַ צאָרע. ער פלעגט אַהיימקומען אַ צעפּלאָמטער, ווייל ער האָט זיך שטענדיק פאַריסן מיט די, וואָס זיינען שטאַרקער פון אים. מיט טאַניאַן איז גרינגער. זי איז אַ קלוג מיידעלע, גאָר ניט לויט אירע יאָרן. נאָר אָט די צוויי, אָסקאַר און נינאַ... און ווי אַזוי וועט זיך מאַליוטשיכע ספּראַווען מיט דעם קליינוואַרג, זי האָט דאָך אירע אייגענע צוויי! ווי אַזוי וועט זי זיי דערנערן אין אָט די שווערע טעג?

יעוודאָקים האָט אַ זיפץ געטאָן באַ דער וואַנט:

— זעט נאָר ווי גראַכאַטש שלאָפט דאָס...

זיין רעגלמעסיקער שנאָרך האָט הויך אָפּגעקלונגען אין דער פינצ־טערניש.

— און אייך, זיידעניו, ווילט זיך גאָרניט שלאָפן? — האָט טשע־טשאָריכע געפרעגט און געפּרואווט פון זיך אָוועקטרייבן די געדאַנקען וועגן די דריי בלאָנדע קעפּלעך.

— וואָס פאַר אַ שלאָף איז באַ מיר... מיר ווילט זיך שוין לאַנג ניט שלאָפן... אַזוי, אַ שאָ צוויי, דריי שלאָף איך אָפּ, אָבער מער שלאָפט זיך ניט. דער טאָג איז אַ לאַנגער...

— מיר זיינען שוין דאָ לאַנג? — האָט אָלגאַ פּלוצעם אַ פרעג געטאָן.

— ווער ווייסט. די צייט שלעפט זיך ווען מען זיך אָט אזוי-אָ... נאָר עס איז שוין, ווייזט אויס, נאכט. אין יענעם צימער ברענט א לאָמפּ, הייסט עס, אז ס'איז נאכט.

— ס'איז ערשט אָוונט — האָט אָלגא א זיפץ געטאָן מיט אנטוישונג

— און מיר דאכט זיך, אז מיר זיצן שוין דאָ ווער ווייסט ווי לאַנג...

— וואָסער לאַנג... און דו מיידל נעם זיך אין די הענט אריין. ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך מיר וועלן דאָ זיצן...

— א יונגע. די יונגע האָבן שטענדיק קיין צייט ניט, — האָט יעוודאָקים א זיפץ געטאָן.

טשעטשאָריכע האָט אין דער פינצטער זיך אויסגעדרייט צו איר. אירע אויגן האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו פינצטערניש, און דער שמאָלער שפּאַלט אין דער טיר האָט דורכגעלאָזט אביסל ליכט. דער ווייסער קאָפּ פון דעם אַלטן האָט זיך אומקלאָר אויסגעטיילט אנטקעגן דעם הינטערגרונט פון דער וואנט.

— וואָס איז דאָ די אייליקייט? איצט האָבן מיר זיך שוין ניט וואוהין צו אײַלן. וויפל מיר וועלן דאָ אָפּזיצן וועלן מיר זיין אונדזעריקע, און ווייטער וועלן מיר שוין זיין זייערע...

— און אז אונדזערע וועלן קומען? — האָט זיך אָלגא שרעקעוודיק אריינגעמישט. עס קען דאָך ניט זיין, האָט זי געטראכט, אז ס'איז שוין אינגאַנצן ניט געבליבן קיין אויסגאַנג, אז די טיר פון דעם פינצטערן צימער קען געעפנט ווערן בלויז צום טויט.

— די דייטשן האָבן דאָך געגעבן בלויז דריי טעג צייט.

— און אין די דריי טעג?

— אין אזא זאווערוכע?... שווער, ווי קען מען דאָ גיין, ווי קען מען שלעפּן די קוילגווארפער, די האַרמאַטן? מען זעט דאָך ניט די אייגענע נאָז אין דער זאווערוכע. אין יעדן גרוב, אין יעדן טאָלעכל קען מען פארשאָטן ווערן פון שניי...

טשעטשאָריכע האָט געערעדט רואיק. נאָר פּלוצעם האָט זי פארשטאַנען, אז זי גלויבט ניט אירע אייגענע רייד.

דער שניי ווי דער שניי, נאָר זיי וואַרטן פאַרט יעדן טאָג, וואַרטן

אקשאַנעסדיק, מיט אַ פעסטן גלויבן. אָט האָט זי דאָך ערשט היינט אינדערפרי געגלויבט, אַז זיי וועלן קומען, אַז זיי זיינען שוין עפשער לעבן לעסטשאַן, עפשער לאָזן זיי זיך שוין אַרונטער אין טאָל און גייען מיט דער סטעזשקע אַפן באַרג — איז פאַרוואָס זאָלן זיי ניט קומען?

אַ זאַווערוכע איז נעכטן אויך געווען, און אייערנעכטן... וואָס איז באַ זיי אַ זאַווערוכע? מען וועט זיי ווייזן די סטעזשקע און די דורכגאַנגען... עס איז דאָך די אייגענע ערד. זיי זיינען באַקאַנט אי מיט שטורעם־ווינטן, אי מיט שניי, ס'איז באַ זיי ניט דעם ערשטן מאָל.

יאָ, אָלגאַ איז גערעכט. זיי קענען קומען. זיי קענען קומען גראָד אין איינעם פון די דריי טעג, וואָס זיינען פאַרבליבן ביזן טויט. פלוצעם וועט אַ קרעכץ טאָן די טיר, ס'וועלן אַ קנאַק טאָן די ביקסן, און זיי אַליין וועלן אַרוים אַף דער ליכטיקער וועלט, וועלן דערזען זייערע אייגענע שלאַכטלייט, און דערמאָלט וועלן זיי זיך אַ לאָז טאָן וואָס שנעלער אַהיים... וואָס שנעלער צו מאַליוטשיכען נאָך די קינדער...

עפשער גייען זיי שוין. אונטערן צודעק פון דער פינצטערניש, הינטערן פאָרהאַנג פון דער זאַווערוכע, וואָס פאַרטויבט אַלע קלאַנגען, גאַנווענען זיך איצט אונטער שטילערהייט צום דאָרף, און פלוצעם וועלן זיי אַ קלאַפּ טאָן ווי אַ דונער, וועלן צעשמעטערן, צעקוועטשן ווי אַ וואַנץ די דייטשישע באַנדע, וואָס האָט זיך אַריינגעזויגן אין דאָרף און טרינקט זיין בלוט.

— און עפשער וועלן זיי קומען, — האָט זי געזאָגט אין דער הויך עפשער וועלן מיר זיך דערוואַרטן.

— איר דענקט, אַז זיי וועלן קומען? — האָט אָלגאַ געפרעגט.

— עפשער טאַקע יאָ, — האָט יעוודאָקים אַ מורמל געטאָן, — אוי, שוין צייט, שוין לאַנג צייט!

— זיי וועלן אונדז געפינען. אַלע וויסן דאָך וואו מ'האָט אונדז פאַרשפאַרט, — האָט פיבערדיק אָלגאַ אויסגעשעפּטשעט. אין יענעם מאָמענט האָט זיך איר געדאַכט, אַז די הויפּט זאַך איז, אַז מען זאָל זיי געפינען. מען זאָל דאָ ניט בלייבן זיצן קיין איין מינוט, ווען די דייטשן

וועלן נעמען לויפן אין דעם שניי און אין דער זאווערוכע אריין אונטער די קלעפ פון די רויטארמייאישע באגנעטן.

— ווען דעם זארג זיך ניט, זאלן זיי נאר קומען — האט טשעטשאָ־ריכע זי בארויקט. — דו רעדסט אזוי, ווי זיי וואלטן שוין געווען באם דארף.

— און עפשער זיינען זיי טאקע?

— און עפשער יא, — האט יענע נאכגעזאגט און צונויפגעדריקט די פינגער אזוי, אז זיי האבן א קנאק געטאן.

מאלאשא האט געהאלטן אין קוקן אקשאנעסדיק אין איין פינטל אריין, אין דער פינצטערניש. יא, זיי איז גוט צו ווארטן, זיי קענען האפן, פאר זיי וואלט דאס געווען א רעטונג. די אייגענע וועלן קומען — איז וואס? ניט זי קען זיי ארויסגיין אנטקעגן, ניט זי קען זיך מיט זיי גריסן, ניט זי קען זיך פרייען מיט זיי. קיין קווארט וואסער קען זי זיי ניט דערלאנגען, אין שטוב אריין וועט זי זיי ניט ארייינרופן. ווער איז זי דען? א דייטשישע אונטערשפרייטעכץ. זי טראגט אין בויך א דייטש, זי איז א פארשאלטענע אף אייביק. עס וועלן קומען די אייגענע, וועט דאס דארף אויפלעבן, די מיידלעך וועלן א זינג טאן איבער די גאסן, וועלן באלאקען מיט די רויטארמייער. מען וועט זיך ליבן אין די כאטעס, און קיינעם וועט גאר ניט איינפאלן צו פארדאמען, דאס זיינען דאך אייגענע. וועלן דען די מיידלעך פאר זיי קארגן א קוש, ווען מען ווייסט ניט צי דער אדער יענער וועט בלייבן לעבן נאך א כוידעש, א וואך, א טאג? בלויז אף איר איינער וועט קיינער ניט א קוק טאן, אלע וועלן זיך פון איר אפטרייסלען. און אפילע ווען די מילכאמע וועט זיך ענדיקן, אפילע ווען איוואן וועט צוריקומען — צו איר וועט ער שוין ניט ארייינקומען. מען וועט אים דער־ציילן, און ער וועט פארבייגיין אן א זייט פון דער כאטע. און אויב זיי וועלן זיך באגעגענען אפן גאס, וועט ער פארבייגיין ווי אן אומבאקאנטער און עפשער וועט ער נאך אויסשפייען אויך.

דארט, אין צווייטן ווינקל, הערט זי ווי אלגא שעפטשעט. — געוויס, זיי האבן זיך אוועקגעזעצט וואס ווייטער, וואס ווייטער? — האט זי גיפטיק א טראכט געטאן, פארגעסנדיק, אז זי אליין האט געווארט ביז

יענע האָבן זיך אויסגעזעצט און איז אוועק פון זיי אין דעם ווייטסטן ווינקל. יאָ, אַלגאַ מעג וואַרטן, זי מעג מוירע האָבן פאַרן טויט. אַלגאַ האָט צוליב וואָס צו לעבן. אָסטאַפּ וועט צוריקומען פון דער אַרמיי, וועלן זיי כאָטשנע האָבן, וועט זי לעבן מיט לייטן גלייך, וועט אַרבעטן ווי אַלע האָבן געאַרבעט פאַר דער מילכאָמע, וועט ברענגען אָסטאַפּן קינדער אַף דער וועלט. בלויז זי איינע, מאַלאַשאַ, דאָס שענסטע מיידל און די בעסטע אַרבעטערן אין גאַנצן דאָרף, וועט שוין קיינמאָל ניט זיין ווי פאַר דער מילכאָמע.

פעאָדאָסיאַ וועט באַווײנען וואַסיאַן, ס'וועלן אַוועק טעג, כאָדאָשים און זי וועט זיך רואיק דערמאָנען אָן איר זון. אַ געוויינלעכע זאַך, און ער איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, וואָס איז אומגעקומען פאַרן פאָטערלאַנד. אויך די לעוואָניוקס וועלן פאַרגעסן זייער צאַר — זיי האָבן דאָך נאָך צוויי זין און צוויי טעכטער. ווען די יאַטן וועלן צוריקומען פון דער מילכאָמע, וועט די שטוב זיין פול. מען וועט ווידער אויפבויען די כאַטעס, וואָס די דייטשן האָבן צעשטערט, אין די סעדער וועלן אויסוואַקסן נייע ביימער אַפן אָרט פון די, וואָס די דייטשן האָבן אומדערבאַרעמדיק אויסגעהאַקט אַף באַהייצונג. עס וועלן זיך פאַרהיילן די וואונדן, און אַלץ וועט ווידער זיין ווי געווען.

בלויז פאַר איר איינער וועט גאָרניט ניט צוריקומען און גאָרניט פאַרגעסן ווערן. אַלע האָבן פאַר זיך וואַסערן ניט איז וועג, אַ שווערערן אָדער אַ גרינגערן. בלויז פאַר איר איז קיין שום וועג ניט געבליבן.

ווי זי פלעגט זיך אַמאָל פרייען, וואָס זי איז די שענסטע אין דאָרף, וואָס זי אַרבעט בעסער פאַר אַלעמען אין קאָלכאָז. ס'האָבן געמעגט זיין צענדליקער מיידלעך אַף איין אָרט, זיינען אַלע אויגן געווען געווענדעט צו איר. אין איר שטים האָט דאָס ליד געקלונגען ריינער און קלינגענדיקער ווי בײַ אַנדערע. און קיינער האָט ניט געהאַט אַזוינע אויגן, אַזוינע צעפּ, צוויי רויטע באַקן און שאַרפע דינע ברעמען. און זי האָט הויך געטראָגן איר קאָפּ גליקלעך מיט איר שיינקייט.

נאָר אויך איר שיינקייט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומגליק. בעסער וואָלט זי שוין געווען אַ צעקנייטשטע און פאַרוועלקטע, ווי די

באַבע מאַרפע. בעסער וואָלט זי געווען קאָסאַקע און האַרבאַטע, ווי די קרומע אוסטיאַ; בעסער וואָלט זי געווען מיעס און העסלעך ווי די געלע קלאַווא מיט די זון־שפּרענקלעך. ניין, זי איז ניט אַזאַ, און דאָס איז געווען גענוג, אַז יענע דריי זאָלן זי באַמערקן און אומגליקלעך מאַכן.

פון הינטער דער טיר האָבן זיך פון צייט צו צייט דערטראָגן שטימען און טריט. דאָרט האָבן זיך געפונען די דייטשן. זיי האָבן געהערשעוועט דאָ אין דאָרף, זיך געשפּאַסן מיט אַלעמען, ווי בא זיך אין דער היים. זיי האָבן זיך דאָ געפילט ווי די באַלעבאַטים. מאַלאַשאַ האָט צונויפגעדריקט די פויסטן. זיי זיינען דאָך ניט בלויז דאָ. זיי זיינען אויך אין קיעוו, וואו זי איז אַמאָל געווען אַף אַן אויסשטעלונג. זיי גייען איבער די ברייטע קיעווער גאַסן, גייען פאַרביי די גאָלדענע קיעווער טורעמס, טאַפּטשען מיט זייערע שטיוול די קיעווער ערד. זיי זיינען אויך אין כאַרקאָוו און טאַפּטשען מיט די שטיוול די כאַרקאָווער גאַסן. זיי גייען איבער דער אוקראַאינער ערד און טאַפּטשען זי מיט סאָלדאַטסקע שטיוול. ניט בלויז זי, מאַלאַשאַ, נאָר די גאַנצע אוקראַאינער ערד איז פאַרגוואַלטיקט, געשענ־דעט, באַשפּיגן, צעטראָטן פון דעם סוינע. שטעט זיינען פאַרוואַנדלט אין כורוועס, און דער ווינט טראָגט פאַנאַנדער דעם אַש פון דערפער; עס וואַלגערן זיך ניט באַגראָבענע קערפּערס, עס וויגן זיך אַף טליעס טויטע מענטשן, די ערד איז דורכגעווייטיקט מיט בלוט, פאַרגאָסן מיט טרערן.

נאָר ס'וועט קומען דער טאָג, ווען די באַפרייטע ערד וועט זיך ווידער אויסשפּרייטן אונטער דער גאָלדענער זון. עס וועט נעמען פליסן דער פרייער דניעפּער און עס וועלן אַ רויש טאָן די וואָרסקלאַ, די לאָפּאַן און דער פּסיאָל. ברוזינדיקע וואַסערן וועלן אָפּוואַשן די ערד, אָפּשווענקען פון איר מיסט און דעם שמוץ. דאָס מיט בלוט דורכגעווייקטע פעלד וועט ברענגען אַ הונדערטפאַכיקע גערעטעניש. ווי אַן ענדלאָזער יאַם וועלן זיך באַדעקן מיט זאַנגען די שטרעקעס ווייץ פעלדער, ווי מיט גינגאָלד וועלן זיך די פעלדער אָנצינדן מיט זון רויזן, ס'וועט זיך צעבליען די מלאַווע אין די סעדער און די גערטנער וועלן זיך באַדעקן מיט די באַקלעזשאַנעס, ווי מיט פייערדיקע קנוילן. די ערד וועט ווידער אויפבליען, — ווידער אַ רייכע, אַ פּרעכטיקע, אָנגעגאָסן מיט קאָלטוּאָוו בין ראַנד.

און זי, מאַלאַשאַ, וועט שוין אַף אייביק בלייבן דאָס, וואָס זי איז
וועגן. א קרעכץ האָט זיך ארויסגעריסן פון איר ברוסט.
געוואָרן, — א צאַרעדיקע שטיק אָפּפאַל. פאַר איר זיינען פאַרשפּאַרט אַלע

— דו שלאָפסט ניט, מאַלאַשאַ? — האָט טשעטשאַריכע געפרעגט.

מאַלאַשאַ האָט א ציטער געטאָן. אין דער שטים פון דער פרוי האָט זיך דערהערט א געצוואונגענער טאָן, און ס'האָט זי אָנגעכאַפּט א קאַס. ווילסט ניט, רייד ניט. אָבער צו וואָס מאַכן אַן אָנשטעל?

— איך שלאָף ניט. און וואָס גייט עס אייך אָן? — האָט זי אָפּגע־שניטן.

— איך פרעג גלאַט אַזוי.

— ניטאָ וואָס צו פרעגן. זייט נאָר ניט נייגעריק וועגן מיר.

— פאַרוואָס עפּעס? אַלע האָבן מיר דאָך דעם זעלביקן גורל!

מאַלאַשאַ האָט זיך צעלאַכט מיט א שניידיקן, אומאָנגענעמען גע־לעכטער.

— געוויס בא אַלעמען דער זעלביקער! אָבער מיין גורל איז אַן אַנדערער.

— נו, מיילע, ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק...

— יאָ, איר ווייסט אויך וואָס אַן אומגליק איז — ס'האָט זיך אין איר אויפגעהויבן א טעמפּער פאַרדראָס, וואָס זי האָט ניט געהאַט אַף וועמען אים אויסצולאָדן. — זיצט זיך און שווייגט, ווען אייך איז גוט. אָט, איר הערט ווי גראַכאַטש שלאָפט?

— רעדט ניט מיט איר... זי איז א בייזע, — האָט אַלגאַ שטיל א שעפּטשע געטאָן, אָנרירנדיק טשעטשאַריכען פאַרן אָרבל.

מאַלאַשאַ האָט דאָס דערהערט.

— גאַנץ ריכטיק וואָס איז מיט מיר צו ריידן? איך בין א בייזע, דו ביסט א גוטע, אַוואַדע.

די פרויען זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. מאַלאַשאַ האָט שווער געאָ־טעמט און געקוקט אין דער פינצטערניש אריין.

זי האָט זיך דערמאָנט ווי מ'האָט וועגן איר געשריבן אין א צייטונג, ווען זיי האָבן אַראָפּגענומען די גערעטעניש. אָ, דעמאָלט איז זי ניט

געוועזן קיין בייזע. די מיידלעך און די ווייבער האָבן זי ארומגענומען. אין דער צייטונג איז געווען אָפּגעדרוקט איר פאָטאָגראַפיע. מאַלאַשאַ איז אַרויסגעקומען אָפּן בילד ניט זייער גוט; צום בעסטן האָבן זיך אַרויס־געזען די ציין, וואָס האָבן געפינקלט דורך איר שמייכל. דאָס פּאָנעם איז געווען אין שאָטן. דאָך איז די פאָטאָגראַפיע געווען אין דער צייטונג, און וועגן איר אַליין איז געווען געדרוקט, אַז זי איז אַ פירנדיקע קאָלכאָזניצע. יאָ, דעמאָלט איז געווען וועגן וועמען צו שרייבן... און איצט? מאַלאַשאַ ווישנעווא, די פירנדיקע קאָלכאָזניצע. טראָגט אין בויך אַ קינד פון אַ לויזיקן דייטש!

אין דרויסן האָט געיאָמערט דער ווינט. מ'האָט אים געקאָנט הערן דורך די דיקע בערווענעס, פון וועלכן דאָס הויז איז געווען געבויט. גראָכאַטש האָט זיך פּלוצעם אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַ הילכיקן געגנעץ געטאָן.

— נו, ביסט דאָס אַ פעפער אַביסל — האָט יעוודאָקים געזאָגט מיט קינע.

— וואָס זאָל דען זיין? מען ווייסט וואָס ס'וועט זיין?

— אונדזערע קאָנען קומען, — האָט אָלגאַ געזאָגט אין איילעניש. איר האָט זיך געוואָלט, אַז גראָכאַטש זאָל באַשטעטיקן, אַז זיי וועלן קומען, אַז זיי קאָנען קומען.

— יאָ, געוויס, זיי קאָנען קומען... נאָר אַז זיי זאָלן קומען גראָד אין אָט־די דריי טעג...

— אָדער אונדזערע פּאַרטיזאַנער וועלן קומען...

— נו, דאָס זעסטו, קאָן ניט זיין, — האָט דער פויער דערווידערט.

— זיי וועלן איצט אַהער ניט צוקומען. זיי זיינען אַוועק ווייט אין די וועלדער. און זיצן דאָרט. אין אַזאַ שניי קאָנען זיי אַפילע ניט טראַכטן וועגן דערקלייבן זיך אַהער. מ'וועט זיי אויסשפּירן און אויסהאַרגענען. זומער איז עפּעס אַנדערש. זומער קאָן מען דורכגיין אומעטום. יעדער קוסט איז אַ באַהעלטעניש און אַ שוץ. און איצט זאָלן זיי בעסער וואַרטן אָפּן פרילינג, זאָלן זיי בייסן די דייטשן פון וואַלד. אין אַזאַ צייט איז ניטאָ צוליב וואָס אַרויסצוגיין אין אָפענעם פעלד.

— און די אַרמיי?

— די אַרמיי איז עפּעס אַנדערש. די אַרמיי קאָן זיך דורכברעכן אַ וועג.

אָלגאַ האָט אַ זיפֿץ געטאָן.

— ווי דער ווינט וואָיעט דאָס...

— מען זאָגט אַז אין אַזאַ וועטער גייט דער טויט אַרום איבער דער וועלט, — האָט יעוודאָקים געזאָגט.

אָלגאַ האָט דערפֿילט אַז מוראשקעס זיינען איר דורכגעלאָפֿן איבערן לייב. אין צימער איז געווען פֿינצטער און שרעקנדיק, — דאַרף דער אַלטער דאַפֿקע איצט ריידן וועגן אַזוינע זאַכן.

— נו, יאָ, ס'איז טאַקע עמעס, — האָט טשעטשאָריכע באַשטעטיקט יעוודאָקימס ווערטער, — דער טויט גייט אַרום איבער אונדזער ערד, אוי גייט ער אַרום!

זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך איינגעהערט אין די טריט פֿון יענער זייט וואַנט, גלייך ווי זיי וואָלטן אים געקאָנט דערזען, דעם טויט וואָס גייט איבערן וועג.

— איצט זיינען דאָ צוויי טויטן, — האָט דער אַלטער באַמערקט.

— וואָס הייסט צוויי טויטן?

— אַוודאי צוויי... איינער אַ דייטשישער, וואָס נעמט אַוועק אונדזערע. און דער צווייטער איז יענער, וואָס טשאַטשעוועט אויף די דייטשן.

אָלגאַ האָט זיך נענטער צוגערוקט צו טשעטשאָריכען.

— זייידעניו, איר וואָלט ניט באַדאַרפֿט דערציילן... ס'פֿאַלט אָן אַ שרעק.

— און דו האָב ניט קיין מוירע פֿאַר קיין שרעקלעכע זאַכן, — האָט גראָכאַטש שטרענג געזאָגט. — איצט איז אי די וועלט אַ שרעקלעכע, אי די מענטשן זיינען שרעקלעכע... און יעדערער דאַרף זיך וויסן זיינס, און שרעקן דאַרף מען זיך ניט. דו דערשרעק זיך נאָר איינמאָל, וועלן זיי מיט דיר טאָן וואָס זיי ווילן.

— ווער?

— וואָס הייסט ווער? די דייטשן. דאָס איז באַ זיי די הויפּט זאַך

— אָנוואָרפן אַ שרעק אַף מענטשן. אויב דו האָסט מוירע, ביסטו אַ פאַרפאַלענער. אָבער ווען דו לאָזט צו זיך קיין שרעק ניט צו, קאָן אַפילע דער דייטש דיר גאָרניט ניט טאָן.

— וואַסקאַ האָט זיך פאַר זיי ניט געשראָקן, און דאָך האָבן זיי אים דערשאָסן. און פאַשטשוקן...

— איך זאָג דען, אַז זיי וועלן ניט דערשיסן? אַף דערויף האָט ער דאָך אַ ביקס אין האַנט, אַז ער זאָל שיסן. אַף דערויף איז ער דאָך אַ דייטש, אַז ער זאָל הארגענען. ניט וועגן דעם רייד איך, ניט אין דעם ליגט דער קויעך...

— אין וואָס דען ליגט דער קויעך?

— און אַליין ווייסטו דען ניט אין וואָס?

זי האָט געשוויגן, ניט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן.

דער קויעך איז אין דעם אַז מען זאָל זיך האַלטן און ניט אָפּטרעטן. דער קויעך איז אין דעם, אַז מען זאָל שווייגן ווען מען דאַרף שווייגן. אַז מען זאָל פון דיר קיין איין וואָרט ניט קאָנען אַרויסקריגן. די הויפּט זאַך איז צו וויסן, אַז ס'וועט צו דעם נעמען אַ סאַף, אַז קיין איינער פון זיי וועט פון דאַנען קיין לעבעדיקער ניט אַוועק. אי, זיי וועלן דערשיסן? עך, ביסט נאָך יונג... וויפל מענטשן עס זיינען אומגעקומען אין יענער מיל־כאָמע און אין דעם בירגער־קריג... און אין דעם אַכצנטן יאָר האָבן די דייטשן ווייניק באַ אונדז געבאַלעבאַטעוועט? פונדעסטוועגן איז פון זיי קיין שפור און קיין סימען ניט געבליבן. אָבער מיר זיינען געבליבן. די ערד איז געבליבן און דאָס פאָלק איז געבליבן, הייסט עס — אַלץ איז געבליבן.

— אוי, ברענגען זיי איצט אום אונדזער פאָלק, ערגער ווי אין אַכצנטן יאָר...

— אַוואַדע ערגער. נאָר אַלעמען וועלן זיי ניט אומברענגען. עס וועט בלייבן ווער ס'זאָל זייען און בויען אַף דאָס ניי. וואָרט צו, אַז מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען; און אַז מיר וועלן ניט דערלעבן, וועלן אַנדערע זען וואָס ס'וועט זיין. ס'וועט זיין נאָך בעסער, נאָך גרינגער, נאָך רייכער ווי פאַר דער מילכאָמע...

אָלגאַ האָט אַ זיפץ געטאָן.

— דאָך ווילט זיך אַלץ אַליין זען...

— נו געוויס. ווי אַלט ביסטו?

— ניינצן.

— ניינצן... זיידעניו יעוודאָקים, ווען זיינען מיר ביידע אַלט געווען ניינצן יאָר?

— כאָכעם איינער, — איז יעוודאָקים בייז געוואָרן, — בא מיר איז שוין די באָרד געווען גרוי, ווען דו ביסט נאָך געגאַנגען אונטער'ן טיש...

— יאָ, עמעס. נו, און בא איר. בין איך שוין אַן אַלטיטשקער אוואַדע מיידל, ווילט זיך אַלץ אַליין זען... צו ניינצן יאָר, איין קלייניקייט! איך מיטן זיידן זיינען עלטער פון דיר, פונדעסטוועגן ווילט זיך אונדז אויך אַליין זען מיט די אייגענע אויגן...

— כ'זאָל נאָר קענען אַ קוק טאָן ווי ס'וועט זיין נאָך דער מיל־כאָמע... — האָט אָלגאַ אומעטיק אַ זיפץ געטאָן.

גראָכאַטש איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען.

— ניין, ניט בלויז דאָס וואָלט איך וועלן זען! איך וואָלט וועלן זען ווי דער לעצטער דייטש וועט קראַפּירן אָט דאָ אין אונדזער דאָרף! כ'וואָלט וועלן אַ קוק טאָן אַף דעם לעצטן דייטש ווי ער הענגט אַף אַ טליע אין קיעוו! כ'וואָלט וועלן זען ווי מען שטעלט אוועק אַ טליע אָפן בערגל באַם דניעפּער און ווי מ'הענגט אויף דעם לעצטן דייטש. און כ'וואָלט אויך וועלן זען ווי מען וועט אהער ברענגען יענע, וואָס זיינען אין צייט פון מילכאָמע געזעסן בא זיך אין דער היים און געפלאָכטן אַ שטריק פאַר אונדזערע העלדזער, — זען ווי זיי וועלן אַרבעטן, אויפבויען אַף דאָס ניי די פאַרברענטע דערפער, צוריק אויפשטעלן די צעשטערטע שטעט, אויפקלייבן ציגל נאָך ציגל. איר געדענקט ווי ס'איז געווען געשריבן אין דער צייטונג? ציגל נאָך ציגל!

— שוין בעסער אַלץ אַליין מאַכן, אַבי מען זאָל זיי דאָ מער ניט אָנקוקן — האָט טשעטשאָריכאַ באַמערקט.

יעוודאָקים האָט אַ זיפץ געטאָן:

— מיר זיינען א ווייך פאלק, אך ווי ווייך... היינט ווערן מיר אין כאס, און מארגן פארגעסן מיר אלץ... אונדזער פאלק קאן נישט טראגן קיין האס אין הארצן.

— האט קיין מורא נישט, זיידעניו. טאקע א גוט פאלק, אבער אז ס׳דערנעמט אונדז ביזן לעבער, ווערן מיר בייז ס׳א שרעק! און ס׳האט דאך שוין דערנומען... ווי קאן מען פארגעסן? אזוינס וועסטו אפילע א מינוט פארן טויט נישט פארגעסן! א, ניין!

מאלאשא האט זיך צוגעהערט, זיצנדיק אין איר ווינקל. גראבאטשעס ווערטער האבן געקלונגען ווי אן עכא פון אירע אייגענע געדאנקען. יא. יא, צו דערזען אף דער טליע דעם לעצטן דייטש, צו זען ווי זיי וועלן ארבעטן ביזן זיבעטן שוויס... נאר איר וועט דאס קיין דערלייכטערונג נישט ברענגען. אנדערע קאנען זיך אפרעכענען און בארואיקן דאס הארץ, אבער איר הארץ וועט זיך קיינמאל נישט בארואיקן. אייביק וועט ווי אן איפעשדיקער יאטער טריפן דערפון די דערינערונג, וואס לאזט זיך נישט אפשאפן מיט קיין בלוט, מיט קיין נעקאמע.

גראבאטשעס לעצטע ווערטער זיינען אזוי ווי געבליבן הענגען אין דער פינצטערניש, גלייך ווי זיי וואלטן זיך אנגעצונדן מיט פייערדיקע אויסיעס אף די טונקעלע באלקנס פון דער סטעליע:

— קאן מען דען אזוינס אפילע א מינוט פארן טויט פארגעסן?

און מאלאשא האט געענטפערט: „ניין".

— כ׳וויל א טרונק, — האט אלגא א שעפטשע געטאן.

— און דו טראכט נישט וועגן דעם, — האט גראבאטש שטרענג געענטפערט. — קיין וואסער וועלן זיי נישט געבן. דריי טעג וועסטו אויס־האלטן אן וואסער אויך! דא איז נישט היים, דו זיצסט און טוסט גארנישט, וועסטו אויסהאלטן! מען דארף נאר נישט טראכטן, אנישט ווילט זיך טרינקען.

— אוי...

— שעמען מעגסטו זיך, מיידל, — האט טשעטשאריכע זיך אריינ־געמישט, — האלסט אין איין זיפצן און קרעכצן... וואס זשע, נאר דיר איינער איז שלעכט? ווען מען אין דארף איז איצט בעסער?

— מיר זיינען דאך מאשקאנעס...

דער רעגנבויגן

— נו, איז וואָס? מ'האָט צוגעזאָגט אונדז צו דערשיסן אין דריי טעג אַרום, איז וואָס? האָסט דען ניט געהערט? זיי האָבן דאָך געהייסן אָפּגעבן די טוואָרע. סטראַשען מיט שיסן. וועט דען עמעצער אָפּגעבן? איבער אַלעמען הענגט איצט דער טויט...

ס'איז געוואָרן שטיל. אַלגאַ האָט זיך איינגעהערט, גלייך ווי זי וואָלט געפּרואווט דערהערן די טריט פון טויט, וואָס שפּאַצירט איבערן דאָרף.

און דאָס דאָרף, האָט זיך געדאַכט, שלאָפט שטיל אונטער דעם יאָמער פון דער זאַווערוכע, אין די קנוילן שניי, וואָס צאַפּלען זיך אַרויף צו און אַרונטער. די כאַטעס זיינען געשטאַנען שטיל, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך פּאַרטייעטע צוגעבויגן צו דער ערד. מיט דעם פייף פון ווינט האָט זיך צונויפגעגאָסן דער געשריי פון אַלענאַ, וואָס איז געגאַנגען צו קינד אין שטאַל. עס איז איר, ווייזט אויס, אָנגעקומען שווער דאָס האָבן. אָבער כאָטש די ווײ געשרייען האָט זיך ניט געהערט קיין שום קלאַנג, גלייך ווי אַלץ וואָלט געשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף.

אָבער די מענטשן אין די כאַטעס זיינען ניט געשלאָפן. אַלע האָבן געהערט דאָס, וואָס יעוודאָקים האָט דערציילט: דער טויט איז געגאַנגען איבערן דאָרף. ער האָט זיך געקנוילט מיט ווייסע קנוילן איבערן שליאַך, ער איז געפלויגן אין דעם ווירער איבער די דעכער פון די כאַטעס, האָט זיך ווי אַ ווייסער געשפּענסט אַריינגעריסן דורך די שפּאַלטן אין די ווענט. האָט געפּאַטלט די שטרויענע דעכער, געצופּט אומדערבאַרעמדיק די לעצטע ליפּע־ביימער באַם וועג, וואָס זיינען נאָך גאַנץ געבליבן פון די דייטשישע העק. ער איז צוגעפאַלן מיט זיין אייזיקער ברוסט צו דער ערד און האָט מיט מעכטיקע פליגל אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט.

דאָרט אונטן, אין טאָל, זיינען געלעגן דערהאַרגעטע מענטשן. דער טויט האָט געקייקלט דעם שניי, פאַרשאָטן זייער געביין. ער האָט מיט אַ פּייפעריי פאַרשאָטן דאָס שוואַרצע פּאָנעם פון וואַסיאַ קראַוטשוק, און די מאַמע האָט עס יעדן טאָג מיט זאָרג אָפּגעפּראָשעט. ער האָט אָנגעשאָטן ווייסע קוואָרים בערגלעך אויף די קערפּערס פון די רויט אַרמייער, וואָס זיינען געפאַלן באַם דאָרף צוריק מיט אַ כוידעש. דאָ אין טאָל איז געווען

זיין קעניגרייך; דאָ אין טאָל זיינען אונטערן שניי געלעגן אָנגעוואָלגערטע הארוגים, וואָס דער פראָסט האָט זיי פארוואנדלט אין שטיין און האָלץ.

דער טויט האָט געוויגט, פאנאנדערגעהוידעט אַף דער טליע דעם קערפּער פון לעוואָניוק, וואָס האָט געפּרואווט זיך דערשלאָגן א וועג צו די פּארטיזאנען. און אָט דער קערפּער איז געווען שווארץ און פארשטייינערט. ס'האָט געסקריפּעט דער שטריק. ווען דער שטריק האָט שטארקער פאנאנדערגעוויגט דעם קערפּער, האָבן די פיס פון דעם געהאָנגענעם זיך אָנגעקלאַפּט אָן די סלופּעס מיט א טעמפּן, הארטן קלאַפּ.

דער טויט האָט ווי א יאָמערדיקער וויכער זיך געצאַפּלט באַם טויער פון שטאָל, וואו אָלענא איז געגאנגען צו קינד.

דער טויט האָט געוואַרט אַף זיין שאָ, האָט געלאַכט, זיך פארכלינעט מיט א הייזעריקן געלעכטער, בעיים ער האָט זיך געטראָגן איבערן דאָרף. די מענטשן זיינען ניט געשלאָפן אין די כאַטעס. זיי זיינען געלעגן באַוועגלאָז אַף די געלעגערס, מיט די אויגן אָנגעשטעלט אַף דער סטעליע. זיי האָבן געהערט ווי ער וואָיעט אין דער פינצטערניש, דער דייטשישער טויט. ער האָט זיך געפרייט, געלאַכט, געשאַרפט די נעגל, — דער דייטשישער טויט. ער האָט געוואַרט אַף א גרויסער גערעטעניש. דאָס איז שוין מער ניט געווען בלויז דער דערשאָסענער פּאַשטשוק, וואָס ליגט אין טאָל; ניט בלויז לעוואָניוק, וואָס הענגט אַף א דייטשישער טליע. דאָס איז איבער אָלעמען געהאנגען א דייטשישע טליע און אַף אָלעמענס הערצער איז געווען אָנגעשטעלט די שווארצע עפענונג פון דער דייטשישער ביקס.

*

*   *

די מאַשקאָנעס האָבן געוערדט בלויז וועגן דעם וואָס איז באַ אַלעמען געלעגן אַף די געדאַנקען, וואָס האָט באַ אַלעמען געטריבן דעם שלאָף פון די אויגן אין אָט דער נאַכט, וואָס האָט געיאָמערט מיט זאַווערוכע און טויט. דער אַלטער יעוודאָקים האָט דער ערשטער איבערגעריסן די שטילקייט:

— עס אָן דאָך ניט זיין, אַז מען זאָל אַלעמען דערשיסן... ווי איז דאָס מעגלעך? דאָס גאַנצע דאָרף? קיין שוואוע וועט דאָך קיינער ניט אָפּגעבן...

— און וואָס אַרט זיי?... — האָט זיך געראַכאַטש גראָב פאַנאַנדער־געלאַכט. — ס'איז דען באַ זיי צום ערשטן מאָל? און וואָס האָבן זיי געטאָן אין לעוואַנעווקע? וואָס האָבן זיי געטאָן אין סאַדי? אין קאָסטינקע?

פאַר זייערע אויגן זיינען אויפגעשטאַנען די געשפּענסטער פון די שוין פאַרניכטעטע דערפער, — פון לעוואַנעווקע, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן ביזן גרונט; וואו פאַר איין שאָס פון הינטער אַ ווינקל אַף אַ דייטשישן סאָלדאַט האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס דאָרף פון אַלע זייטן, האָבן געשאָסן אין די פויערים, וואָס זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון די פלאַמען און האָבן פאַר די אויגן פון די מאַמעס געוואָרפן זייערע קינדער אין פייער אַריין. דער געשפּענסט פון סאַדי, וואו די גאַנצע באַפעלקערונג, הונדערט און פופציק נעפאַשעס, איז אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַ גרוב, וואו מען פלעגט אַמאָל גראָבן ליים פאַר דער ציגל פאַבריק, און אַלע זיינען אויפגעריסן געוואָרן מיט גראַנאַטן. דער געשפּענסט פון קאָסטינקע, וואו אַלע מענער זיינען דערשאָסן געוואָרן און די פרויען

מיט די קינדער האָבן די דייטשן אַרויסגעטריבן אין איינע העמדער אַף דעם פערציק גראַדיקן פראָסט, און אַלע זיינען זיי אומגעקומען אַפן וועג צום שכייניש דאָרף, וואו זיי האָבן געזוכט רעטונג.

— סאַדי, לעוואַנאָווקע, קאָסטינקע, דאָס איז אין אונדזער ראיאָן, נו און אין אַנדערע? וואָס האָבן זיי געטאָן אין קיעוו, אין אָדעס, אין אַנדערע שטעט? וואָס איז געבליבן פון די שטעטלעך און די דערפער? און אין אַכצנטן יאָר, אָך, זיידעניו, גלייך ווי איר זעט דאָס און הערט דאָס צום ערשטן מאָל...

אַלגאַ האָט פאַרדעקט דאָס פּאָנעם מיט די הענט און איז געזעסן אַ שווייגנדיקע. אַט ערשט האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַלץ וועט זיין גוט, אַז באַלד וועט זיך דערהערן אַ שיסעריי עס וועט זיך דערהערן דער באַקאַנטער, אייגענער „הורא" און די טיר וועט זיך צעעפענען מיט אַ ראַש... פריייהייט, לעבן! און זייריידן גאָר אַלץ וועגן טויט, גלייך ווי ער מוז קומען און וועט אומפאַרמיידלעך קומען. אַלגאַס האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט שוידער דערפון, וואָס זיי ריידן אַזוי רואיק, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ קלייניקייט. „זיי איז גוט", האָט זי געטראַכט מיט ביטערניש. יעוודאָקים האָט זיך זיין לעבן אָפּגעלעבט. ווי אַלט איז ער? מען זאָגט אַכציק. אין אַזעלכע יאָרן איז גרינג צו שטאַרבן... און גראַ-כאַטש... גראַכאַטש האָט נאָך אין אַכצנטן יאָר מילכאָמע געהאַלטן, ער האָט דערוואַקסענע טעכטער און אַ בייז ווייב, בייז ווי אַ הונט. איז וואָס אַרט אים? טשעטשאַריכע... אַלגאַ האָט זיך אַ קווינקל געטאָן, — נו, יאָ, טשעטשאַריכע האָט דריי קליינע קינדער, דער מאַן איז אין דער אַרמיי. יאָ, נאָר זי האָט פאַרט אַ מאַן, זי האָט פאַרט קינדער, און וואָס האָב איך געזען אַף מיין לעבן? זיי איז גוט צו ריידן.

— און קיין טוואָוע וועט סיי ווי קיינער ניט אָפּגעבן, — האָט יעוודאָקים געזאָגט.

— אוואַדע וועט מען ניט אָפּגעבן, — האָט טשעטשאַריכע באַשטעטיקט.

און אַזוי האָבן געטראַכט אַלע, איבערן גאַנצן דאָרף, ביז דער לעצטער כאַטע איבערן טאָל. די טוואָוע איז געווען גוט באַהאַלטן, באַ-

גראָבן, פאַרשאָטן. די טוואָוע איז געלעגן אין גריבער, וואָס זיינען געווען אויסגעגראָבן אין פעלד, ווייט פון דאָרף; געלעגן אין דער פאַרפרוירענער ערד, וואָס איז האַרט ווי שטיין. אין דער ערד איז געלעגן גאָלדענע ווייץ און קאָרן און גערשטן, און אַלץ וואָס מען האָט קיין צייט ניט געהאַט איבערצוגעבן דער רויטער אַרמיי; אַלץ וואָס איז געבליבן פון דער רייכער, גאָלדענער האַרבסט-גערעטעניש. גוט איינגעדעקט איז געלעגן אין דער ערד די גאָלדענע טוואָוע. געלעגן אונטער אַ דיקן שיכט ערד, געלעגן אונטער הורבעס שניי, וואָס די זאַווערוכע האָט אָנגעטראָגן. קיינער וועט דאָס ניט געפינען, קיינער וועט זיך אַפילו ניט אָנשטויסן וואו ס׳איז באַהאַלטן. סיידן די דייטשן זאָלן באַשליסן פאַנאַנדערצוגראָבן הונדערטער העקטאַר ערד און גראָבן אַף צוויי-דריי מעטער די טיף.

די גאָלדענע טוואָוע, וואָס איז געלעגן אין דער ערד, איז ניט גלאַט טוואָוע, וואָס גיט דעם דאָרף ברויט. פון ברויט קאָן מען זיך אָפּזאָגן צוליבן לעבן. אין דער ערד איז געלעגן באַהאַלטן פון זשעדנעם דייטשישן אויג דאָס גאָלדענע האַרץ פון דעם היימלאַנד. ס׳איז דאָרט געלעגן די גערעטעניש, וואָס די ערד האָט פאַרטרויט צו די פויערישע הענט, די בליאונג פון דער ערד, אירע שווערע, גאָלדענע פרוכט. אָפּגעבן די טוואָוע הייסט — געבן ברויט דער דייטשישער אַרמיי. געבן טוואָוע הייסט — געבן עסן די לייזיקע פריצן, אָנזעטיקן זייערע הונגעריקע מאַגנס, דערוואַרעמען זייערע פוילנדיקע, אָפּגעפרוירענע קערפּערס. געבן טוואָוע הייסט — דערלאַנגען מיט אַ מעסער אין האַרצן די, וואָס שלאָגן זיך העלדיש מיטן סוינע אין פרעסט און אין זאַווערוכעס, און גיבן אָפּ זייערע לעבנס. געבן טוואָוע הייסט — פאַראַטן דאָס לאַנד צום סוינע, פאַראַטן די אייגענע, אַז דער דייטש איז דער סוינע, איבער דער גאָלדענער אוקראַינער ערד, אַז ער איז דער באַלעבאָס אין די אוקראַינער דערפער. געבן טוואָוע הייסט — פאַראַטן זיך אַליין און די אייגענע, ניט דורכצופירן דעם באַפעל וואָס איז אַרומגעפלויגן אַלע דערפער, דערגאַנגען צו אַלעמענס אויערן און איז אַריינגעדרונגען אין אַלעמענס הערצער: קיין איין שטיקל ברויט דעם סוינע! געבן ברויט הייסט — זיך אָפּזאָגן פון דעם פאָטערלאַנד, זיך פאַרקויפן צום סוינע, פאַראַטן די, וואָס זיינען אומגעקומען אין אָט דער

מילכאמע, אין דעם בירגער־קריג, אין אכצנטן יאר און נאך פריער — פאראטן אלע, וואס האבן געקעמפט פאר מענטשלעכער פרייהייט, וואס האבן זי דערווארבן מיטן בלוט פון זייער הארצן.

און אין דארף, וואו אף אייגענער ערד, אין דעם אייגענעם רייכן קאלכאז האבן געוואוינט געוועזענע פארדונגענע באטראקעס, האט זיך קיין הארץ ניט קיין וואקל געטאן. פרויען האבן באכעשבנט, ארומגעטראכט וואס ס'וועט זיין, ווען זיי וועלן מער ניט זיין. די באיארטע קאוואלטשוק האט אין דער פינצטער זיך צוגעהערט צום אטעמען פון אירע אכט קינדער, וואס זיינען געשלאפן אפן בעט און אפן אויוון. רואיק, מאיסע באלעבאסטע, האט זי בארעכנט, אז לענא איז שוין א דערוואקסענע מייד; און קאן אכטונג געבן אף די יונגערע, וואשן און נייען פאר זיי. ווען די אייגענע וועלן קומען, איז אין דער ערד באגראבן גענוג פראדוקטן צו שפייזן אלעמען. און דערווייל וועט מען מוזן דורכקומען, אזוי ווי אלע אנדערע.

ווישענקאווא האט זיך אין דער פינצטער איינגעבויגן איבערן וויגל פון איר יונגסטן און האט געקלערט ווער ס'וועט קאנען האדעווען דאס אויפעלע, בא וועמען ס'איז פאראן א זויגלינג. זי האט געוואוסט, אז מען וועט דאס קינד ניט לאזן אויסגיין, אז ס'וועט זיך געפינען א מאמע וואס וועט אים אנזויגן פון איר אייגענער ברוסט.

גראכאטשיכע האט געקוקט אין דער פינצטערניש אריין און האט רואיק באטראכט די לאגע: גראכאטש זיצט ווי א מאשקן, איז ווער וועט זיין פאראנטווארטלעך פאר ניט צושטעלן די טוואוע, ער אדער זי? זי האט באשלאסן, אז די דייטשן וועלן זי האלטן פאראנטווארטלעך. אבער דאס האט זי ניט באומרואיקט. קיין קליינע קינדער האט זי ניט, די מיידלעך זיינען דערוואקסענע, וועלן זיי זיך אן אייצע געבן.

איר הארץ צונויפגעדריקט פון צאר, האט די יונגע באניוק געטראכט אז זי וועט זיך שוין ניט דערווארטן אף איר מאן. צוריק מיט א כוידעש האט ער צוגעשיקט א בריוו, אז ער ליגט א פארוואונדעטער אין שפיטאל און אז ווען ער וועט ארויס פון שפיטאל, וועט ער עפשער קריגן אורלויב אהיים צו פארן אף עטלעכע טעג. עס איז אוועק א כוידעש, אין דארף

אריין זיינען געקומען די דייטשן, און ווען די אייגענע וועלן קומען וועט זי שוין מער ניט זיין. זי האט דערפילט א ראכמאָנעס ניט צו זיך, נאָר צו איר מאַן. אַן איידעלער, אַן אומבאַהאָלפענער, — ס'וועט אים זיין שווער איינעם אליין.

מענטשן זיינען געלעגן אין דער פינצטער און האָבן געטראַכט, יעדער אַף זיין שטייגער, יעדער וועגן זיינס. געטראַכט וועגן טוואוע, וועגן ווייץ. ווייץ האָט זיך געשאָטן ווי א גאָלדענער שטראָם, איז געפלאָסן ווי א לעבעדיקער טייך, — דאָס גאָלדענע בלוט פון דער ערד האָט געוואָרט אין דער ערד אַף בעסערע טעג, ווען די אייגענע וועלן קומען. מענטשן זיינען געלעגן אין די כאַטעס, אַזוינע פאַרשיידענע, אַזוי ניט ענלעך איינע אַף די אַנדערע. נאָר אין יענער נאַכט האָבן אַלע געוואָוסט און אַלע האָבן פעסט באַשלאָסן איין זאַך; און אַן רייד, אַן בקירעס האָט יעדער פאַר זיך באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַז די טוואוע וועט בלייבן באַגראָבן אין דער ערד, אַז די דייטשישע לאַפּעס וועלן ניט אַרויסקריגן פון די באַ־העלטענישן דאָס, וואָס איז טייערער פון לעבן.

איבערן דאָרף האָט זיך מיט א ווילדן געלעכטער, מיט א קרעכץ און א קוויטשעריי, אין דעם ראַש פון דעם וויכער ווינט, געטראָגן דער דייטשי־שער טויט. א שרעקלעכער, א טומלדיקער, א גרויזאַמער, האָט ער געלאַכט הילכיק פון זיינע קאַרבאָנעס. אין די כאַטעס האָבן אַלע געהערט דעם דייטשישן טויט אין דרויסן.

די דייטשישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען יענע נאַכט געשטאַנען אַף די פּאָסטנס, געפרווירן אַף דער וואַך, האָבן זיך מיט שרעק אַרומגעקוקט און שטילער געשפּאַנט איבערן שניי. אויך זיי האָבן געהערט דעם טויט. ער האָט זיך פאַרטייעט, זיך אונטערגעגאַנווועט, איז צוגעקומען גאָר נאָענט, געאָטעמט אין פּאָנעם אַריין מיט זיין קלאַנגלאָזן אייזיקן אָטעם. זיי האָבן אים געשפּירט ווי ער האָט זיך פאַרטייעט אין ריוו, זיך באַהאַלטן הינטער א ווינקל פון א כאַטע, אַרויפגעקלעטערט אַן א שאַרך אַף די שטרויענע דעכער. ער האָט אַף זיי געקוקט מיט טויזנטער אייזיקע אויגן, מיט צונויפגעדריקטע ליפּן, אַן ווערטער, און אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל. ער האָט אַריבערגעשפּאַנט איבער די דאָרפישע פּלויטן, זיך אָפּגעשטעלט בא

די צאַמען, זיך איינגעבויגן איבער די ברונימער. ער איז געווען אומעטום. און זיי האָבן אים אומעטום געשפּירט, די דייטשישע סאָלדאַטן. דער טויט האָט געשפּאַנט אין ריי מיט זיי איבער דער דאָרפישער גאַס, האָט צוזאַמען מיט זיי זיך אָפּגעשטעלט בײַ די כאַטעס, זיי ניט אָפּגעלאָזט ווען זיי זיינען אַריין אינעווייניק, פאַרצויגן זייערע אויגן מיט אַ שוואַרצן הייטל פון שווערן שניי. זיי האָבן געשפּירט זיין קאַלטן בליק אויף זייער לייב, זיינע ניט געזעענע אויגן האָבן זיי דורכגענומען דורך און דורך און דער אָטעם פון זיינע ניט-געזעענע ליפּן האָט זיי געגליווערט מיט פראָסט. ביז מאַרך פון די ביינער איז ער אין זיי אַריינגעדרונגען, — דער שווייגנדיקער, אומדערבאַרעמדיקער אוקראַינישער טויט, וואָס האָט זיי געצייילט און נאָכאַמאָל איבערגעציילט מיט זיינע ביינערדיקע פינגער.

קאַפּיטל פינף

דער ווינט האָט געליאַרעמט און געפייפט, די שטאָל האָט געסקריפּעט גלייך ווי זי וועט אָט־אָט זיך אָפּרייסן פון אָרט און אַראָפּפאַלן אונטן אין טאָל אריין. די קראָקוועס האָבן זיך געטרייסלט, דער שטרויענער דאַך האָט ארויסגעריסן קנוילן שטרוי און זיי אוועקגעטראָגן ווייט הינטערן דאָרף צו די פלאַכלענדער, איבער די שנייאיקע פעלדער, וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן אין דעם נעפּל פון דעם טאַנצנדיקן שניי.

אַלענאַ האָט געשריגן. געשריגן מיט אַלע קויכעס אַף אַ קאָל. אַ ווילדער ווייטיק האָט צעריסן איר לייב. ניט נאָר די ווייען פון האָבן, — איצטער האָבן זיך אָפּגערופן אַלע קלעפּ פון די קאָלבעס, אַלע שטעך פון די באַגנעטן, יעדער פאַל צו דער ערד, ווען די סאָלדאַטן האָבן זי געטריבן באַנאַכט איבערן וועג. ס'האָט זיך אָפּגערופן די קעלט, די דאָרשט און דער הונגער. דאָס אַלץ האָט זיך אַף איר אַרויפגעוואָרפן ווי אַ טשאַטשע הונגעריקע וועלף, זי געביסן, געריסן מיט די בלוט דאָרשטיקע ציין. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז איר לייב ווערט צעריסן אַף שטיקער, ברענט מיט אַ לעבעדיקן פייער, ווערט דורכגעשטאָכן מיט טויזנטער פאַרסאַמטע קלינגלעך.

אַלענאַ האָט געשריגן. איצט האָט זי געמוזט שרייען. זי גייט דאָך צו קינד, און מען מעג צעברעכן דעם זיגל פון שווייגן, וואָס אַף איר האָט ארויפגעלייגט דער אָנגעשטרענגטער ווילן. זי האָט געשוויגן פון יענעם מאָמענט אָן, ווען די דייטשן האָבן זי ארויסגעשלעפּט פון הויז

און ביז דער לעצטער מינוט, ווען זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַף צו לעהאַ־כים אַלץ און אַלעמען, גייט זי צו קינד; אַז ניט די קלעפּ פון די קאַלבעס, ניט דאָס פאַלן אַפן שניי, ניט דער פראָסט האָבן ניט דערהאַרגעט דאָס קינד אין איר שויס. עס האָט געלעבט און געוואָלט אַרויס אַף דער וועלט, זיך געריסן צו דער ליכטיקער וועלט, זיך דורכגעבראָכן אַ וועג, צערייסנדיק איר לייב אָן ראַכמאָנעס.

זי האָט געשריגן ניט מיט קיין מענטשלעכן קאָל, נאָר מיטן קאָל פון אַ כאַיע, און פון דעם שרייען איז איר געוואָרן גרינגער. אין דעם שרייען זיינען דערטרונקען געוואָרן די ווייען, די קעלט איז פאַרשוואונדן און ס'איז אַנטשוויגן געוואָרן דער ווינט, וואָס האָט פינצטער געיאָמערט אין דרויסן.

דער טויער פון שטאַל האָט אַ סקריפּע געטאָן. זי האָט אַפילע ניט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. די ספּאַזמען זיינען געקומען אַלץ אָפטער און שטאַרקער, און זי האָט געשריגן און געשריגן, ווי ס'האָט זיך איר געוואָלט ווי דער אויסגעמאַטערטער גוף האָט געפאָדערט.

אַ סאָלדאַט האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ דער טיר און געוואָלט אַף איר אָנשרייען, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פרוי גייט צו־קינד. אין אַ ווייל אַרום האָט זיך באַוויזן נאָך איינער. זיי האָבן געקוקט, געלאַכט, זיך געטוישט מיט ווערטער. נאָר איר איז געווען אַלץ איינס וואָס זי ליגט אַ נאַקעטע אַף דער שטרוי און עס קוקן אַף איר אומפאַרשעמטע אויגן פון פרעמדע מענער, וואָס מאַכן בויזעק פון איר. זי איז געגאַנגען צו־קינד און דאָס האָט ווי מיט אַ וואַנט זי אָפּגעצאַמט פון דער וועלט, וואו עס האָבן געהערשט די דייטשן; ס'האָט זי באַשירעמט פון די אומפאַרשעמטע בליקן און ווי מיט אַ פאַנצער זי באַשיצט פון זייער נארישן ביכיקען. זי איז געגאַנגען צו־קינד און זיי האָבן, ווייזט אויס, באַשלאָסן זי צו לאָזן האָבן דאָס קינד. זיינען זיי געבליבן שטיין באַ דער טיר און, ניט אַריינ־גייענדיק, געוואַרט.

אירע געשרייען זיינען געוואָרן שטאַרקער. ווייבער אין די דערבייי־איקע כאַטעס האָבן זיך געציילעמט און מיט שוידער אין די אויגן געקוקט ווי עס קנוילט זיך די זאַווערוכע. אַלענאַ קאָסטיוק, איינע אַליין, אָן הילף,

איז געגאַנגען צו־קינד אין אַ קאַלטער, ליידיקער שטאַל. זיי האָבן געמיינט, אַז זי איז שוין געשטאָרבן, אומגעקומען פון פראָסט, און אַז דאָס קינד אין איר שוים איז שוין לאַנג טויט. און איצט גייט אַלענאַ צו־קינד און לעבן איר איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל איר דערלאַנגען וואַסער, אָפּפרישן די פאַרטריקנטע ליפּן, אונטערלייגן אַ קישן אונטערן קאָפּ, העלפן איר מיט אַ פריינטלעכער האַנט. זי איז געגאַנגען צו־קינד ווי קיינער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען צו־קינד אין דאָרף — אַ נאַקעטע, אַפן פראָסט, אַנידערגעוואָרפן אַף דעם ליימענעם דיל פון שטאַל. די ווייבער האָבן זיך געציילעמט, צונויפגעדריקט די ציין, פאַרשטאָפּט די אויערן, אָבער זייער נייגיר האָט געזיגט און זיי האָבן זיך ווידער איינגעהערט, צי זי שרייט נאָך. יאָ, זי האָט געשריגן מיט אַ שטאַרקן געשריי, וואָס האָט געלעכערט די אויערן. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ געשריי אין אָט־דעם אויסגעמוטשעטן, צעשלאָגענעם, פאַרפייניקטן קערפּער?

ענדלעך איז דער געשריי אַריבער אין אַ יאָמער און האָט זיך אָפּגעריסן, שטיל געוואָרן.

— שוין, געהאַט, — האָט אַ שעפּטשע געטאָן מאַליוטשיכע, וואָס איר כאַטע איז געווען נענטער ווי אַנדערע צום שטאַל, און האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַף דער באַנק.

— געהאַט — האָט נאָכגעזאָגט די קליינינקע זינאַ.

אַפן ערשטן מאָמענט איז אַלענאַ געבליבן ליגן אַ פּריטשמיעלעטע. אָבער אָט איז עס, דאָס קינד. אַף צו לעהאכעס אַלץ און אַלעמען איז עס פאָרט געקומען אַף דער וועלט, דאָס קינד פון טאַטן, וואָס איז שוין דערהאַרגעט, דאָס קינד פון דער מאַמען, וואָס וואָלט שוין באַדאַרפט זיין צען מאָל טויט. און אָט — אַ זון. אַ קליינינקע, רויטע באַשעפעניש.

זי האָט גענומען דאָס קינד אַף די הענט. קיין הייבאַם איז ניט געווען, ניט געווען ווער ס'זאָל טאָן וואָס מען באַדאַרף, און זי האָט, ווי אַ הונט, איבערגעגריזשעט דעם נאַפּל־שנור און אים איבערגעבונדן מיט אַ שטיקל זוים פון איר שאַל, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן נאָך אין דעם ערשטן טאָג, ווען זי איז דאָ געלעגן פאַר דער אויספאָרשונג. זי האָט מיט אירע פאַרפרוירענע הענט אָפּגעווישט דאָס קינד און געטרוימט וועגן אַ

טאָפּ וואַסער, כאָטש עטלעכע טראָפּן וואַסער אַף אַרומצוואַוואַשן זײַן פּנעמל.

ער האָט זיך צעשריגן מיט אַ נאַטירלעכן, געזונטן קאָל פֿון אַ געזונט קינד. אָלענאַן האָט פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. ס׳איז איר זון. דער ערשטער פֿון איר לעבן, דאָס ערשטע קינד פֿון איר לײַב, וואָס איז געווען פּרוכטלאָז ביז פֿערציק יאָר. איצט איז ער דאָ. ניט געקוקט אַף אַלץ, איז ער דאָך געבוירן געוואָרן.

— מיקאָלאַ, ס׳איז אַ זון, — האָט זיך איר געוואָלט זאָגן, דערפֿרײַען דעם מאַן, באַצאָלן אים פֿאַר זײַן גאַנצער גוטסקייט. ווײַל קיינמאָל, קיינמאָל אין אַלע יאָרן, כאָטש אים האָט זיך אַזוי געוואָלט אַ קינד, האָט ער איר ניט אויסגערעדט מיט קיין האַרבן וואָרט, זי ניט באַליידיקט, ניט אָפּגעזידלט. אָט, הייסט עס, געגומען אַ בעזדיעטקע, אַ פּרוכטלאָזע; אַזוי דאַכט זיך, זעט זי אויס געזונט און שטאַרק, אָבער אינעווייניק איז זי, ווייזט אויס צעפּוילט, ניט ווי אַנדערע ווײַבער, וואָס שוואַנגערן, האָבן קינדער און זויגן זיי.

זי האָט אָפּילע ניט געגלויבט צום אָנהויב, ווען זי האָט דערפֿילט, אַז זי שוואַנגערט. זי איז דאָך שוין אַן אַלטע, פֿערציק יאָר. און דאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז עמעס.

און דערנאָך איז מיקאָלאַ אַוועק אין דער אַרמיי. ער האָט זיך געזעגנט מיט איר, נאָר זי האָט געוואוסט, אַז מער ווי אַלץ איז אים אַ שאָד זיך צו שיידן מיט אָט־דעם נאָך ניט געבוירענעם קינד.

און איצט איז מיקאָלאַ שוין ניטאָ, אומגעקומען אַפֿן פֿראָנט. און דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, און דאַפֿקע אַ זון. געבוירן געוואָרן אין אַ דײַטשישער טורמע, אונטער די אומפֿאַרשעמטע בליקן פֿון דײַטשישע סאָלדאַטן, וואָס קענען אָפּילע ניט אַרויסווײַזן קיין אַכטונג צו אַ מאַמע, וואָס גייט צו־קינד געבוירן געוואָרן אונטער זייער פּרעכן געלעכטער.

דאָס קינד איז געלעגן אַף דעם שטרוי, אַף דער נאַסער, קאַלטער שטרוי. זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אין די הענט, אַ נאַקעטן, אים צוגע־דריקט צו דער ברוסט, געאָטעמט אַף אים, געפּרואווט אים דערוואַרעמען. ס׳האָט זי אַרומגעכאַפּט אַן אומבאַשרײַבלעכער שוידער, אַז אָט וועט ער

פארגליווערט ווערן ווי א נאקעט פייגעלע אָן פעדערן, ווי א בלינד קעצעלע אַף דער קעלט. אַלענאַ האָט אים געפּרואווט דערוואַרעמען מיט איר אייגע־נעם לייב, אַריינגאָטעמען אין אים איר אייגענע וואַרעמקייט, נאָר זי האָט געפילט, אַז אירע הענט גליווערן, אַז איר גאַנץ וועזן ווערט דורכגענומען פון קעלט, אַז דאָס בלוט ווערט בא איר פאַרפרוירן אין די אָדערן.

די סאָלדאַטן בא דער טיר האָבן וועגן עפּעס א שמועס געטאָן, דערנאָך איז איינער אַוועק און איז באַלד צוריקגעקומען.

— נאַ, — האָט ער געזאָגט נאַכלעסיק.

אַף דער שטרוי האָט א פאַל געטאָן א העמד, א קליידל, א קאָפּטע. איר אייגן אָנטאָן, אַלץ וואָס מ'האָט פון איר אַראָפּגעריסן אין אָוונט, איידער מ'האָט זי אַרויסגעטריבן אַפן שליאַך. אַלענאַ האָט אומצוטרויליך א קוק געטאָן אַפן סאָלדאַט. יענער האָט נאַריש געשמייכלט. מיט ציטערנ־דיקע הענט האָט זי א כאַפּ געטאָן דאָס העמד, איינגעוויקלט דאָס קינד און עס מיט זאָרג אַרומגעבונדן. דאָס קליינע פּענעמל, באַזוימט מיט לייוונט, האָט אויסגעזען קאָמיש, ווי דאָס פּאָנעם פון א ליאַלקע מיט קאַלעמוטנע בלויע אויגן, ווי בא א הינטעלע, וואָס איז נאַרוואָס געוואָרן זעעוודיק. זי האָט זיך פאַרכלינעט פון גליק. ס'איז דאָ אין וואָס איינצור־וויקלען דאָס קינד. אין יענעם מאָמענט האָט זי פאַרגעסן וועגן אַלע אַנדערע זאַכן — דאָס איז געווען דער איקער. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז איצט וועט שוין אַלצדינג זיין גוט, דער קאָשמאַר איז פאַריבער. מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי אָנגעטאָן דאָס קליידל און די קאָפּטע. דאָס האָט זי ניט געקענט דערוואַרעמען, נאָר ס'איז איר פאָרט געוואָרן גרינגער, ווען זי האָט באַדעקט דאָס נאַקעטע, אויסגעמוטשעטע לייב מיט אָט-די שמאַטעס. דאָס פּעלצל און די שאַל... אָט, ווען זי זאָל האָבן דאָס פּעלצל און די שאַל, וואָס זיינען געבליבן באַם אָפיציר אין צימער... נאָר זי האָט זיך געצוואונגען מער ניט צו טראַכטן וועגן דעם. גוט איז דאָס, וואָס זי האָט. דאָס קינד ליגט איינגעוויקלט אין די פאַלדן פון איר קליידל. ער איז געלעגן רואיק, האָט ווייזט אויס ניט געשפּירט קיין קעלט, — איז וואָס נאָך דאַרף זי? דאָס וואָס זי האָט געקראָגן איז דאָך אויך געווען עפּעס אומגעוויינלעכס, עפּעס א ניסימדיקע פּאַסירונג, וואָס זי האָט עס

ניט פֿאַרשטאַנען. זי האָט דאָך געזען גאַנץ קלאָר, אַז דאָס אַנטאָן האָט איר אַ וואָרף געטאָן אַ דייטש. נאָר זי האָט דאָס ניט געקענט פֿאַרשטיין. ס'איז באַ איר אויסגעקומען, אַז דאָס קליידל, די קאַפּטע און דאָס העמד זייַנען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער סטעליע, אָדער דער ווינט האָט דאָס אַריינגעטראָגן אין שטאַל אַריין פֿון די שנייאיקע פֿעלדער.

דער טויער האָט זיך פֿאַרמאַכט מיט אַ סקריפּ. זי האָט האָט צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און איז פֿאַרזונקען געוואָרן אין אַ דרימל, אין אַ פֿיבערדיקן האַלב־שלאָף. איבערן רוקן איז איר דורכגעלאָפֿן אַ ציטער, עס איז איר געווען אי היים, אי קאַלט. אין דעם האַלב־שלאָף האָט זיך איר עפּעס געבאַלעמט, עפּעס אויסגעדוכט. מיקאָלאַ האָט עפּעס געזאָגט, און אָלענאַ האָט פּלוצעם אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן אַן אומדערטרעגלעכע ווילדע אייפֿערזוכט. זי האָט אויפֿגעציטערט, זיך אויפֿגעכאַפּט און זיך אַרומגעקוקט, אַ דערשטוינטע. ניין, ניטאָ דאָרט מיקאָלאַ און דעם אָפֿיצירס ליובאָווניצע איז אויך ניטאָ, — בלויז די שטאַל, אַ בינטל שטרוי און דער זון אויף די הענט, אַ ווייס קעפּל מיט אַ רויטן פּענעמל, אַ קליינינקן, אַ רונדן. מיט שרעק האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז זי האָט אין שלאָף געקענט אַרויסלאָזן דאָס קינד פֿון די הענט, און זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. ווידער האָט זי אָנגעכאַפּט אַ דרימל.

ווי אַ שטראָם זייַנען נאָכאַנאַנד געשוואומען צונויפֿגעפּלאָנטערטע ברעקלעך זיכרוינעס. עס שרייט דער פּריקאַשטשיק... אָבער ווי קען דאָס זיין? מ'האָט דאָך אים דעמאָל דערהאַרגעט, ער איז געפֿאַלן טויט פֿון אַ קלאַפּ פֿון אַ פּלאָקן. און פּלוצעם שטייט ער און שרייט, און עס גייען פֿאַרביי רויטאַרמייער, אָבער מיקאָלאַ איז ניטאָ צווישן זיי. קודריאַווי איז יאָ דאָ. ער מאַכט מיט דער האַנט. ער טראָגט אַ גרויס קלעצל לייוונט. דאָס לייוונט וויקלט זיך פֿאַנאַנדער, מער און מער, ציט זיך אויס אין אַן ענדלאָזן וועג, וואָס גייט דורכן דאָרף און איבער אָט־דעם שמאָלן, ווייסן שליאַך לויפֿט מיט דריבנע טריט איר נאַרוואַס געבוירענער זון.

— גיב נאָר אַ קוק, ער לויפֿט שוין אַרום, — האָט זיך פֿאַרבידעשט פֿעדאָסיאַ קראַווטשוק.

אָלענאַ אַליין האָט זיך אויך פאַרכידעשט און — האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ס'האָט איר געברענט אין האַלדז, ס'האָט זיך שטאַרק געוואָלט טרינקען. דער צונג איז געוואָרן שטייף ווי האָלץ, שאַרסטקע און שטעכיק, און איז געלעגן אין מויל ווי אַ פרעמדער אייזער. די ליפּן זיינען געווען צעשפּאָלטן. זי האָט זיך צו זיי צוגערירט מיט דער האַנט, און אויף די פינגער זיינען געבליבן שפּורן פון בלוט. אין די אויערן האָט נאָכאַנאַנד געזשומעט, די ביינער האָבן געבראָכן, אַ שלאָבערדיקייט האָט זיך אויפגעהויבן ערגעץ אינעווייניק. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן קינד, זיך צוגערירט צו זיין שטערנדל. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס קינד איז קאַלט ווי אייז, נאָר זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי אַליין ווערט פאַרברענט פון אַ פיבער־היץ. און זי האָט ווידער איינגעדרימלט. ס'האָט זיך איר געכאָלעמט וואַסער — וואַסער, וואַסער אָן אַ ברעג; אַ טייך איז געפלאָסן, אַן אָזערע האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן, און אַליין האָט זי געהאַט לעכערדיקע עמער און ניט געקענט אָנשעפּן קיין וואַסער. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף די קני, דייטלעכער ווי אויף דער וואָר, האָט זי דערזען די פּאָלאָנקע. די ברעגן זיינען געווען גרינלעך, דאָס טונקעלע וואַסער האָט זיך באַוועגט ווי אַ לעבעדיקע זאַך, האָט געבולקעט, זיך אַרויסגעריסן אויף דער פרייער שטרעקע און איז ווידער פאַרשוואונדן אונטערן אייז, געלאָפן איבער אַ לאַנגן וועג. אויפן אייז איז געלעגן אַ דיקער שיכט שניי, און אויף איין אָרט האָט זיך דער שניי געשאָטן מיט אַ דינעם שטראָם אין וואַסער אַריין, ווי מעל פון דער עפענונג פון אַ זשאָרנע. אַריינגעפאַלן אין וואַסער, איז דער שניי פּלוצעם געוואָרן גרין, זיך צונויפגעקנוילט און האָט גענומען טאַנצן אין דער פּאָלאָנקע. אָלענאַ האָט געוואָלט כאַפּן דעם שנייאיקן קנויל, נאָר דאָס וואַסער האָט אים אוועקגעשווינקט אונטערן אייז און ער איז פאַרשוואונדן.

פּלוצעם האָבן זיך לעבן דער פּאָלאָנקע באַוויזן שפּאַלטן. דאָס אייז האָט מיט אַ קנאַק זיך אָנגעהויבן ברעכן. אָלענאַ האָט דערפילט, אַז דאָס אייז וויגט זיך, אַז אונטער איר עפנט זיך אַ וואַסערדיקער אָפּגרונט. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט קיין קויעך ניט געהאַט אויפצוהויבן דעם

קאַפּ. זי האָט געהערט ווי דאָס קינד אָטעמט רואיק, גלייכמעסיק. יאָ אים ווילט זיך דאָך ניט טרינקען. צי וועט זי אָבער געפינען מילך אין איר ברוסט, ווען אים וועט זיך פאַרוועלן. זי האָט שוין אַזוי לאַנג גאָרניט ניט געטרונקען, אַ גאַנצע אייביקייט. מען קען דאָך ניט רעכענען די צוויי־דריי ביסלעך שניי, וואָס איר האָט זיך איינגעגעבן אַ כאַפּ צו טאָן מיט די ליפּן פאַר די דייטשן אין די אויגן. אַך, ווי איר האָט זיך געוואָלט טרינקען, ווי שרעקלעך, ווי אומענטשלעך עס ווילט זיך טרינקען! ס'האָבן ווי געטאָן די ליפּן, ס'האָט ווי געטאָן די צונג, דער האַלדז. אַ ווייטיקדיקע קאָנוואולסיע האָט אָנגעכאַפּט איר גאָרגל. איר אינגעווייד האָט זיך געצאַפּלט פון פּיינלעכן שלוקערצן. זי האָט איינגעדרעמלט, און באַלד האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן שיטן די ווייסע זאַמד, — ווייס ווי זומער באַם טייך, גרינג ווי שטויב, האָט זיך געשאָטן די ווייסע מעל פון אונטער דער זשאָרנע; די גאַנצע וועלט איז געווען איינגעהילט אין וואָלקנס פון פליענדיקער, ווייסער מעל; ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען, דאָס מויל איז געווען פאַרשטאָפּט מיט ווייסע מעל, און דאָ מוז מען גיין איבער דעם שטויביקן וועג, מען מוז אומבאַדינגט גיין, זיך איילן. זי האָט געוואוסט, אַז מען טאָר קיין מינוט ניט פאַרלירן. די פיס זיינען פאַר־הרוזנעט געוואָרן אין זאַמד, די זון ברענט אָן ראַכמאָנעס, די כאַטעס פלאַקערן. אין דאָרף האָט, ווייזט אויס, אויסגעבראָכן אַ סריפע. מען מוז אַרויסראַטעווען דאָס קינד פון פייער. און דאָ בלאָזט אַ ווינט, פונקען שיטן זיך פון אַלע זייטן. באַ איר האָט זיך שוין אָנגעכאַפּט דאָס קליידל, די שאַל. און צו וואָס האָט זי באַדאַרפט אין אַזאַ היץ אָנטאָן דאָס פעלצל און די שאַל? און איצט איז שוין קיין צייט ניטאָ דאָס אַראָפּצוואַרפן פון זיך, מען מוז לויפן, לויפן שנעלער. איידער דער פייער האָט אַרומ־געכאַפּט דאָס קליינע קעפּעלע. אַ, עס ברענט דאָך די בריק, אַ הויכער פלאַם הויבט זיך אויף, ציט זיך אַרויף צו, די באַלקעס פאַלן מיט אַ קנאַק... זי האָט, ווייזט אויס, פאַרשפּעטיקט, ניט אַנטלאָפן אין צייט, און איצט פאַלט אַלצדינג אַף איר. אין פאַרצווייפלונג זוכט זי דאָס קינד, — עס איז באַ איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט, ס'איז פאַרוואָרפן מיט קלעצער אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען. פון וואַלד זעט מען ווי באַ דער ברענענדיקער

בריק שטייען ארום הילפלאָזע דייטשן, מאכן מיט די הענט און שרייען עפּעס.

פון אָט דעם געשריי האָט זי זיך אויפגעכאַפּט. איבער איר איז געשטאַנען א דייטש און האָט זי געשטויסן מיטן שטיוול. זי איז באַלד געקומען צו זיך. מיט זשעסטן האָט איר דער דייטש באַפוילן אויפצושטיין. מיט מאַטערניש, בייקומענדיק איר שוואַכקייט, האָט זי זיך אוועקגעשטעלט אַף די קני; מיט אָנשטרענגונג האָט זי זיך אויפגעהויבן, צודריקנדיק דאָס קינד צו דער ברוסט. דער סאָלדאַט האָט זי א שטופּ געטאָן מיט דער קאָלבע און זי אונטערגעטריבן צום טויער. דער ווייסער, פאַרשנייטער דרויסן, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר אירע אויגן, האָט זי פאַרבלענדט. זי איז געהאַרכזאַם געגאַנגען פאַרן סאָלדאַט און זיך געוואַקלט ווי א שיכּורע. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען פירט זי ווידער אַף אַן אויספרעג.

ווערנער האָט מיט עקל א קוק געטאָן אַף איר. זי האָט אויסגעזען שרעקלעך. דאָס פּאָנעם — געל מיט אַן אומענטשלעכער, אָפּשטויסנדיקער געלקייט; פון די צעהאַקטע ליפּן איז ארויסגערונען א רעטשקעלע בלוט און פאַרטריקנט געוואָרן אַף דער גאָמבע. אונטער אַן אויג האָט זיך צעגאָסן א ריזיקער סיניאַק — שוואַרץ, רויט און בלוי. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז איין אויג האָט זיך ארויפגערוקט העכער פון אַנדערן. די צעפּאַטלטע, צונויפגעקלעפּטע פּאַסמעס האָר זיינען געהאַנגען אַף ביידע זייטן פון דעם איינגעשרומפּענעם פּאָנעם. די געשוואָלענע באָרוועסע פיס זיינען געוואָרן שוואַרץ.

ווערנער האָט גענומען באַראַבאַנעווען מיט די פינגער איבערן טיש און א וואונק געטאָן דעם סאָלדאַט, אַז ער זאָל דער פרוי דערלאַנגען א שטול. זי האָט זיך פאַרכידעשט, נאָר זי האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט, ניט וואַרטנדיק אַף א דערלויבעניש, און האָט מיט שפּאַנונג געקוקט אַף דעם קאַפּיטאַנס וואַסערדיקע אויגן אונטער די ווייס־בלאָנדע ברעמען.

— א זון צי א טאָכטער? — האָט ער א פרעג געטאָן אומדערוואַרט, אָנווייזנדיק אַפן קינד.

— א זון, — האָט זי געענטפערט מיט א פאַרשטיקטן, הייזעריקן קאָל.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן עפּעס אַ באַפעל, און דער סאָלדאַט האָט געבראַכט אַ קוואָרט וואַסער. אַליינס האָט זיך געדאַכט, אַז זי כאַלעמט ווידער אין היץ. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די קוואָרט און האָט זשעדנע האַסטיק זיך פאַרכלינענדיק מיט דעם קאַלטן וואַסער, אַ שלונג געטאָן מיט גערויש, שפּירנדיק די פייכטקייט אויף אירע אָנגעווייטיקטע ליפּן, אויף דער פאַרטריקנטער צונג, אין דעם ברענענדיקן האַלדז.

— גענוג, — האָט ווערנער געזאָגט, און דער סאָלדאַט האָט בא איר ארויסגעריסן די קוואָרט.

זי האָט אים נאָכגעקוקט מיט ווילדע אויגן, פול מיט פאַרצווייפלונג. נאָר מער קיין וואַסער האָט זי שוין ניט געקראָגן. די קוואָרט איז געשטאַנען אויפן ברעג טיש. זי האָט געזען ווי דאָס וואַסער וויגט זיך נאָך אין דער קוואָרט. אָט־דאָ דערביי, גאָר נאָנט, — פרישע, קאַלטע וואַסער אין דער קוואָרט. די ליפּן האָבן נאָך מער ווי געטאָן. נאָר אין האַלדז האָט זי דערפילט אַ דערפרישנדיקע פייכטקייט, פון וועלכער ס'האָט זיך איר געוואָלט טרינקען נאָך מער ווי פריער, אויב ס'איז ביכלאַל מעגלעך צו ווילן נאָך מער טרינקען.

— הייסט עס, אַ זון... האָט דער קאַפּיטאַן אַ זאָג געטאָן. און אַליינס האָט אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס, קעדיי צו הערן און באַנעמען וואָס עס קומט פאָר אין צימער.

אין אָט דעם צימער האָט זיך פאַרטייעט עפּעס שרעקלעכעס; עס האָט אויף איר געטשאַטעוועט עפּעס אַ געפאַר, וועגן וועלכער זי האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין כעשבן. אי אָט דאָס וואַסער, וואָס מ'האָט איר דערלויבט אַ שלינג צו טאָן עטלעכע מאָל, אי דער שטול, וואָס מ'האָט איר דערלאַנגט, אי דעם קאַפּיטאַנס מענטשלעכע פראַגע, — דאָס אַלץ האָט אויף איר אַרויסגעוואָרפן אַזאַ שרעק, אַז זי האָט אָנגעהויבן ציטערן. אַ האַסטיקער, דריבנער ציטער האָט דורכגענומען איר גאַנצן קערפּער, עס האָט געציטערט יעדער אָדער, יעדער מוסקול. זי האָט מיט שפּאַנונג געקוקט דעם קאַפּיטאַן אין פּאָנעם אַריין.

— הייסט עס, געבוירן אַ זון... — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט, — אַ געזונטן, לעבעדיקן זון.

זי האָט געוואַרט וואָס ס'וועט ווייטער זיין.

— נו איצט, רעכן איך, וועסטו קליגער ווערן. איצט האַנדלט זיך שוין ניט בלויז וועגן דיר. איצט קאָנסטו אָדער ראַטעווען, אָדער אומ־ברענגען דיין זון. ניט עמעס? ראַטעווען אָדער אומברענגען, — האָט ער געזאָגט אויסגעצויגן, מיט באַטאָנונג.

זי האָט אינסטינקטיוו צוגעדריקט דאָס קינד צום האַרצן. ער האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין איר, נאָכפאָלגנדיק איר יעדן ריר, יעדע ענ־דערונג אין איר פּאָנעם.

— נעכטן באַנאַכט האָט מען דיר געוואָלט איבערגעבן ברויט. ווער איז דאָס געווען? האָט ער געפרעגט ווייך, גלייך ווי ער וואָלט דער פראַגע ניט צוגעגעבן קיין שום באַדייטונג.

— איך ווייס ניט.

— וואָס הייסט, דו ווייסט ניט?

— איך ווייס ניט, — האָט זי נאָך אַמאָל געזאָגט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַזוי איבערצייגנדיק, אַז ער האָט איר געגלויבט. זי האָט דאָך ווירקלעך געקענט ניט וויסן.

ווער פון דיינע שכיינים האָט קינדער?

— קינדער? — האָט זי זיך פאַרכידעשט, — אַלע האָבן קינדער. וואָס הייסט, אָן קינדער?

יאָ, יאָ. אַלע האָבן געהאַט קינדער, אַלע בוץ איר. און איצט האָט זי אויך אַ קינד, אַ זון, אַ זונעניו. ער שלאָפט בא איר אַף די הענט, איינגעוויקלט אין דער מאַמעס העמד, אין דער דייטשער קאָמענדאַנטור. ער ווייסט ניט וואָס אַזוינס די דייטשן זיינען. ניין, ער ווייסט נאָך ניט.

— און ווי דענקסטו, ווער האָט געקענט איבערגעבן דאָס ברויט? ווער האָט געקענט שיקן אַ אינגל, אַזוי פון אַ יאָר צען־צוועלף?

זי איז אין די געדאַנקען דורכגעגאַנגען אַלע שכיינים. פאַרשטייט זיך, ניט צוליב דעם, אַז זי זאָל אים ענטפערן. ניין, איר אַליין האָט זיך געוואָלט וויסן ווער ס'האָט איר געפּרוּווט העלפן אין יענער שווערסטער שאָ, ווער ס'האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אונטער די דייטשישע קוילן, קעדיי

איר צו געבן עסן. נאָר אַלע האָבן געהאַט קינדער און וויפֿל פֿון זיי האָבן געהאַט צען־צוועלף־יאָריקע אינגלעך! ניין, זי וועט ניט טרעפֿן.

— איך ווייס ניט. אין דאָרף זיינען דאָ אַסאַך אינגלעך. אין יעדער כאַטע זיינען דאָ קינדער...

ווערנער האָט זיך אָנגעכמורעט, פֿאַרשטייענדיק, אַז זי ווייסט ווירקלעך ניט.

— נו, גוט. אָבער זאָג נאָר, וואו קען איצט זיין קודריאַווי?

אָלענאַ איז פֿאַרקילט געוואָרן. עס הויבט זיך ווידער אָן דאָס זעלביקע. נאָר זי האָט דערפֿילט אין אירע הענט דאָס וואַרעמע קערפּערל פֿון איר זון, און פֿון אָט־דעם קליינעם קערפּערל האָט אין איר אייגן האַרץ אַריינגעשטראָמט קויעך און מוט. איצט איז זי שוין ניט געווען אַליין אונטערן קרייץ־פֿייער פֿון די דייטשישע פֿראַגעס. איצט האָט זי מיט זיך איר זון, געבוירן אין פֿיין אויפֿן הויל, ליימענעם דיל פֿון שטאַל, — איר קינד, וואָס זי האָט אויף דעם געוואַרט צוואַנציק יאָר און זיך ענדלעך דערוואַרט.

ער איז געווען מיט איר און איז רואיק געשלאָפֿן. אונטער אירע הענט האָט זיך דריבנע און אָפֿט געקלאַפּט זיין קליין הערצל, ווי ס׳הערצל פֿון אַ פֿייגעלע. דאָס רונדע פּנעמל, די ברעמעלעך קוים צו באַמערקן, דאָס נעזעלע ווי אַ קנעפּל, — דאָס שענסטע, דאָס וואונדערלעכסטע נע־זעלע, וואָס זי האָט ווען געזען. זי האָט דערפֿילט אַן ענדלאָזע רואיקייט, אַ פֿולשטענדיקע זיכערקייט, אַז איצט קען איר קיינער גאָר ניט טאָן: דער זון איז מיט איר.

— וואו קען ער איצט זיין? — האָט ווערנער נאָכאַמאָל געפֿרעגט מיט אַ רואיקן טאָן.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין:

— איך ווייס ניט.

— ווייסט ניט... און וואו זיינען זיי געווען, ווען דו ביסט צוריק־געקומען אין דאָרף אַריין?

— איך ווייס ניט... אין וואַלד.

— אין וועלכן וואַלד?

זי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס:

— אין וואַלד...

דער ענטפער האָט אים גאָרניט נישט געגעבן. דאָס ווייסע פלאַכלאַנד אַרום דאָרף האָט זיך אומעטום אָנגעשפּאַרט אָן וועלדער. די וועלדער האָבן זיך געצויגן צו מיזרעך און צו מיירעוו, צו צאָפן און צו דאָרעם. בלויז אין אַ־דעם טייל פון ראַיאָן זיינען נישט געווען קיין וועלדער, און דערפאַר איז זיין אָפּטייל געזעסן אַזוי רואיק אין דאָרף. נאָר די אַנדערע האָבן קעסיידער דורכגעמאַכט אַלערליי איבעראַשונגען, און דעריבער האָט די קאָמאַנדע אַזוי דרינגענדיק געפּאָדערט כאָטש וועלכע נישט איז אינ־פאָרמאַציע, וואָס זאָל העלפן געפינען דאָס אָרט, וואו קודריאַווי באַהאַלט זיך מיט זיין אָטריאַד.

— וועלדער זיינען דאָך דאָ פאַראַן אַסאַך... פון וועלכער זייט ביסטו געקומען אין דאָרף אַריין?

— איך געדענק נישט, איך ווייס נישט... ס'איז אומעטום שניי. מ'האָט מיך אַרויסגעפירט אָפן שליאַך, דאָס אַלץ.

— אַזוי... און אויף וועלכן שליאַך?

— איך געדענק נישט...

— אַזוי שנעל פאַרגעסן? ערשט פיר טעג ווי דו ביסט געקומען אין דאָרף אַריין.

זי האָט מיט פאַרוואונדערונג זיך דערמאָנט, אַז ס'איז טאַקע נישט מער ווי זעקס טעג. וועגן צוויי טעג האָט, הייסט עס ווערנער נישט געוואוסט. זעקס טעג, און געדאַכט האָט זיך איר אַז פון זינט זי האָט שטילערהייט צונויפגענומען אירע זאַכן און איז אַרויס פון דער זעמליאַנקע אין וואַלד, איז אַוועק אַ גאַנץ לעבן.

ווערנער האָט לאַנגזאַם צונויפגעדרייט אַ פּאַפּיראָס. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף דעם געלן, מיט סיניאַקעס באַדעקטן פּאָנעם.

— הער, ביסט דאָך אַ מאַמע...

ווידער אַ־די ווערטער. נאָר איצט איז עס טאָפּלט עמעס. איצט האָט

זי אין די הענט איר זון, א קליין קינדעלע, געבוירן אפן דיל פון שטאל, איינגעוויקלט אין דער מאמעס העמד.

— האסט א זון.

דאס געלע פאנעם האט אויפגעלויכן מיט א שמייכל, וואס איז ארויפגעשוואומען פון די טיפענישן פון איר נעשאמע. יא, זי האט א זון, זי האט א זון...

— דו ווילסט ער זאל לעבן און זיין געזונט, ער זאל בא דיר אויסוואקסן?

יא, יא. אך, ווי זי האט געוואלט, אז ער זאל לעבן און זיין געזונט!... אז ער זאל וואקסן. ער וועט זיך אנהויבן שטעלן אף די פיסלעך. וועט לויפן מיט דריבנע טריט איבער דער שטוב, אריבערקריכן די שוועל, כאפן א לעפל פון טיש מיט זיינע קלייניצקע פינגער. ער וועט נאכיאגן די קאץ, דעם הונט, דאס קעלבל. וועט פארקריכן אין גארטן און זיך אויס־רייסן א מייער. דערנאך וועט ער ווערן גרעסער, וועט גיין אין שקאלע, וועט טראגן א פעקל ביכער, — אזא וואזשנער, א יאנטעוודיקער. און דערנאך? ניין, זי האט זיך ניט געקענט פארשטעלן וואס דערנאך וועט זיין, ניט געקענט זיך פארשטעלן, אז דאס פיצל, וואס זי האלט אין די הענט, וועט אויסוואקסן, כאסענע האבן, וועט אליין האבן קינדער...

— דו קענסט אים ראטעווען. האסט א מעגלעכקייט צו ראטעווען דיין לעבן און דאס לעבן פון דיין קינד. איך גיב דיר אט די מעגלעכקייט. זיי ניט קיין נאר און נוץ זי אויס.

אלענא האט געשוויגן. זי האט ניט אינגאנצן פארשטאנען וואס דער דייטש איז אויסן, נאר עס האט זי ווידער ארומגעכאפט אן אומרואיקייט, איבערן לייב איז דורכגעלאפן א ציטער. וואס וויל ער? פארוואס רעדט ער אזוי רואיק, שטיל און איבערצייגנדיק, גלייך ווי ער וואלט זי אף אן עמעסן פארשטאנען און וויל מיט איר ריידן ווי א מענטש.

— יענע וועלן מיר סיי־ווי געפינען. א טאג פריער, א טאג שפעטער, דאס איז ניט וויכטיק. גיב נאר א טראכט. אלץ איז בא אונדז אין די הענט. די רויטע ארמיי איז צעקלאפט. אלץ איז געענדיקט, צו וואס אט די נארישע איינגעשפארטקייט? יענע זיצן אין וואלד און וויסן גארניט.

זיי זיינען דאָך ארומגערינגלט פון אַלע זייטן, ס'איז פאַר זיי ניטאָ קיין רעטונג. ניט היינט איז מאָרגן, וועלן זיי אריינפאַלן אין אונדזערע הענט און וועלן באַשטראָפט ווערן. און דיר בין איך גרייט צו פאַרגעבן די פאַרברעכנס, וואָס דו ביסט באַגאַנגען מיט זיי צוזאַמען. מ'האָט דיך איבערגערעדט, אָפּגענאַרט. נו, און קיין זון האָסטו נאָך דעמאָלט ניט געהאַט... מיר וועלן אַפילו פאַרגעסן דאָס, וואָס דו האָסט אויפגעריסן די בריק. וועסט לעבן רואיק אין דאָרף, דערציען דאָס קינד.

זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און פון אים ניט אַראָפּגענומען די אויגן.

— דענק ניט, אַז איך בין עפּעס אַ ווילדע כאַיע, אַן אויסוואורף. וואָס קען מען טאָן, מיליטערישע דינסט!... איך טו דאָס, וואָס עס באַפעלט מיר מיין פליכט פון אַ סאָלדאַט, מיין פליכט צום פאָטערלאַנד... און אַף דיר איז מיר אַ ראַכמאָנעס. דו האָסט אים געגעבן זיין לעבן, דו האָסט ניט קיין רעכט עס אַוועקצונעמען בא אים.

— וואָס הייסט אַוועקנעמען? — האָט זי געפרעגט מעכאַניש, גלייך ווי זי וואָלט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

ווערנער האָט אומגעדולדיק אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער אָן טיש.

— דו פאַרשטייסט דאָך, דו פאַרשטייסט אויסגעצייכנט, אַז דערמיט, וואָס דו זאָגסט זיך אָפּ צו געבן די פאַרלאַנגטע אינפאָרמאַציע, פאַרורטיילסטו דיין קינד צום טויט. גיב אַ טראַכט און דערנאָך ענטפער. וועסטו אויסזאָגן אָדער ניט? נאָר איך רעכן, אַז דו וועסט האַנדלען מיט פאַרשטאַנד און וועסט ענטפערן. יענע וועסטו סיי ווי ניט העלפן, און זיך מיטן קינד וועסטו ראַטעווען.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעסטל טאַבאַק און פּאַפּיראָס-פּאַפּיר און גענומען לאַנגזאַם צונויפדרייען אַ נייעם פּאַפּיראָס. אָלענאַ האָט געקוקט אַף זיינע פינגער, קוליקע, באַוואָקסענע מיט געלע האָר. אירע אויגן האָבן אומזיניק נאָכגעפאָלגט די אַראָפּפאַלנדיקע ברעקלעך טאַבאַק, די קנייטשן אַפן ווייסן פּאַפּיר. ס'האָט אַ בליאַסק געטאָן דאָס פייערל פון אַ שוועבעלע, ס'האָט אַ צי געטאָן אַ בלויער שטראָם רויך, וואָס האָט זיך רינגענווייז אויפגעהויבן צו דער סטעליע.

— נו?

זי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— וועסט ניט ענטפערן?

— איך ווייס גאָרניט.

ער איז אויפגעשטאַנען און זיך אָנשפּאַרנדיק אין טיש האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער איר. זיין פּאָנעם איז געווען צעקרימט פון רעציכע.

— אַזוי! איך באַגיי זיך מיט דיר ווי אַ מענטש, און דו... וואַרט, איך וועל דיר ווייזן!... האַנס!

אַ סאָלדאַט האָט זיך באַוויזן בײַ דער טיר.

— קומט אַהער!

עס זיינען אַריין צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן. זי האָט זיי דערקענט: דאָס זיינען געווען די זעלביקע, וואָס האָבן מיט געלעכטער געקוקט ווי זי גייט צו קינד. — האַלט זי נאָר צו. דער מאַמזער דערלאַנגט אַהער.

די סאָלדאַטן האָבן בײַ איר אַרויסגעריסן דאָס קינד פון די הענט איידער זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן, נאָר אייזערנע הענט האָבן זי געהאַלטן פון ביידע זייטן. אָלגאַ האָט ניט אַרונטערגענומען אירע מעשוגע־געוואָרענע אויגן פון דעם קינד. דער סאָלדאַט האָט אומגעשיקט גענומען דאָס קינד אין די הענט און זי האָט זיך דערשראָקן, טאָמער וועט ער עס אַראָפּוואַרפן.

— לייג עס אַוועק אָפן טיש!

דאָס קינ'ד איז איצט געלעגן אָפן טיש צווישן איר און דעם דייטש. די סאָלדאַטסקע לאַפּעס האָבן זיך איינגעגראָבן אין אירע אַקסל און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי קען זיך ניט אַרויסרייסן.

דאָס קינד איז געלעגן אָפן טיש. אַ קליין פּעקל מיט אַ רויט פּענעמל, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון אונטערן לייוונט, וואָס האָט איינגעהילט זיין קעפּל. און פּלוצעם האָבן די קליינינקע ברעמעלעך אַ ציטער געטאָן. ס'האָבן אַ בליאַסק געטאָן צוויי קליינינקע אָזערעס, קאָלעמוטנע, בלויע, ווי בײַ אַ הינטל, וואָס איז נאָר־וואָס געוואָרן זעעוודיק. דאָס געמבעלע האָט אַ ציטער געטאָן. בײַ אָלגאַן האָט זיך פּיינלעך צונויפגעדריקט דאָס האַרץ. דאָס קינד האָט זיך צעוויינט מיט אַ ראַכמאָנעסדיקן

אומבאהאלפענעם געוויין פון א ניי־געבוירענעם. דאס מיילעכל האט געכאפט לופט, דאס שטערנדל איז געווארן נאך רויטער, די ברעמען האבן זיך אויסגעטיילט ווי העלע, קימאט ווייסע ליניעס. זי האט זיך א ריס געטאן צום קינד, נאר די שווערע הענט האבן זי נאך שטארקער צוגע־דריקט צום שטול.

— מער וועל איך זיך מיט דיר ניט ניאנטשען, — האט ווערנער געזאגט מיט א הייזעריקער שטים. — נו, וועסט ריידן?

זי האט געקוקט ניט אף אים, נאר אפן קינד. ס'האט געיאמערט ווי א הינטל. אך, ווען זי זאל אים קענען נעמען אף די הענט, צודריקן צום הארצן, אנזויגן, בארואיקן, איינזינגען צום שלאף...

— דו הערסט וואס מען רעדט צו דיר? וועסט אויסזאגן? צום לעצטן מאל פרעג איך דיך.

זי האט אפגעריסן די אויגן פון קינד און דייטלעך אויסגעשעפ־טשעט:

— איך וועל גארניט ניט זאגן, גארניט...

דער קאפיטאן האט א ריס געטאן דעם צונויפבונד פון העמד. איר קליין זונעניו, א נאקעטער, מיט אן אויפגעבלאזטן בייכל, מיט צונויפגע־דריקטע פויסטלעך, מיט די פיסלעך צוגעצויגן צום בייכל איז געלעגן אפן טיש און האט געוויינט. ווערנער האט א כאפ געטאן דאס קינד, ווי א הינטל, פארן האלדז און עס אויפגעהויבן אין דער לופטן מיט צוויי פינגער. אין דער לופטן האבן א צאפל געטאן די קליינינקע פיסלעך, די פיצעלעך פינגער מיט די דורכזיכטיקע ראזעווע נעגעלעך, ווי בלעטלעך פון א בלום.

— נו?

ער האט לאנגזאם אויפגעהויבן זיין רעוואלווער.

אלענא איז פארשטיינערט געווארן. די הענט און די פיס זיינען איר געווארן ווי שטיקער אייז. דער צימער איז געוואקסן, געווארן אלץ גרעסער, און דער דייטש פאר אירע אויגן איז אויך געווארן אלץ גרעסער, אויסגע־צויגענער. ס'איז באם טיש אנטקעגן איר שוין ניט געשטאנען יענער, וואס האט פריער צו איר גערעדט, נאר עפעס א מוירעדיקער ריז, וואס דער־

גרייכט מיטן קאָפּ ביז צו די וואָלקנס. און אין אָט־דער פּאַנאָנדערגעשפּרייטער, ריזיקער, ענדלאָזער פּוסטקייט האָט אַן איינזאַמער, אַ פּישטשענדיקער זיך געצאַפּלט איר זון, אַ ראָזעווער, אַ נאַקעטער, הענגענדיק צווישן הימל און ערד. די אָנגעצויגענע הויט האָט אים קענטיק געשטיקט. ער האָט אויפגעהערט וויינען און ניט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס. בלויז די פּיסלעך האָבן קאָנוואולסיוו געדריגעט און די קליינינקע פויסטלעך האָבן זיך צונויפגעדריקט און אויפגעמאַכט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט כאַפּן לופט.

— נו, באַווייז ווער דו ביסט, אַ באָלשעוויסטישע סטערווע אָדער אַ מאַמע?

אָלענאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויפגעהערט וויגן ווי אַ ריזיקער באַרג צווישן הימל און ערד. דער צימער האָט אָנגענומען די געוויינלעכע מאָס.

— ענטפער.

— איך בין אַ מאַמע, — האָט אָלענאַ געענטפערט, אָנרופנדיק זיך מיט דעם נאָמען, מיט וועלכן מ׳האָט זי גערופן אין וואַלד, מיט וועלכן מ׳האָט איר געדאַנקט פאַר איר זאָרג, פאַר אַ גוט וואָרט, פאַר אַן אָפּגעקאָכטן מיטיק און אַ צעוואַשן העמד.

— ווייסטו, הייסט עס, זאָגן וואו ער איז?

זי האָט ניט געקוקט אויף איר אינגעלע. זי האָט געקוקט גלייך אין די וואַסערדיקע אויגן, באַזוימט מיט בלאָנד־ווייסע ברעמען.

— איך וועל גאָרניט ניט זאָגן, גאָרניט, גאָרניט...

דאָס פּיסקל פון רעוואָלווער האָט זיך דערנענטערט צום קליינינקן פּענעמל. זי האָט דאָס געזען ניט קוקנדיק.

— דאָס איז דיין איינציק קינד, — האָט ווערנער געפרעגט.

זי האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ניין, ניט דאָס איינציקע...

די האַנט מיטן רעוואָלווער איז פאַרשטייפט געוואָרן אין דער לופטן.

— וואָס? דו האָסט נאָך קינדער? זין? טעכטער? וואו? דאָ אין דאָרף?

אַ לויכטנדיקער שמייכל האָט פּלוצעם אַ שפּיל געטאָן אויף די געשוואָלענע, צעהאַקטע, פאַרטריקנטע ליפּן.

— זון... בלויז זון... אַסאַך, אַסאַך זון... דאָרט, אין וואַלד... קודריאַווי... אַלע דאָרט, אין וואַלד.

ס'האָט אַ דונער געטאָן אַ שאָס. גלייך אין דעם קלייניקן פענצטער. עס האָט זיך געשפּירט דער רייעך פון פּולווער און רויך. די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהאַלטן אַלענאַ האָבן אַ ציטער געטאָן.

דער קאַפּיטאַן האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן טויטן קערפּערל.

— אַט, מאַמע...

די קלייניקע פיסלעך זיינען געבליבן הענגען לעבלאָז, געבליבן הענגען זיינען די שטייף־שטייף צענויפגעדריקטע פויסטלעך. קיין פּענעמל איז ניט געווען — געווען איז בלויז אַ בלוטיקע וואונד.

— אַט וואָס דו האָסט געטאָן מיט דיין קינד, — האָט ווערנער געזאָגט.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אין יענעם מאָמענט איז זי געווען ווייט־ווייט פון דאַנען, אין וואַלד. וואָס טוען זיי דאָרט אין וואַלד? זיצן באַם פייער אָדער זיי גאַנווענען זיך אונטער דורך די וואַלד־סטעזשקעס צו די דייטשישע אָפּטיילן? רינגלען זיי אַרום דאָס הויז וואו עס געפינט זיך דער דייטשישער שטאַב? צי זיי טרעטן צוריק אין וואַלד אַריין, אוועקטראָגנדיק זייערע פאַרוואונדעטע? די סאָלדאַטן האָבן געקוקט אויף איר מיט אַן אַבערגלויבערישן פּאַכעד.

דער קאַפּיטאַן האָט באַמערקט, אַז פון דעם קינדס טויטן קערפּער קאַפּעט בלוט אויפן דיל. ער האָט אויפגעציטערט פאַר עקל.

— טראָגט עס אַרויס!

דער סאָלדאַט האָט זיך געקווענקלט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשיפּעט דראָענדיק. דער וועכטער האָט אין איילעניש אַ כאַפּ געטאָן דאָס קערפּערל.

— נו, צום לעצטן מאָל פרעג איך: וועסט רײדן צי ניין?

אַלענאַ האָט ניט געענטפערט, אַפילו ניט געהערט. זי האָט געקוקט אין פענצטער אויף דער זאַווערוכע, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין פעלד.

— אויב דו וועסט ניט ענטפערן, וועט מען באַלד מאַכן אַ סאָף פון דיר.

— זי האָט ניט געהערט, ניט געענטפערט. אַלץ איז דאָך שוין געווען געענדיקט, אַלץ. ניטאָ מער איר זון, ניטאָ מער איר אינגעלע, וואָס זי האָט אַף אים געוואַרט צוואַנציק יאָר. דאָס האַרץ האָט זיך איינגע־שטילט, ס'איז דאָרט געווען אַ טויטע פוסטקייט, אָן שרעק, אָן אַלאַרעם, אָן ציטער.

אַלענאַ האָט מיט ליידיקע אויגן אַ קוק געטאָן אַפן קאַפּיטאַן. גלייכ־גילטיק, ווי אַף אַ לעבלאָזער זאַך, ווי אַף אַ שטיק האָלץ אָדער שטיין.

אַוועקפירן זי און פאַרענדיקן, — האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן, — אָבער ניט לעבן הויז, איין פאַדלע איז גענוג. בעסער פון אַלץ אין טייך אַריין.

זי איז געהאַרכזאַם געגאַנגען אַהין, וואו די קאַלבעס האָבן זי געשטויסן צו גיין. יאָ, דאָס איז דאָס דאָרף, וואו זי איז געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, האָט כאַסענע געהאַט און אומזיסט געוואַרט אַף אַ קינד, וואָס איז ענדלעך געקומען, קעדיי אָפּצוזיין מיט איר עטלעכע שאָ. און איצט איז ער שוין ניטאָ. זי אַליין האָט אים איבערגעגעבן צום טויט, אַליין מיט די אייגענע אויגן האָט זי געקוקט ווי עס בויגט זיך אָן, ווי עס דערנענטערט זיך דאָס פּיסקל פון רעוואָלווער, און זי האָט ניט געזאָגט דאָס וואָרט, וואָס וואָלט געקענט געווען אָפּווענדן דאָס רעדל, אָפּשטופּן עס פון דעם קליינעם פּענעמל. ניין, זי האָט דאָס וואָרט ניט געזאָגט.

— כ'האָב ניט געקענט, זונעניו, — האָט זי געשעפּטשעט, גלייך ווי דאָס טויטע קינד האָט זי געקענט הערן. זי האָט אַ קוק געטאָן און דערזען ווי דער סאָלדאַט טראָגט דאָס קערפּערל מיט עקל, אומגעשיקט, מיט דעם קעפּל אַראָפּ. אַלענאַ האָט אויסגעשטרעקט די הענט. דער קאָנ־וואָיער האָט זיך אַף אַ מאָמענט אַ קווענקל געטאָן, נאָר טראָגן אַ טויט קינד איז געווען אַזוי ניט אָנגענעם, אַז ער האָט באַשלאָסן אַף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט עס אָפּגעבן דער מוטער. זי האָט צוגע־דריקט דאָס טויטע קערפּערל צום האַרצן. ס'איז נאָך געווען וואַרעם, די פּיסלעך און די הענטלעך זיינען נאָך ניט פאַרשטייפט געוואָרן. ווען ניט

אָט דאָס שרקלעכע, וואָס איז געבליבן אָנשטאָט דעם פּענעמל, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס קינד שלאָפט.

אָלענאַ איז געגאַנגען צווישן די קאָנוואָיערס, ניט געטראַכט וועגן דעם וואוהין מען פירט זי. דעם באַפעל, וואָס איז אַרויסגעשריגן געוואָרן אַף דייטש, האָט זי ניט פאַרשטאַנען. זי האָט געוואוסט, אַז איצט וועט זיכער קומען דער סאָף, נאָר דאָס האָט זי ניט געאַרט. פאַר איר האָט זיך אַלץ געענדיקט מיטן טויט פון איר זון.

ס'האָט געבלאָזן אַ ווינט און געטראָגן אין דער לופטן אַ שנייאיקן שטויב. אָלענאַ האָט אַ קוק געטאָן אַף די פאַרפרוירענע פענצטער פון די כאַטעס. מען האָט קיין לעבעדיקן נעפעש ניט געזען. אַן איינזאַמע איז זי געגאַנגען אַף איר לעצטן וועג, אַפן וועג צום טויט. קיין איין טיר האָט זיך ניט געעפנט, קיינער האָט ניט אַרויסגעקוקט, קיין איין מענטש האָט זיך אין ערגעץ ניט באַוויזן. גלייך ווי די כאַטעס וואָלטן אויסגעשטאָרבן. דאָ און דאָרט האָבן זיך אַרומגעדרייט דייטשן, נאָר זיי האָבן דער אַרעסטירטער ניט געשענקט קיין שום אויפמערקזאַמקייט.

אַ קלאַפּ מיט אַ קאָלבע האָט זי אַראָפּגעשטופּט פון וועג אַף אַ סטעזשקע. עטוואָס פאַרכידעשט, איז זי אַוועק וואוהין מ'האָט זי געשטויסן. זי האָט געמיינט, אַז מען פירט זי צום דאָרף־פּלאַץ, לעבן דער קירך, וואו עס הענגען מענטשן, וואָס מ'האָט זיי געכאַפּט באַ פאַרברעכנס קעגן דער דייטשישער מאַכט. נאָר די סטעזשקע האָט, אויסמיידנדיק די כאַטעס, זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן און זיך פאַרטיפט אין טאָל. קיין ווינט איז דאָ קימאַט ניט געווען. ער האָט געבלאָזן אויבן. אין טאָל איז געווען שטיל. אָלענאַ איז געגאַנגען איבער דער מיט אייז־באַדעקטער סטעזשקע ווי איבער צעשטויסענעם גלאָז. די באָרוועסע פיס זיינען אין די פיר טעג באַדעקט געוואָרן מיט וואונדן און געשווירן און זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיקער בלוטיק פלייש מיט הענגענדיקע שטיקלעך הויט. אַף אָט דער סטעזשקע האָבן די פרויען געטראָגן וואַסער, און זי איז געווען באַדעקט מיט אַן אייזיקער קאָרע. די וואונדיקע פיס האָבן זיך געגליטשט איבערן אייז, די שפּיציקע שטיקלעך אייז האָבן זיך אַריינגעזויגן אין איר געשוואָלענעם פלייש. אָלענאַ האָט זיך ספּאָטיקעט און פון יענעם מאָמענט

אָן האָט זי זיך שוין ספּאַטיקעט אַף יעדן טראָט. אָן אומדערטרעגלעכער ווייטיק האָט איר צעריסן דעם אונטערשטן טייל בויך. זי האָט געפילט ווי וואַרעמע שטראָמעלעך בלוט רינען איר איבער די פיס.

אונטן האָט זיך געשלענגלט דאָס טייכל. ס'איז געווען פאַרקאָוועט מיט אייז, פאַרשאָטן מיט שניי, פאַרטראָגן פון דער זאַווערוכע. ס'וואָלט פון דעם קיין שפּור ניט געבליבן ווען ניט די פּלאַנקע, וואו מ'האָט געשעפּט וואַסער אין יענעם עק דאָרף. אָלענאַ האָט גוט געקענט דעם פלעק פון דער פּלאַנקע, וואָס איז יעדן טאָג דורכגעהאַקט געוואָרן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואוהין מען פירט זי. ווייטער, אין טאָל, זיינען געלעגן די דערהאַרגעטע רויט־אַרמייער וואָס די דייטשן האָבן ניט דערלויבט זיי צו באַגראָבן. זי, אַ פּאַשעטע דאָרפישע באַבאַ, זייט באַ זייט מיט די רויט־אַרמייער, מיט די, וואָס זיינען אומגעקומען אין שלאַכט?

— עי, וואו קריכסטו?

די ווערטער זיינען געווען אומפאַרשטענדלעך, נאָר דעם קלאַפּ מיט דער קאָלבע האָט זי פאַרשטאַנען און געהאָרכזאַם פאַרקירעוועט אַרונטער־צו. די סאָלדאַטן, איינער פאַר איר און דער צווייטער פון הינטן, זיינען געגאַנגען גלייך צו דער שוואַרצער לאָך, צו דער פּלאַנקע.

— גיב אַהער דאָס הינטל, — האָט אַ געשריי געטאָן איינער פון די סאָלדאַטן און אויסגעשטרעקט די האַנט צום קינד. זי האָט אַ דערשראָ־קענע צוגעדריקט דאָס טויטע קערפּערל צום האַרצן, גלייך ווי זיי וואָלטן אים געקאָנט מיט עפּעס וויי טאָן.

— אַהער! — האָט דער קאָנוואָיער געזאָגט נאָכאַמאָל מיט אַ סטראַ־שענדיקן טאָן און זי אַ ריס געטאָן פאַר דער האַנט. דאָס קליין קערפּערל איז אַראָפּגעפאַלן אַף די קני לעבן דעם לאָך. אַפן וועג זיינען שוין בלוי געוואָרן די פינגערלעך פון די הענט און די פיסלעך. ס'איז שוין פאַר־שוואונדן דער ראָזעווער קאָליר פון לייב. דאָס בלוט אַף דעם אָרט, וואו ס'איז פריער געווען אַ פּענעמל, איז געוואָרן שוואַרץ און איז פאַרגליווערט געוואָרן אין טונקעלע שטיקער.

איידער זי האָט באַוויזן אויפצוהויבן דאָס קערפּערל האָט עס דער סאָלדאַט אויפגעכאַפּט אַפן באַגנעט און אַ וואָרף געטאָן אין דער לופטן.

דאָס קינד איז געפאַלן באַם סאַמע ברעג פון דער פּאַלאַנקע. דער צווייטער סאָלדאַט איז אונטערגעלאָפן, האָט אויך אויפגעשטאָכן דאָס פּיצעלע אָפּן באַגנעט און אַ וואָרף געטאָן אין דער הויך. דעם מאָל האָט ער געטראָפן. דאָס וואַסער האָט פּליוכע געטאָן, אַף דער טונקעלער פלאַך פון דער פּאַלאַנקע האָבן אָנגעהויבן זידן בלעזלעך, און דער שטראָם האָט אַוועקגעטראָגן דאָס קערפּערל אונטערן אייז.

אָלענא איז פאַרגליווערט געוואָרן אַף די קני. איצט האָט זי דערקענט איר כאַלעם, דערקענט דאָס אָרט, די טונקעלע לאָך פון דער פּאַלאַנקע. באַ די זייטן איז דאָס אייז גרינלעך, דאָס טונקעלע וואַסער האָט זיך איבער־געגאָסן, באַוועגט ווי אַ לעבעדיקער שטראָם. ס'האָט געקאָכט, זיך אַרויסגעריסן אַף דעם קליינעם פרייען שטעטל פון דער פּאַלאַנקע און איז ווידער פאַרשוואונדן אונטערן אייז, אַוועקלויפנדיק אַף זיין ווייטן וועג. אַף די ברעגן, אַף דעם אייז פון דעם פאַרפרוירענעם טייכל, איז געלעגן אַ דיקער שיכט שניי. באַ איין עק פון דער פּאַלאַנקע, דאָרט וואו ס'איז געפאַלן דאָס קערפּערל פון קינד, איז געבליבן אַ רויטער פלעק, דייטלעך אָפּגעדרוקט ווי אַ שטעמפּל.

מיט טויטע אויגן האָט אָלענא געקוקט אַף דעם שוואַרצן וואַסער. אָט, דער טייך האָט צוגענומען דאָס קליינע קערפּערל, און ניטאָ מער איר זונעניו. דער איינציקער סימען, דער איינציקער צייכן, אַז ער איז געווען און האָט געלעבט, איז אָט דער בלוטיקער פלעק אָפן שניי, דער שטעמפּל אָפּגעדרוקט אַף דעם ווייסן אויסשפּרייט. איצט טראָגט אים דער שטראָם אונטערן אייז, שליידערט אים אַרונטער, שלאָגט אים אָן אַן שטיינער, שליידערט אים אַרויס אַף דער פלאַך, פאַרוואונדעט אים אָן אייז! ניין, ניין, אָלענא האָט געוואוסט אַף זיכער, ווי זי וואָלט דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן דורכן שניי און אייז, אַז דער אייגענער טייך טראָגט דאָס קליין קערפּערל פאַרזיכטיק, צערטלעך. וואַשט פון אים אָפּ דאָס בלוט, די בראַנדן פון דעם פּולווער, דאָס באַריר פון די דייטשישע לאַפּעס. אַן אייגענער טייך, מיט ריינעם וואַסער פון דער אייגענער ערד. דער שטראָם האָט געעפנט די אָרעמס און צוגענומען דאָס קינד, וואָס האָט קיין איין טאָג ניט געלעבט. דאָס אייגענע וואַסער פון דער אייגענער ערד.

די סאָלדאַטן האָבן וועגן עפּעס געשמועסט, זיך באַראַטן, באַטראַכט די פּאָלאָנקע, עפּעס געמאָסטן. אָלענאַ האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן. אירע אויגן זיינען געווען צוגעפּעסטיקט צו דער דריבנער כוואַליע, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אונטערן אייז און איז פאַרשוואונדן אונטערן אייז... איצטער איז ער שוין גוט באַהאַלטן, איצטער וועט אים קיינער ניט געפינען. דאָס אייז האָט זיך געשפּרייט ווייט און איז געווען דיק, און פון אויבן איז ער נאָך דערצו געווען צוגעדעקט מיט אַ שנייאיקער פּערינע. אומעטום, אַף וויפל דאָס אויג האָט גערייכט, איז געלעגן אַ טיף־טיפער שניי, אונטערן אייז, גוט איינגעדעקט און באַשיצט פון דויי־טשישע אויגן. „וואוהין טראָגט זיך דער שטראָם?", האָט אָלענאַ אַ טראַכט געטאָן אַ פאַרזאָרגטע און האָט זיך דערמאָנט, אַז ער גייט צו מיזרעך. אַפן האַרצן איז איר געוואָרן פריידיק: דער זונעניו וועט אַוועקשווימען צו די אייגענע, דער זונעניו וועט אַוועקשווימען צום פרייען לאַנד, אָן דייטשישע קייטן. עפּשער וועט ער ערגעץ אַרויפשווימען אַף דער פלאַך, עפּשער זיינען אויך דאָרט פאַראַן פּאָלאָנקעס. מענטשן וועלן דערזען, זיך אָנשטויסן וואָס ס'איז געווען. וועלן אַ קוק טאָן אַפן קעפּל, וואָס איז צעשמעטערט פון אַ קויל און וועלן פאַרשטיין. וועלן זיי אים באַגראָבן ווי ס'באַדאַרף צו זיין, באַגראָבן דאָס קלייניקנע אינגעלע, באַגראָבן אים אין דער אייגענער ערד. און עפּשער וועט ער אין ערגעץ ניט אַרויפשווימען, נאָר פרילינג־צייט, ווען דאָס אייז וועט צעגיין און דאָס טייכל וועט זיך שטורעמדיק צעגיסן איבער די פעלדער, וועלן מענטשן געפינען דעם קלייניקן קערפּער?

די קאָנוואָיערס האָבן זיך וועגן עפּעס געשפּאַרט. זיי זיינען אָפּגע־גאַנגען אַף עטלעכע שפּאַן, האָבן ווידער עפּעס אָפּגעמאָסטן. איינער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער קאָלבע אין ברעג פון דער פּאָלאָנקע און אָפּגעשפּאָלטן אַ שטיק אייז. איבערן שניי האָט זיך אויסגעצירט אַ לאַנגער טונקעלער שפּאַלט. דאָס שטיק אייז האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אין וואַסער אַריין, זיך אַ יוויג געטאָן, און דער גרינער ראַנד פון דער פּאָלאָנקע האָט איצט אָנגעהויבן בליסטשען עטוואָס ווייטער ווי פריער.

אַף דער סטעזשקע האָט זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון טריט. די

סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעדרייט. פון אויבן איז אַרונטערגעקומען קאַפּיטאַן קורט ווערנער. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן. אָלענאַ האָט אַפילע ניט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. זי איז אַלץ געשטאַנען אויף די קני, ווי אַ פאַרגאַפטע און געקוקט אַפן וואַסער, אויף דעם בליאַסק פון דער דריבנער כוואַליע.

דער קאַפּיטאַן האָט זי אַ שטופּ געטאָן מיטן פוס. זי האָט צו אים אויפגעהויבן דאָס פּנים מיט די ניט־זעענדיקע אויגן.

— איי, דו! וועסט באַלד קראַפּירן, פאַרשטייסט? זאָג וואו זיינען די פּאַרטיזאַנען?

ער האָט זיך געטרייסלט פון דערשטיקטער רעציכע. ווי נאָר ער האָט אָפּגעשיקט אָלענאַן מיט די סאָלדאַטן, האָט מען אים אָנגעקלונגען פון שטאַב. אונטער אַלע אומשטענדן, פאַר יעדן פּרייז קריגן וועלכע עס איז אינפאָרמאַציע וועגן דעם אָרט, וואו די פּאַרטיזאַנען האַלטן זיך אויף. דער שטאַב האָט אינפאָרמאַציע, אַז די מערסטע אין דעם אָטריאַד זיינען איינוואוינער פון יענעם דאָרף, וואו עס געפינט זיך ווערנערס אָפּטייל. מען פאָדערט פון אים קאַטעגאָריש, אַז ער זאָל מיטיילן די נויטיקע אינ־פאָרמאַציע. און אָט די פאַרשאָלטענע באַבע, וואָס דאָרף בלויז זאָגן עטלעכע ווערטער, קעדיי די פאָדערונג פון דעם שטאַב זאָל דורכגעפירט ווערן, שווייגט און שווייגט ווי אַ פאַרקישעפטע. דער קאַפּיטאַן איז געווען אויסער זיך דערפון, וואָס ער האָט ווידער געמוזט קומען אַהער צום טייך, נאָכדעם ווי ער האָט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט, אָפּגעגעבן דעם לעצטן באַפעל; זיך שלעפּן אין אָט דער זאַווערוכע, אין פראָסט, און ווידער אויספרעגן, ווידער קוקן אויף אָט דעם אומענטשלעכן פּנים, וואָס איז געווען געל און בלוי און געשוואָלן. דערפירט צו פאַרצווייפלונג איז ער געווען גרייט זיך צו בעטן באַ אָט דער איינגעשפּאַרטער, בייזער באַבאַ. נאָר ער האָט געוואוסט, אַז אויך דאָס וועט ניט העלפן. גרינג איז זיי צו זאָגן דאָרטן אין שטאַב, „מיר פאָדערן קאַטעגאָריש". זיי איז גרינג צו פאָדערן קאַטעגאָריש, „מיט אַלע מיטלען". ער האָט שוין, דאַכט זיך, אויסגענוצט אַלע מיטלען. דאַכט זיך, דער גורל אַליין האָט אים צוגע־

שיקט דאָס בעסטע מיטל, אַ ניי געבוירן קינד, און קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן...

— וואו איז דאָס הינטל? — האָט ער זיך געווענדעט צו די סאָל־דאַטן.

— מיר האָבן עס אַריינגעוואָרפן אין דער פּאָלאָנקע — האָט מיט אַ שרעק געענטפערט דער סאָלדאַט. וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן, פאַרוואָס איז דער קאַפּיטאַן אַליין געקומען אַהער, פאַרוואָס פרעגט ער זיך נאָך אַפן קינד, וואָס ער האָט ערשט צוריק מיט אַ פערטל שאָ געהייסן אַוועק־נעמען? דער סאָלדאַט האָט זיך דערשראָקן.

נאָר ווערנער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— הער, דו, וואו זיינען די פּאַרטיזאַנען?

אָלענאַ האָט ניט געענטפערט. פּונקט אַזוי אויפמערקזאַם ווי זי האָט פריער געקוקט אַף דער פּאָלאָנקע האָט זי איצט געקוקט אַף דעם קאַפּיטאַנס פּאָנעם. זי האָט עס געזען מיט אַלע דעטאַל שטריכן. העלע ברעמען, איין הערעלע איז לענגער פון די אַנדערע און שטעקט אַרויס קאָמיש אַפן שטערן. באַם ווינקל פון די ליפּן איז צוגעקלעפּט אַ שטיקל פּאַפּיראָס פּאַפּיר, אַ קליין וויים פּינטל. אַף די באַקן — אַ נעץ רויטלעכע אָדערן, די אויגן פּינטלען מיט די ווייסע וויעס. איין אויער איז באַם קאַפּיטאַן געווען אָפּגעפרוירן, איז ער געשוואָלן געוואָרן און איז גרעסער פון צווייטן.

— וואָס קוקסטו? איך פרעג דאָך דיך, וואו זיינען די פּאַרטיזאַנען?

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פראַגע איז ניט דערגאַנגען צו איר, אַז זי הערט ניט און אַז ער וועט פון איר גאָרניט אַרויסקריגן. דעם קאַפּיטאַן האָט אַרומגעכאַפּט אַ ווילדער האַס. אים איז געווען אַ שאָד, וואָס ער קאָן ניט נאָכאַמאָל אַריינקריגן אין זיינע הענט דאָס קינד — צו שנעל און איינפאַך האָט ער עס פאַרענדיקט. באַדאַרפט געווען פאַר איר אין די אויגן אָפּשינדן פון אים די הויט, אָפּשניידן די אויערן, אויסשטעכן די אויגן. עפּשער וואָלט זי דעמאָלט אַ ציטער געטאָן, עפּשער וואָלט דאָס זי איבערציינגט. און ער האָט זיך גאָר געאיילט, און מאָרגן וועט מען ווידער קלינגען פון שטאַב. ער האָט דאָך — ס'אַרא לייכטזיניקייט, — געלאָזט

וויסן אין שטאַב, אַז מען האָט אין דאָרף געכאַפּט אַ פּאַרטיזאַנקע. נאַטירלעך, דאָרט וועט קיינער ניט פאַרשטיין, אַז פון דער באַבאַ האָט מען גאָרניט ניט געקאָנט אַרויספּרעסן. און זיינע קאָלעגן וועלן אים מיט פאַרגעניגן אונטערשטעלן אַ פיסל און מיטן גרעסטן פאַרגעניגן לאָזן וויסן די העכערע באַאַמטע אַז קאַפּיטאַן קורט ווייסט ניט ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט אַרעסטירטע, קאָן פון זיי ניט אַרויסקריגן קיין אינפאָרמאַציע; אַז ער איז, ווייזט אויס, צו ווייך, צו ליבעראַל צו דער אָרטיקער מערדע־רישער באַפעלקערונג.

ער האָט פאַרביסן אַ ליפּ און מיט אַ נערוועזער באַוועגונג אַרויסגע־ריסן באַם סאָלדאַט די ביקס אַזוי אומדערוואַרט, אַז יענער איז אָפּגע־שפּרונגען אַ דערשראָקענער. אָלענאַ האָט שוין ניט געקוקט אויף דעם קאַפּיטאַן. אירע אויגן זיינען ווידער געווען געווענדעט צום וואַסער, צום בליאַסק פון דער כוואַליע, צום פליסנדיקן לעבעדיקן שטראָם.

ווערנער איז צוריקגעשפּרונגען אויף אַ שפּאַן און האָט מיט אַלע קויכעס אַריינגעשטאָכן דעם באַגנעט אין דעם רוקן פון דער פרוי, וואָס איז געשטאַנען אויף די קני. זי האָט אַ פאַל געטאָן מיטן פּאָנעם צום ראַנד פון דער פּאָלאָנקע. דער שניי, וואָס איז פאַרטשעפּעט געוואָרן באַם פּאַלן, האָט זיך מיט אַ דין, שמאָל שטראָמעלע אַ שאָט געטאָן אין דער פּאָלאָנקע אַריין, ווי מעל פון דער עפענונג פון אַ זשאַרנע. אָלענאַ האָט געקוקט, קימאַט אָנרירנדיק דאָס וואַסער מיטן פּאָנעם. דער שניי, וואָס איז געפאַלן אין וואַסער אַריין, איז געוואָרן גרין, האָט זיך צונויפגענומען אין איין שטיק און האָט גענומען טאַנצן אויף דער וואַסער־פלאַך פון דער פּאָלאָנקע.

דער קאַפּיטאַן האָט מיט אָנשטרענגונג אַרויסגעצויגן דעם באַגנעט און אים ווידער אַריינגעשטאָכן. די פרוי האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אויסגעשפּרייט איבערן מיט שניי באַדעקטן אייז. פּאַסמעס צעפּאַטלטע האָר האָבן אַ פאַל געטאָן אַרונטער צו און זיך אָנגערירט אָן וואַסער. דאָס וואַסער האָט זיי אויפגעכאַפּט, פאַרגאָסן מיט אַ כוואַליע, און זיי האָבן גענומען טאַנצן ווי לעבעדיקע.

— אַריינוואַרפן זי אין וואַסער! — האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן.
די סאָלדאַטן זיינען אונטערגעשפּרונגען און האָבן מיט די קאָלבעס

אנגעהויבן אראפשטופן דעם קערפער. די פלאנקע איז געווען קליין, דער קאפ איז אריינגעפאלן אין וואסער, אבער די ארעמס האבן ארויסגעשטעקט בא די זייטן, גלייך ווי זיי וואלטן זיך געווערט.

— וואס איז דאס אזוינס, מיט איין באבא קאנט איר זיך ניט ספראווען? — האט דער קאפיטאן זיך צעשריען, אויסער זיך פון רעציכע.

די סאלדאטן האבן זיך האסטיק א ווארף געטאן צו דער טויטער פרוי. זיי האבן איר אויסגעבראכן די הענט, מיט קויעך זי געשטופט אונטערן אייז אין וואסער אריין. זי איז ארונטער ביז דער ברוסט, דערנאך ביזן בויך אין וואסער אריין. איצט האבן זיי זי געשטופט מיט די שטיוול, מיט די קאלבעס. און זיך שטארק געאיילט אונטער די בליקן פון דעם קאפיטאן. ענדלעך האט דאס וואסער א כליופע געטאן פון דעם פאלן פון דעם קערפער. איצט האבן פון דער פלאנקע ארויסגעשטעקט בלויז די בלויע, געשוואלענע פיס. מיט די קאלבעס האבן זיי געקלאפט איבער אט די שרעקלעכע, צעקאליעטשעטע קלעצלעך. ענדלעך האט דאס וואסער ווידער א כליופע געטאן און זיך איבערגעבלאזן מיט א זיפץ. דער קערפער איז פארשוואונדן. א מורמלענדיקע דריבנע כוואליע האט זיך ארויסגעריסן פון אונטערן אייז און איז ווידער פארשוואונדן אונטערן אייז, אנטלויפנדיק אין דעם וייטן וועג, צו די ווייט-ווייטע געגנטן.

דער קאפיטאן האט זיך אויסגעזידלט און איז אוועק צוריק, זיך גליטשענדיק איבער דער מיט אייז-באדעקטער סטעזקע. די סאלדאטן זיינען געהארכזאם געגאנגען הינטער אים און זיך געפרואווט אנשפארן אף די ביקסן אזוי, אז ער זאל דאס ניט באמערקן.

אונטן אין דער פלאנקע האט געמורמלט די טונקעלע כוואליע און עס האבן געבלישטשעט די ראנדן פון דער פלאנקע, וואס האבן זיך געמינעט מיט גרינלעכע קאלירן. אף דעם צעטאפטשעטן שניי האבן זיך ווייט ארויסגעזען שפורן פון סאלדאטסקע שטיוול. און בלויז אף איין ארט באם ברעג פון דער פלאנקע איז געבליבן א רויטער שפור — דארט וואו ס'איז צום ערשטן מאל געפאלן דער קערפער פון קינד. אף דער ווייסער

וואנדא וואשיליעווסקא

פלאך איז געבליבן אַ רויטער פלעק, אַ העלער, אַ דייטלעכער; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט פאַרשווינדן, אַז ער וועט דאָ בלייבן אויף אייביק, ביז די זוניקע פרילינג־טעג, ווען דאָס אייז וועט צעשמאָלצן ווערן, דער שניי וועט זיך אַ לאָז טאָן ריטשקעסווייז און דער פרייער טייך וועט אוועקטראָגן זיינע שטורעמדיקע וואסערן איבער די ווייטע פעלדער, צום ווייטן, ענדלאָזן יאַם, צום אייגענעם יאַם פון דער אייגענער ערד.

קאַפּיטל זעקס

פּוסיאַ האָט זיך געוואַשן. פּעאָדאָסיאַ קראַוועטשוק האָט אין פּינצ־טערער שווייגעניש געטראָגן וואַסער, אונטערגעגאָסן היים וואַסער פון אַ טאָפּ, און יענע איז געזעסן אין דער קאַריטע און זיך געזייפט די דאַרע פּלייצעס. זי האָט זיך ניט געשעמט פאַר איר דייטש, וועלכער איז געזעסן דאָ אַף דער באַנק און האָט געראָיכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַ־פּיראָס. גלייך ווי מען קען זיך ניט אַרומוואַשן אין קיך. ווייס איך וואָס, ווי שטייט עס אָן אַזאַ פּאַרעצטע זיך וואַשן אין קיך! ניין, זי דאַרף ווייזן איר דייטש אירע מאָגערע באָקעס און זי מוז אומבאַדינגט פאַרשפּריצן דעם גאַנצן דיל, קעדיי עס זאָל זיין וואָס צו ראַמען און אונטערוויִשן.

פּוסיאַ האָט זיך געלאָזט וואַלגיין אין דעם וואַרעמען וואַסער, נאָר אַלע ווײַלע האָט זי געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אַף קורטן. אַ גאַנצן אָוונט איז ער געווען אָנגעכמורעט און האָט געשוויגן.

— קורט...

יענער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט.

— וואָס?

— דו האַלסט אין איין שווייגן, קוקסט זיך גאָרניט אום אַף מיר, גלייך ווי כ'וואָלט נאָר אַף דער וועלט ניט געווען...

— איך בין מיד, — האָט ער געענטפערט טרוקן.

— כ'האָב דאָך אַ גאַנצן טאָג געוואַרט, און דו ביזט אַפּילע ניט אַריינגעקומען.

זי האָט אויסגעקוועטשט דאָס וואַסער פון שוואָם און געקוקט ווי די ווייסע שטראָמעלעך זייפיקע וואַסער רינען אַראָפּ איבער אירע בריסט.

— פונקט היינט האָב איך צייט געהאַט אַריינצוקומען, — האָט ער אַ בורטשע געטאָן, — ניט אויפהערנדיק צו טראַכטן וועגן דעם טעלעפאָן פון שטאָב. ער וועט מאָרגן אינדערפרי מוזן מעלדן, אַז פון יענער באַבאַ האָט ער גאָרניט ניט געקענט אַרויסקריגן. דער מאַיאָר וועט זיך אָנצינדן מיט רעציכע. אינטערעסאַנט צו וויסן וואָס ער אַליין וואָלט אַרויסגעקראָגן? אַלצדינג זעט בײַ אים שטענדיק אויס גרינג און איינפאַך... ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס ווערנער האָט גאָר אין גיכן דערוואַרט אַ העכערן ראַנג, און אָט די נאַרישע געשיכטע מיט די פּאַרטיזאַנען קען אַלץ קאַליע מאַכן. און די פּאַרטיזאַנען דערגייען דאָך זיי די יאָרן, ניט אים. נו, וואָלטן זיי אַליין באַדאַרפט זוכן די שפּורן, אויסגעפינען וואו יענע האַלטן זיך אויף... אָבער ניין, זיי האָבן באַשלאָסן, אַז גרינגער פון אַלץ איז אַרויפצוּוואַלגערן אַלצדינג אויף קורטן, וואַרפן אויף אים די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער האָט פאַרשאָלטן זיין אייגענעם לייכטזין. צו וואָס האָט ער זיי געדאַרפט לאָזן וויסן, אַז אָט די קאָסטיוק איז געפאַנגען, ווען ער האָט נאָך אַליין ניט געוואוסט צי מען קען פון איר עפּעס אַרויסקריגן?

ער האָט עפּעס אַרומגעטראַכט. פוסיא האָט אויף זיך דערשפּירט זיין בליק.

— וואָס איז?

ער האָט געגרויבערט אָן אייַלעניש.

— הער, — האָט ער אָנגעהויבן מיט קענטיקער קווענקלעניש.

— עפשער וואָלסטו אַ רייד געטאָן מיט דיין שוועסטער, אַ?

זי האָט זיך שאַרף אויסגעדרייט אַזוי, אַז ס'האָט אַ פּליעסקע געטאָן וואַסער אויפן דיל. אין יענעם מאָמענט איז פעדאָסיא אַריין מיטן עמער.

— און איר דרייט זיך דאָ ניט אַרום — האָט ער אויף איר אָנגע־שריען מיט כּעס.

די פרוי האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס. ער איז אויפגע־שטאַנען און האָט פעסט צוגעמאַכט די טיר נאָך איר.

— אַ רייד טאָן מיט מיין שוועסטער?

— נו, יאָ, דו הערסט דאָך, — איז ער אין כּעס געוואָרן.

— צו וואָס זאָל איך מיט איר ריידן? — זי האָט ברייט צעעפנט די רונדע אויגן, און מיט איר געוויינלעכע באַוועגונג פון אַ קראַנקער מאַלפּעלע האָט זי אָנגעבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט.

דו מוזט מיר העלפן. נו, יאָ, העלפן. וואָס איז דאָ פאַראַן ניט צו פאַרשטיין? דו דאַרפסט אַ רייד טאָן מיט דער לערערן. פאַרשטייסט, זי ווייסט אַסאַך זאַכן, וואָס זיינען מיר נויטיק.

פּוסיאַ האָט מעכאַניש געווייקט און אויסגעקוועטשט דעם שוואָם.

— זי וועט דאָך מיר גאָרניט זאָגן...

— דאָס איז שוין דיין זאַך, ווי אַזוי צו ריידן מיט איר, אַז זי זאָל דיר יאָ זאָגן... דערקלער איר, אַז אָט די קונצן וועלן זיך שלעכט ענדיקן: דערווייל קוק איך צווישן די פינגער, נאָר ווען מיין געדולד וועט פּלאַצן...

— וועלכע קונצן?

— איי, ביסטו אַ נאַר! — האָט ער זיך אָנגעצונדן.

זי האָט זיך באַליידיקט און מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן גענומען פּלייסיק אָנזייפן די פיס.

— דערקלער איר, אַז ס׳וועט פאַר איר אַליין זיין בעסער, ווען זי וועט אָנהויבן אַרבעטן מיט אונדז. זי איז ניט קיין נאַר, זי האָפט דאָך ניט, אַז זיי וועלן נאָך אַהער צוריקקומען, אַ?

פּוסיאַ האָט ניט געענטפערט, און ער האָט ערשט איצט באַמערקט איר באַליידיקט פּאָנעם.

— אייגנטלעך, וואָס קרימסטו זיך?

— איך בין דאָך אַ נאַר, וואָס קען איך איר דערקלערן?

— זיך באַליידיקט? הער, איך בין אַף אָן עמעס מיד. כ׳האָב היינט געהאַט זייער אַ שווערן טאָג. פּראָוווע ניט קיין קאַפּריזן, ס׳איז דאָך נאַריש. נו, וואָס, וועסט אַ רייד טאָן מיט איר?

— זי וועט מיט מיר ניט וועלן ריידן.

דער רעגנבויגן

— פאַרוואָס?

זי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן און אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— דו זעסט דען אַליין ניט, אַז קיינער רעדט דאָ ניט מיט מיר? ווי איך וואָלט געווען אַן אַנגעשטעקטע... נאָר דיר איז אַלץ איינס, דו לאָזט מיך איבער גאַנצענע טעג אַליין...

— ווידער דאָס אייגענע... הער אויף, איך רייד מיט דיר ערנסט.

פּוסיאַן האָט דערשראָקן דער קנייטש אַף זיין שטערן.

— נו, גוט, אָבער וועגן וואָס זאָל איך מיט איר ריידן?

ער האָט אַ קוק געטאָן אַף דער טיר.

— מיר, פאַרשטייסטו, האָבן אינפאָרמאַציע, אַז זי איז פאַרבונדן מיט די פּאַרטיזאַנען. דאַרף מען, אַז זי זאָל זאָגן, וואו זיי באַהאַלטן זיך. פאַרשטייסט?

— זי וועט ניט זאָגן.

— צו וואָס אין פאָרויס באַשליסן די פראַגע? אויב דו וועסט זיך נעמען קלוג פאַר דער אַרבעט, וועט זי אויסזאָגן.

דאָס וואַסער איז שוין קאַלט געוואָרן. פּוסיאַ האָט זיך לאַנגזאַם, פלייסיק געווישט. דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט אַ האַנט און גענומען פון טיש אַ נאַכט־העמד. מיט פאַרגעניגן האָט זי דערשפּירט די ווייכקייט פון זייד. דאָס העמד איז געווען בלוי, מיט האַנט שטריקעריי. ווערנער האָט דאָס איר געבראַכט פון פראַנקרייך, ניט באַוויזן אָפּן וועג דאָס איבערגעבן זיין ווייב, און איצט האָט דאָס פּוסיאַ געטראָגן. דאָס זייד האָט זיך געלייגט מיט ווייכע פאַלדן, זי האָט געשפּירט דעם באַריר פון זייד ווי עמעצער וואָלט זי געצערטלט. דאָס באָדן זיך האָט זי מיד געמאַכט זי האָט געוואָלט שלאָפן.

— און פאַרוואָס טוסטו זיך ניט אויס? האָט זי געפרעגט מיט קאַפּריז.

— כ׳האָב פּונקט צייט צו שלאָפן... פאַרשטייסט, וועגן די פּאַרטיזאַנען מוז מען אומבאַדינגט אויסגעפינען.

פּוסיאַ האָט זיך צוגעזעצט אַף דער באַנק לעבן אים און זיך צוגע־רוקט מיט איר באַק צו זיין מונדיר.

— קורט...

ער האָט אומגעדולדיק זיך אָפּגערוקט.

— מיט דיר קאָן מען ביכלאַל ניט ריידן ערנסט.

— באַנאַכט רעדט מען ניט, — האָט זי געזאָגט מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן און פאַרשאַרט די האָר הינטערן אויער. נאָר ווען זי האָט באַמערקט, אַז ער הויבט אָן ווערן אין כּעס, האָט זי אין איילעניש זיך פאַריכט:

— נו, גוט, און פון וואַנען ווייסטו אַז זי ווייסט עפּעס?

— איך ווייס, זאָרג זיך ניט. דו בעסער אינטערעסיר זיך ווייניקער מיט דעם. און איר קאָנסטו געבן אָנצוהערעניש, אַז איך ווייס אַלצדינג און אַז אויב זי וועט ניט דערציילן, וועל איך זי לאָזן אַרעסטירן.

— אָ־אָ־אָ!

— און וואָס מיינסטו, אַז זי איז דיין שוועסטער, מעג זי שוין דאָ אַרבעטן קעגן אונדז און מיר וועלן דערויף קוקן רואיק?

פּוסיאַ האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— מיר איז אַלץ איינס. אַרעסטיר זי, אויב דו ווילסט. וואָס אַרט עס מיך? איך קאָן, פאַרשטייט זיך, אַ רייד טאָן מיט איר. נאָר זי וועט מיך אָפּן שוועל ניט אַרויפלאָזן, אָט וועסטו זען.

— אין יעדן פאַל, פּרואוו.

— איך וועל פּרואוון, — האָט זי געזאָגט צוליב שאָלעם וועגן און געטראַכט, אַז אין ערגסטן פאַל וועט דאָס פּאַסירן מאָרגן און איצט איז ניטאָ צוליב וואָס זיך צו קריגן מיט קורטן.

— לייגן זיך שלאָפן...

ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך ספּאַטיקעט אָן דער פּולער קאָרעטע.

— וואו איז די באַבאַ? און דו וואָלסט זיך ווירקלעך געקאָנט געוועזן אַרומוואַשן אין קיך.

— אין קיך? באַ איר? — פּוסיאַ האָט אַזש אַ ציטער געטאָן פאַר עקל.

ווערנער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. פּעאַדאָסיאַ האָט מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן אַרויסגעטראָגן די עמער, האַסטיק אָפּגערוקט די

קאַרעטע, אויסגעווישט דעם פאַרגאַסענעם דיל. פּוסיאַ, שוין אין בעט, האָט מיט באַפרידיקונג געקוקט אויף איר. זאָל זי טאַקע באַלד דערציילן וועגן וואַסיאַן? ניין, זאָל די אַלטע זיך נאָך מוטשען. זי וועט צוּוואַרטן, ווען עס וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט.

פעאָדאָסיאַ האָט צונויפגעגאָסן דאָס שמוציקע וואַסער אין די עמער און איז אַרוים זיי אויסגיסן. דער ווינט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּאָנעם, דער ווענטער האָט זיך אומגעקוקט, נאָר דערזעענדיק די עמער אין אירע הענט, האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט. זי איז אַרומגעגאַנגען דאָס הויז און האָט פאַרקידרעוועט צום שטאַל, צום הויפן מיסט. דאָס וואַסער האָט אַ פּליוכע געטאָן און אין דער זעלבער רגע האָט זי דער־הערט ווי עמעצער האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— מאַמאַשאַ!...

זי האָט זיך אַ וויג געטאָן, און אַן עמער איז באַ איר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. פון דעם שניי איז די נאַכט געוועזן ליכטיק, און הינטערן שטאַל, אויף דעם הינטערגרונט פון אַ ווייסן בערגל שניי, האָט זי דערזען עפּעס אַ שאָטן. אַ באַקאַנטע היטל, פעאָדאָסיאַן האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם.

— ווער איז דאָ? — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן, כאָטש זי האָט שוין געוואוסט. מיט אַ קרעכץ האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אויסגעשטרעקט די הענט, געטאַפּט דאָס גראָבע געוואַנט פון דעם שינעל, דעם לעדער פון פּאַס. דייטלעך האָט זי דערזען אויף דעם גרויען פוטער פון הוט דעם פינף־שפּיציקן שטערן. אַ געוויין האָט איר פאַרשטיקט דעם האַלדז.

דער רויט־אַרמייער האָט זיך דערשראָקן.

— וואָס איז מיט דיר, וואָס וויינסטו?

— דאָס זייט איר... דאָס זייט איר... האָט זי געשעפּטשעט מיט אַ פאַרכלינעטן, אומזיניקן מורמל. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי רעדט פון היץ, אַז עס כאַלעמט זיך איר אַ כאַלעם. דאָס האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט פאַר גליק.

— גאַרניט, גאַרניט... — פעאַדאָסיא האָט מיט אַלע קויכעס געפּרואווט איינהאַלטן איר אויפרעגונג. און פּלוצים האָט זי זיך דערמאַנט אָן וועכטער. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם רויט־אַרמייער פאַרן אַרבל.

— באַ מיר אין כאַטע שטייען איין דייטשן! די דייטשן זיינען אין דאָרף.

— איך וויים. איך וויל מיט דיר אַ שמועס טאָן, מוטער. ביסט אַ היגע?

— געווים, אַ היגע, אַ היגע.

— מען דאַרף באַ דיר אויסגעפינען וואָס און ווי אַזוי...

— הער, זונעניו, דאָרט באַ דער כאַטע איז פאַראַן אַ וועכטער, אויב כ'וועל זיך לאַנג זאַמען, וועט ער אַוועק מיך זוכן. דו וואַרט דאָ צו, איך וועל אַריינלויפן אין הויז, כ'האָב דאָרט אַ דורכגאַנג, כ'וועל באַלד צוריק־קומען, און דו גיי אָפּ אַביסל ווייטער, אין דעם שפּייכלערל לעבן שטאַל; פאַראַן דאָרט שטרוי, עס בלאָזט ניט ווי דאָ.

ער האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין איר מיט אַ פּלוצעם אויפגע־וועקטן פאַרדאַכט. זי האָט פאַרשטאַנען.

— וואָס פאַלט דיר איין, זונעניו? איך בין דאָך אַ היגע פון קאָלכאָז. באַ מיר ליגט דאָרט אין טאָל אַ זון, אַ רויט־אַרמייער... שוין אַ כוידעש ווי ער ליגט, לאָזן ניט באַגראָבן, די הינט... האָבן באַראַבעוועט ביזן לייב.

ניט אַזוי אירע ווערטער, ווי דאָס געפיל, וואָס האָט געקלונגען אין איר שטים, איז געווען אַזוי איבערצייגנדיק, אַז דער באָכער האָט זיך פאַרשעמט.

— ווייסט דאָך אַליין, מוטער, עס טרעפן זיך פאַרשיידענע...

— איז, גיי, גיי, און איך וועל באַלד...

מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי אַ כאַפּ געטאָן די עמער און איז אַוועק צו דער כאַטע. זי איז פאַרבייגעגאַנגען דעם וועכטער, קוים דער־שטיקנדיק אַ נערוועזן געלעכטער. שפּאַן, שפּאַן, טאַפּטשע מיט די פים! און אונדזערע זיינען שוין אין דאָרף. אָט דאָרט הינטערן שטאַל שטייט אַ רויטאַרמייער, און דו הויבסט ניט אָן צו וויסן, באַוואַכסט דעם אָפּי־

צירם ליובאָוויטשע, דעם אָפּיצירם געלעגער... באַוואַך, באַוואַך, באַלד וועט קומען דיין סאָף...

זי האָט פעסט פאַרמאַכט די טיר אין פירהויז, האָט איבערגערוקט די באַנק אין קיך, גלייך ווי זי וואָלט זיך געקליבן גיין שלאָפן. פון שטוב האָט זיך דערטראָגן דאָס כראָפּען פון דעם דייטש. פעאָדאָסיאַ האָט זיך שטיל אַרויסגעגליטשט אין פירהויז. אָפּן בוידעם, אַף אַ געוויסן אָרט, האָט זי אַרויסגענומען אַ ברעט. זי איז דורכגעקראָכן דורך דער עפענונג און האָט זיך אָנגעהויבן פאָרזיכטיק אַרונטערלאָזן מיטן ווינקל פון הויז. דאָס לאַנגע קליידל האָט איר געשטערט; זי האָט געטראַכט: ווי קאָמיש, אַן אַלטע באַבאַ קלעטערט ווי אַ קאַץ, און זי האָט אינעווייניק געלאַכט. דער ווינט האָט געשאַרכט אין דעם שטרויענעם דאַך, און דער וועכטער פון יענער זייט כאַטע האָט גאָרניט ניט געקאָנט הערן. זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַף דער ערד און מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיקן האַרצן זיך איינגעהערט אַ סעקונדע, צוויי, ניין, אים וועט גאָרניט איינפאַלן, אַז דאָ קומט עפּעס פאָר. הינטן איז דאָך די וואַנט אינגאַנצן אַ בלינדע, און ער טאַפּטשעט זיך לעבן די פענצטער, פון גאַס. און גראָד פון דאַנען קאָן מען אַריין אין כאַטע, — איז איר פּלוצים איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק.

מיט קאַצישע טריט האָט זי זיך אונטערגעגאַנגוועט הינטערן שטאַל און איז פאַרקילט געוואָרן — ס'איז דאָרטן קיינער ניט געווען. דאָס שפּייכלערל איז געווען ליידיק. איז עס מעגלעך, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ כאָלעמדיקע זעונג, געבוירן פון אַנגסט און ליידן? ניין, ס'קאָן ניט זיין, עס קאָן ניט זיין...

— וואו ביסטו? — האָט זי געפרעגט מיט אַ פאָרזיכטיקן שעפּ־טשענדיקן קאָל.

די שטרוי אין שפּייכלער האָט זיך אַ ריר געטאָן. פעאָדאָסיאַ האָט אויפגעלויכטן. נו, געווים איז ער דאָ. און ניט איינער. זיי זיינען זאַלבע־דריט, זאַלבעדריט, האָט זי זיך דערפרייט, ווען זי האָט באַמערקט נאָך צוויי פיגורן. זיי האָבן זיך צוגעזעצט אַף די שפּיץ פינגער באַם אַריינגאַנג צום שטאַלעכל. פעאָדאָסיאַ האָט זיך צוגעזעצט צו זיי.

— און מיר וואַרטן און וואַרטן! טעג און נעכט קוקן מיר אַרויס אַף אייך. — האָט זי געשעפּטשעט און געגלעט דעם אַרבל פון שינעל. — אַך, זיך דערוואַרט, זיך דערוואַרט...

— נו, גענוג, גענוג, מוטער, גענוג. מען דאַרף זיך דורכריידן.

— נו, גוט, ריידן איז ריידן... און עסן ווילט איר ניט? — האָט זי זיך פּלוצים געכאַפּט.

די רויט־אַרמייער האָבן זיך צעלאַכט.

— ניין, ס'ווילט זיך ניט. מיר זיינען ניט געקומען אַהער עסן.

— איז, פרעגט.

— דו ביסט פון אָט דעם דאָרף?

— געוויס פון דעם, פון וואַנען דען? — האָט זיך פעאָדאָסיא פאַרכידעשט. — פון דעם. דאָ געבוירן געוואָרן, דאָ געוואוינט...

— מיר ווילן אויסגעפינען וואָס און ווי אַזוי... וואו האָבן זיך די דייטשן איינגעאָרדנט? וואָס האָבן זיי דאָ און וואו?

זי האָט מיט געבעט צונויפגעלייגט די הענט:

— ווען אונדזערע גיין אַפן דאָרף?

— זיי וועלן גיין, זיי וועלן גיין... אָבער צוערשט דאַרף מען אַלץ אויסגעפינען...

— באַלד... — זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אַף די קני.

— דאָס דאָרף איז בא אונדז אַ גרויס, דריי הונדערט שטיבער. דאָ זיינען פאַראַן צוויי שליאַכן, קרייץ אַף קרייץ. באַם איבערקרייץ איז דאָס דאָרף־פּלאַץ, דאָרט איז פריער געווען אַ קירך, איצט איז געבליבן בלויז אַ כורווע.

— וואַרט־צו, מוטער.

זיי האָבן אַרויסגענומען אַ לאַנד־קאַרטע און זיך איינגעבויגן איבער איר, צודעקנדיק זי מיט די שינעלן. ס'האָט אַ בליאַסק געטאָן דאָס ליכט פון אַן עלעקטרישן לאַמטערן.

— יאָ... ריכטיק. אַן איבערקרייץ, אינמיטן דאָס דאָרף־פּלאַץ.

— אַפן פּלאַץ, בא דער קירך, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט האַרמאַטן.

— אַסאַך האַרמאַטן?

פעאָדאָסיא האָט זיך פאַרטראַכט:

— ווארט... איינער, צוויי, דריי, פיר... יאָ, פיר! קירך רעכטס איז א גרויס הויז. פריער איז דאָס געווען דער דאָרף־סאָוועט, איצט איז דאָרט זייער שטאב... און א טורמע, פינף מאשקאָנעס זיצן דאָרט.

— וואו נאָך זיינען די דייטשן?

— נעענטער צום פּלאַץ, דאָרט, דאָרט, מען קאָן זאָגן — אין יעדן הויז. דאָ באַם עק, וואו מיין כאטע שטייט, איז פאַראַן זויניקער, נאָר דאָ זיינען זיי אויך דאָ. און נאָך הארמאטן, גלייך ווי מען גייט פון דאָרף, נאָר דאָרט זיינען אנדערע, קלענערע.

— זעניטקעס, עפשער?

— עפשער זעניטקעס, ווער ווייסט זיי... פאַריסן ארויף־צו, דינענקע אזוינע...

— אזוי, אזוי. קיין קוילנוואַרפער האָסטו ניט געזען?

— געוויס, פאַראַן קוילנוואַרפער... אַלץ פון יענעם עק, פון דאַנען גיין גלייך און דערנאָך לינקס. דאָרט אין די הייזער, אין די ווענט זיינען אויסגעהאַקטע לעכער, און אין יעדער לאָך א קוילנוואַרפער.

איינגעבויגן איבער דער לאַנד־קאַרטע, האָט דער רויטאַרמייער אָף איר געמאַכט צייכנס מיט א בלייפעדער.

— פון יענע הייזער האָבן זיי אַרויסגעטריבן די מענטשן, און אַליין באַלעבאַטעווען זיי. ווארט, וויפל־זשע הייזער איז דאָס? איינע, דריי... פינף כאַטעס... און נאָך אין איינער, גלייך ווי מען גייט פון דאַנען צום דאָרף־פּלאַץ.

— אסאַך דייטשן?

— שווער צו טרעפן... זיי גייען, זיי קומען. בלויז אָט דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט און זיצט. מען זאָגט, בא צוויי הונדערט מאַן...

— אסאַך וועכטער?

— ע, זיי שלעפן זיך אַרום, אָט אזוי ווי בא מיין כאַטע. באַנאַכט האָבן זיי מוירע, גייען ניט ווייט, און אַלץ צו צוויי. באַטאָג זיינען זיי דרייסטער, אָבער באַנאַכט האָבן זיי מוירע, כאָטש ס'איז דאָ א באַפעל, אז ווי נאָר עס ווערט פינצטער, זאָל קיינער פון די איינוואוינער זיך ניט

דערוועגן ארויסצוגיין פון הויז. ווי נאָר זיי דערזען עמעצן, פרעגן זיי ניט, נאָר זיי שיסן באַלד...

— פאַראַן עפּעס בריקלעך אפן שליאַך?

— בריקלעך? ניין... אַ שליאַך ווי אַלע שליאַכן.

— קיין וועלדער זיינען ניטאָ?

— קיין וועלדער האָבן מיר ניט. בלויז אין די סעדער זיינען דאָ ביימער, און אויך די האָבן די אויסוואורפן קימאַט אַלע אויסגעהאַקט אַף באַהייצונג. זיי האָבן ליב ס׳זאָל זיי זיין וואַרעם. פון יענער זייט דאַרף פלאַץ באַם שליאַך זיינען דאָ עטלעכע ליפּע ביימער. און קיין וואַלד איז אין ערגעץ ניטאָ, און ווייט אַרום איז די ערד פלאַך און נאַקעט. אין טאָל וואַקסן קוסטעס און מער גאָרניט. מיט האָלץ איז באַ אונדז אַ צאָרע, מיר הייצן מיט קיזעקעס.

זי האָט זיך אומרואיק אַרומגעקוקט.

— וואָס איז דאָרט?

— לאָמיר אַ קוק טאָן צי דעם וועכטער איז ניט איינגעפאַלן אַריינ־צוגיין אין הויף.

זי איז שטיל אַרויס און האָט זיך איינגעהערט. דער ווינט האָט אומעטיק געקרעכצט, זיך געצאַפּלט אין טאָל, געשאָרכט אין דער שטרוי אפן דאַך. ווען ער האָט זיך אַף אַ ווייל איינגעשטילט, האָבן זיך געהערט די שווערע געמאָסטענע טריט פון דעם וועכטער פון יענער זייט הויז, וואָס סקריפּען פון שניי אונטער זיינע שטיוול.

פעאָדאָסיאַ איז צוריקגעקומען.

— גאָרניט, ער שפּאַנט אַליין...

די רויטאַרמייער האָבן צונויפגעלייגט די קאַרטע.

— נו, מען דאַרף גיין, אַ דאַנק, מוטער.

— וואָס דאַרפט איר מיר דאַנקען? מיין וואַסיאַ איז דאָך אויך אין דער רויטער אַרמיי. אַט־דאָ אונטערן דאַרף האָבן זיי אים דערהאַרגעט.

דער עלעקטרישער לאַמטערן האָט זיך אויסגעלאָשן.

— איז ווען זאָלן מיר אייך דערוואַרטן?

— דאָס וועלן מיר זען... ווי דער קאָמאַנדיר וועט באַשליסן, ווי ס׳וועט זיך איינגעבן.

— פאַרוואָס זאָל זיך ניט איינגעבן? איר אײַלט זיך נאָר צו, שוין צייט... אַ גאַנצן כּוידעש אַז מיר וואַרטן, די אויגן אַרויסגעקוקט...

— ס׳גייט ניט צו אַזוי גרינג, מוטער.

— איך ווייס, אַז ס׳איז ניט גרינג, נאָר אונדז איז דאָך אויך ניט גרינג... איז, זעט, קינדער, נעמט זיך ווי עס באַדאַרף צו זײַן...

פּלוצים האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט.

— וואַרט, פאַראַן נאָך עפּעס...

— וואָס אַזוינס?

— באַ מיר אין הויז וואוינט זייער גלאַוונער, אַ מין קאָמאַנדיר... און קיינער איז ניטאָ, בלויז דער וועכטער פאַרן הויז. ער שלאָפט דאָרט ווי אַ געהאַרגעטער, מיט זײַן נעקייווע. דעם וועכטער קאָן מען דערהאַרגענען, און אַז ניט, קאָן איך אײַך שטילינקערהייט אַרײַנלאָזן אין הויז דורכן בוידעם. וועט איר אים פּאַקן ווי אַ הון.

באַם יונגערן פון די רויטאַרמייער האָבן די אויגן אַ בליאַסק געטאָן.

— אַ־נו, יאַטן...

— דו וואַרט צו. מען דאַרף עס באַקלערן.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו קלערן? אַרויסשלעפּן אים, דעם אויסוואָרף, פאַרן קאָלנער און דאָס אַלץ!

— ריכטיק... אָבער גרינגער פון אַלץ איז צו באַגיין אַ נאַרישקייט! נו, וועסט אים פאַרטיק מאַכן, און ווײַטער? אינדערפרי וועט ווערן אַ מורמל, מ׳וועט לאָזן וויסן אין שטאַב, און עס וועלן אַהער קומען אַזוי פיל פון זייערע, אַז מ׳עט זיך ניט ספּראַווען...

— טאַקע ריכטיק...

— אַ פיינע אויסשפּירונג וואָלט זיך באַקומען! איצט זיצן זיי זיך רואיק, ווי באַם טאַטן אין ווייַנגאָרטן. זעסט דאָך אַליין, בלויז איין וועכטער היט דעם קאַפּיטאַן, און אַז דו וועסט זיי איבערשרעקן, וועסטו אַלץ קאַליע מאַכן.

— אָ, ס׳וואָלט זיך געוואָלט ברענגען צו שלעפּן דעם פּריץ...

— וואַרט, אַן אַנדערש מאָל, און איצט שטילינקערהייט אַהיים!

— וואו האָט איר דען אַ היים? — האָט זיך פּעאָדאָסיאַ פאַרינ־טערעסירט.

— דאָס איז בײַ אונדז אַ ווערטל אַזאַ, מוטער. אונדזערע היימען זײַנען ווײַט, און אין דער מילכאָמע איז די היים — דער אייגענער אָפּטייל. דו זאָג אונדז בעסער ווי אַזוי דורכצוגיין. אַהער גייענדיק זײַנען מיר שיִער ניט דערטרונקען געוואָרן אין שניי.

— איך וועל אײַך ווײַזן. אַהער גלײַך אין טאָל און מיטן טײַכל, מיטן טײַכל. נאָר דאָרט ליגן אונדזערע ניט קיין באַגראָבענע, איז זײַט פאָרזיכטיק... און פון דאָרטן וועט איך דאָס טײַכל אַרויספירן אַפן פלאַכן לאַנד. דאָרט זײַנען די דערפער אָבאָבאַ און זעלענצי. נאָר דאָרט זײַנען אויך דאָ דײַטשן.

— דאָס ווייסן מיר. די הויפּט זאַך איז, אַז מיר זאָלן זיך דאָ אַף קיינעם ניט אָנשטויסן.

— און איר גייט שטיל. בלויז דאָ בײַ מײַן כאַטע איז דאָ אַ וועכטער און ווײַטער איז קיינער ניטאָ. גייט שטיל, ווען דער ווינט וועט אויפהערן, שטעלט זיך אָפּ, אַניט וועט דער שניי סקריפּען און פריץ וועט דערהערן.

דריי איינגעבויגענע שאָטנס זײַנען איר נאָכגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט באַלד ווי זי איז געבליבן שטיין.

— אָט־דאָ איז דער טאָל, לאָזט זיך גלײַך אַרונטער, אָבער פאָרזיכטיק, עס איז דאָ גליטשיק.

— אַף ווידערזען, מוטער, אַ דאַנק פאַר אַלץ. ביסט אַ וואוילע.

— זײַט געזונט, קינדערלעך. נאָר אײַלט זיך אונטער, אײַלט זיך אונטער...

— מירן זיך סטאַרען! און דו גיי אַהיים, ס'איז קאַלט!

— נישקאָשע, איך בין צוגעוואוינט.

פעאָדאָסיאַ איז געשטאַנען בײַם ראַנד פון טאָל און האָט אַרונטער־געקוקט. זיי האָבן זיך שנעל באַוועגט איבער דער סטעזשקע, זייערע סילועטן אין די ווײַסע מאַנטלען זײַנען געוואָרן אַלץ שווערער צו אונטער־שיידן פון שניי. ענדלעך האָבן זיי זיך אינגאַנצן אויפגעלייזט אין דער

טונקלקייט, פארשוואונדן אין דער נאַכט, אין דער זאַווערוכע, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער ערד. פאַרשוואונדן, גלייך ווי זיי זיינען דאָ קיינמאָל ניט געווען. פעאָדאָסיאַ איז אוועק אהיים, גייענדיק פאַמעלעך, טראָט נאָך טראָט. אי ריהאָט זיך געראַכט, אַז זי האָט זיך אַף אַ מינוט ארויסגעריסן פון טורמע, האָט אַף אַ מינוט אָפּגעאָטעמט פריי און איצט קערט זי זיך אום פריווויליק צוריק אַף דער קייט. מיט האַס האָט זי געקוקט אַף די טונקעלע פאָרמען פון איר כאַטע, וואו דער דייטש איז געשלאָפן מיט זיין ליובאָווניצע און וואו זי מוז איצט אריין און הערן זיין פאַרהאַסטן כראָפּען.

יאָ, ער האָט נאָך אַלץ געכראָפּעט, געפייפט מיטן נאָז. זיין נעקייווע האָט עפּעס געמורמלט פון שלאָף. פעאָדאָסיאַ האָט אַ שמייכל געטאָן מיט נעקאָמעדיקער פרייד: באַלד וועט קומען אייער סאָף. אָט וועלן קומען די רויטאַרמייער, וועלן אריין גלייך אין שטוב און דיך אַראָפּשלעפּן פון דער פּערינע.

וועט זי, פעאָדאָסיאַ, דערהערן, ווען יענע וועלן זיך אונטערגאַנווענען, אָדער זי וועט זיך אויפכאַפּן ערשט ווען זיי וועלן אריין אין כאַטע? אָבער ניין, זי האָט געוואוסט אַף זיכער, אַז זי וועט ניט איינשלאָפן, אַז זי וועט שוין ניט שלאָפן ביז זיי וועלן קומען, ביז דאָס דאָרף וועט באַפרייט ווערן.

דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די שטיוול פון דעם וועכטער, און ווערנער האָט אונטערגעפייפט מיטן נאָז. אַלץ איז געווען אַזוי ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן. און דאָך איז אַלץ געווען אַנדערש. צום ערשטן מאָל זינט וואַסיאַ איז אומגעקומען, האָט זי דערפילט אַ פרייד אין הארצן. די דאָזיקע פרייד האָט געפלאַקערט, געלויכטן, געוואַרעמט, זיך אויפגעהויבן ווי אַ הויכער פלאַם. פעאָדאָסיאַ האָט מיט די ענגט פאַר־שטיקט דאָס מויל, קעדיי ניט אויסצושרייען אַף אַ קאָל פאַר גרויס גליק. און געוואוסט וועגן דעם האָט נאָר זי אַליין, מער קיינער ניט, מער קיינער ניט אין גאַנצן דאָרף. זי אַליין האָט געוואוסט, אַז איצט קאָן מען שוין וואַרטן גאָר אַנדערש ווי מ׳האָט געוואַרט פריער, — מיט פעסטן גלויבן, נאָר אָן אַ באַשטימטן טאָג. איצט קאָן זי שוין אויסרעכענען ווען דאָס

וועט געשען. היינט, מאָרגן, איבערמאָרגן? וויפל דאַרפן יענע דריי גיין, קעדיי צו ברענגען זייער אַפּטייל? און וויפל צייט דאַרף זייער אַפּטייל האָבן, קעדיי צוצוקומען צום דאָרף? אַ טאָג, צוויי, דריי? זי האָט גע־וואוסט, זי האָט געפילט, אַז דאָס קאָן ניט דויערן לענגער ווי דריי טעג. עס קאָן ניט געשען אַזאַ גרויזאַמע, אַזאַ נאַרישע זאַך, אַז די פינף מאַש־קאָנעס, וואָס זיצן אין דער קאָמענדאַטור, זאָלן אומקומען. אין דריי טעג וועט אַ פינצטערער אָפּגרונט זיך עפענען פאַר די דייטשן. די דייטשן וועלן אַ קוק טאָן אויף די אומדערבאַרעמדיקע פּנעמער פון די רויט־אַרמייער, וועלן אַ קוק טאָן אין די אויגן דעם אומפאַרמיידלעכן טויט.

אין דאָרף זיינען דאָ דריי הונדערט כאַטעס, אין יעדער כאַטע, כוץ די, פון וואַנען די דייטשן האָבן אַרויסגעטריבן די איינוואוינער אַפן שניי, מוטשען זיך מענטשן, וואַרטן, וויינען, טרייסטן זיך מיט דער פעסטער האָפענונג, מיט צוזיבערדיקע ווערטער, וואָס גיבן קויעך: אונדזערע וועלן קומען. און בלויז זי, די איין און איינציקע אין גאַנצן דאָרף, ווייסט אַף זיכער, אַז ניט נאָר וועלן זיי קומען — אין דעם האָט זי קיינמאָל ניט געצווייפלט — נאָר אַז זיי גייען שוין... זי האָט געוואוסט, אַז פאַר דער דייטשישער באַנדע איז שוין אונטערגעשריבן דער אומדערבאַרעמדיקער אורטייל. אָלענאַ האָט זיך ניט דעוואַרט, אָבער יענע פינף אין דער קאָמענ־דאַטור וועלן זיך דערוואַרטן. עס קאָן ניט זיין, אַז זיי זאָלן זיך ניט דערוואַרטן.

דער סטאַראָסטע האָט זיך יענע נאַכט פאַרזעסן שפּעט אין דער קאָמענדאַטור. ער האָט געהאַלטן אין אויסכעזשבענען, לויט די ביכער פון קאָלכאָז, וויפל טוואָוע עס דאַרף צושטעלן יעדע שטוב. אים האָט געהאָלפן דער פעלדפעבל, אַ בוכהאַלטער לויט זיין פּראָפעסיע. גאַפּליק האָט געשוויצט, האָט אַלע ווײַלע געהאַט אַ טאָעס אין דעם צונויפרעכענען. דער לאָמפּ האָט געראויכערט. סאָלדאַטן מיט פאַרשלאָפענע אויגן האָבן געקוקט אַף די צוויי באַם טיש. דער סטאַראָסטע האָט געכעשבנט, צונויפ־

געלייגט, ארונטערגענומען, געקייפלט, האט זיך אלע מאל טויע געוועז און דערמיט ארויסגערופן דעם פעלדפעבלס בייזע באמערקונגען.

דער סטאראסטע האט זיך געפרואווט קאנצענטרירן, נאר ס'האט זיך אים ניט איינגעגעבן. ער האט זיך ניט געקאנט שיידן מיט דעם געדאנק, אז די אלע ציפערן און כעשבוינעס קאנען זיך ארויסווייזן פאר איבעריק. גיכער פון אלץ וועט דאס טאקע אזוי זיין. אף א פאפירל איז גרינג אנצושרייבן, און דורכלייענען איז אויך גרינג. אפילע איבערגעבן יעדן איינעם א פינקטלעכע רעכענונג פון דעם וואס עס קומט פון אים דער דייטשישער מאכט, איז אויך ניט שווער. נאר דאס איז דאך ניט גענוג. די פאפירלעך וועלן ניט צופרידנשטעלן דעם קאפיטאן און דעם שטאב, וואס פאדערטווירקלעכע ליפערונגען. כאטש די פאפירלעך דארף מען אויך האבן טוואוע, און גאפליק האט שטארק געצווייפלט צי ווער ניט איז וועט האבן כיישעק צו געבן די דייטשן טוואוע. און ענטפערן וועט, סאף קאל סאף, מוזן ער אליין. דער קאפיטאן האט זייער קלאר געסטראשעט, און דער סטאראסטע האט געוואוסט, אז דער דייטש קאן צו יעהער צייט פארווירקלעכן זיינע סטראשונקעס.

גאפליקס איינפאל מיט די מאשקאנעס האט דערווייל אויך ניט געבראכט קיין שום רעזולטאטן. די מענטשן זיינען געזעסן פארשפארט און אין דער קאמענדאטור איז קיינער ניט געקומען, קיינער האט ניט געבראכט קיין שום יעדיעס וועגן דעם קליינעם פארברעכער. אויך דערפאר וועט ער מוזן ענטפערן. דער קאפיטאן מוז געפינען דעם שולדיקן, ער מוז האבן א שולדיקן, קעדיי צו באווייזן דעם שטאב, אז ער איז טיכטיק. און דער שולדיקער וועט, פארשטייט זיך, בלייבן דער סטאראסטע.

— וואס פארשרייבט איר דארטן? — האט דער פעלדפעבל אנגעשריען אף אים. — ווידער פארפלאנטערט דעם גאנצן קאלום, וויהער מוז מען אנהויבן פון אנהויב. וועגן וואס, אייגנטלעך, טראכט איר?

גאפליק האט כניפעדיק א שמייכל געטאן. וועגן וואס ער טראכט... ניין, דאס קאן ער דעם פעלדפעבל ניט זאגן. ער האט זיך נאך נידעריקער איינגעבויגן איבערן פאפיר, נאך פלייסיקער גענומען סקריפען מיט דער פען.

ענדלעך זיינען די אויסרעכענונגען געווען פאַרענדיקט. פון יענער זייט פענצטער איז געשטאַנען אַ שוואַרצע נאַכט. דער ווינט האָט געיאָמערט. דער סטאַראָסטע האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך פאַרשפּילען זיין פּעלצל.

— עמעצער וואָלט מיך באַדאַרפט אָפּפירן אַהיים, — האָט ער ענדלעך געזאָגט. דאָרט, לעבן זיין הויז, איז געשטאַנען אַ וועכטער, נאָר קעדיי צוצוקומען אונטער דער זיכערער שוץ פון זיין ביקס, דאַרף ער אין אָט־דער שוואַרצער זאַווערוכעדיקער נאַכט דורכגיין אַ היפּשע שטרעקע איבערן דאָרף. דער פעלדפעבל האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— וואָס־זשע, אַליין וועט איר ניט טרעפן אַהיים? איך קאָן דאָך ניט שיקן קיין סאָלדאַט אָן דעם קאַפּיטאַנס פאַראָרדענונג.

— און איר? — האָט גאַפּליק פאַרגעשלאָגן אומגעוואָגט.

— וואָס, אין הער עמעסן, טראַכט איר זיך? דאָ קאָן מען יעדער מינוט אָנקלינגען פון שטאַב, און איך זאָל וואַרפן דעם פּאָסטן און אייך פירן ווי אַ ניאַנקע! און וואָס האָט איר מוירע? באַנאַכט וואָגט דאָ קיינער ניט אַרויסצושטעקן די נאָז פון טיר.

דער סטאַראָסטע איז שטיל געוואָרן און האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון צימער. אַפן שוועל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. נאָכן ליכטיקן צימער האָט די נאַכטיקע פינצטערניש אויסגעזען געדיכט ווי דזשעגאַכץ, מאַמעש מיט די הענט אָנצוטאַפּן. ער איז געבליבן שטיין אַ ווייל, און ערשט דעמאָלט האָבן די אויגן זיך צוגעוואוינט צו דער פינצטערניש און דער־בליקט די קאָנטורן פון די ביימער אַף דער צווייטער זייט גאַס, פון די דעכער און דעם וועג. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָלנער פון פּעלצל און זיך געלאָזט גיין. געווים, מיט אים באַגייט מען זיך ווי מיטן לעצטן הונט, האָט ער ביטער געטראַכט. יעדער איינער האָט אַ רעכט צו שרייען אַף אים, יעדער קאָן אַף אים אויסגיסן זיין קאַס אָדער שלעכטע שטימונג. דער קאַפּיטאַן, דער פעלדפעבל, אַ ליאַדע סאָלדאַט האַלט זיך העכער פון אים, און ער דאַרף אַרבעטן ווי אַ פערד און קעסיידער איינשטעלן דאָס לעבן. ער האָט זיך מיט שרעק אַרומגעקוקט אַף די זייטן.

אַ באַפעל, ווי אַ באַפעל, נאָר אין אָט־דעם פאַרשאָלטענעם דאָרף קאָן אַלץ פּאַסירן. דער פעלדפעבל אַליין האָט מוירע אַרויסצוגיין. דער

טעלעפאָן איז בלויז א טערעץ, דער פעלדפעבל האָט מוירע, גאַנץ פּאַשעט. און אים, גאַפּליקן, האָט ער אַרויסגעטריבן אין אָט דער פינצטערער נאַכט, וואו אַף יעדן טראָט טשאַטעוועט אַף אים א געפאַר.

ער האָט געפּרואווט שפּאַנען שטיל, זיך דורכגליטשן אָן א קלאַנג דורכן דאָרף, אָבער דער שניי האָט געסקריפּעט און געגרילצט אונטער די פּיס און דער ווינט האָט, ווי אַף צו לעהאַכעס, אַלע ווײַלע זיך אײַנגעשטילט און זײַנע טריט הערט מען אַוואַדע איבערן גאַנצן דאָרף. פּלוצעם האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַפן קער פון וועג שטייעט עמעצער. אין טויט־שרעק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. דער שאָטן האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן. גאַפּליק האָט א פאַרציטערטער געוואַרט וואָס ס׳וועט זײַן.

באַ אים האָט א בליץ געטאָן א געדאַנק, אַז ער זאָל פאַרקירעווען אַף צוריק און איבערנעכטיקן אין קאָמענדאַטור. נו, אין ערגסטן פאַל וועט ער דאָרטן אָפּזיצן אַף א שטול ביז אינדערפרי. נאָר ער האָט מוירע געהאַט זיך אויסצודרייען צום שאָטן מיטן רוקן, יענער קאָן זיך א וואָרף טאָן און...

מיט דער אַנטשלאָסנקייט פון פאַרצווייפלונג האָט ער זיך געלאָזט גיין ווייטער. און דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז א קוסט באַם וועג. ווי האָט ער דאָס געקענט פאַרגעסן אָן דעם קוסט! וויפל מאָל איז ער דאָ פאַרבײַגעגאַנגען באַטאָג!

נאָר דאָ האָט זיך גאַפּליק אויסגעגליטשט, און שוין דעם זעלביקן אויגנבליק האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס קומט פּאָר עפּעס שרעקלעכס. ער האָט ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, עפּעס האָט אים בלינד געמאַכט די אויגן, פאַרשטאָפּט דאָס מויל, פאַרבונדן דעם קאָפּ. ער האָט געוואָלט א געשריי טאָן, נאָר א שטאַרקער קלאַפּ האָט אים אַנידערגעוואָרפן צו דער ערד. גאַפּליק האָט דערפילט, אַז עמעצנס הענט הייבן אים אויף, טראָגן אים, און ער וויגט זיך אין דער לופטן. ס׳האָט געסקריפּעט דער שניי, ס׳האָט זיך געהערט עמעצנס שווערער אָטעם. דערנאָך האָט א סקריפּע געטאָן א טיר. מ׳האָט אים גראָב א וואָרף געטאָן אַפן דיל, ער האָט דערפילט, אַז הענט האָבן זיך צוגערירט צו אים, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען בינדט אים. ענדלעך איז די שמאַטע, וואָס האָט

אַרומגעוויקלט זיין קאָפּ, אַראָפּגעפאַלן. ער האָט אָנגעהויבן פּינטלען מיט די אויגן. אַ לעמפּל האָט שוואַך באַלויכטן די כאַטע און די מענטשן, וואָס זיינען דאָרטן געווען. ער האָט דערקענט דעם קרומען אַלעקסאַנדער, דערקענט דעם טונקעלן פּאָנעם פון פּראַסיאַ גראַכאַטש. אַלץ אין אים איז פּאַרציטערט געוואָרן, דער ליסער קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען, און ער האָט בעשום אויפן ניט געקאָנט קאָנטראָלירן אָט־די צאַפּלעניש.

— זעץ זיך, אַלעקסאַנדער, — האָט באַפוילן אַ נידעריק געוואַקסענע באַבאַ, אינגאַנצן אין קניטשן. גאַפּליק האָט זי ניט דערקענט. — ביסט אַ גראַמאָטנער, מען דאַרף אַלץ פאַרשרייבן, אַז ס׳זאָל זיין ווי געהעריק, אין אָרדענונג.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש. אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, האָט ער מיט שוידער געקוקט אַף זיי. איבער די פּענעמער האָבן געשפּילט שאָטנס, פון אונטן איז אַף זיי געפאַלן אַ רויטלעך ליכט פון דעם רויכע־רנדיקן לעמפּל.

— און דו שטיי אויף, אַז דו געפינסט זיך פאַר די ריכטער, — האָט געזאָגט די קערנדיקע באַבאַ און ענערגיש אויסגעשנייצט די נאָז אַפן דיל.

ער האָט זיך מיט מאַטערניש אויפגעהויבן.

— אָט־דאָ שטיי, מיעסקייט! נו, וואָס דרייסטו זיך? שטיי ווי אַ מענטש!

— פאָדערסט פון אים צופיל, טערפּעליכע, — האָט פּראַסיאַ באַמערקט.

טערפּעליכע האָט ניט פאַרשטאַנען.

— ער דאַרף שטיין ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַ געריכט איז אַ געריכט. מ׳וואָלט באַדאַרפט געווען מאַכן אַ סאָף צו אים נאָך דאָרט, אַפן שליאַך. אָבער מיר — ניין! מיר מישפּעטן אים ווי ס׳געהער צו זיין. נו, דאַרף ער זיך אויך פירן ווי ס׳געהער צו זיין.

גאַפּליקן איז קאַלט געוואָרן פאַר שרעק. אָט שטייט ער אין אַ כאַטע, וועגן וועלכער ער האָט פריער ניט געוואוסט און וועלכע געפינט זיך באַ דער זייט פון דער דייטשישער קאָמענדאַטור, אין דאָרף, וואָס איז שוין

א כוידעש צייט אָקופּירט פון די דייטשן. ער שטייט מיט פאַרבונדענע הענט, און באַם טיש זיבן באַבאַס און אַ קרומער קאַניוך, אַ פּויער, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אַף פערד. זיי דערקלערן זיך פאַר ריכטער און וועלן אים מישפּעטן, — אים, דעם סטאַראָסטע, באַשטימט פון דער דייטשישער מאַכט. און דאָס איז ניט קיין שרעקלעכער כאָלעם, ס׳איז די וואָר.

— נו, דיין פאַמיליע, דו אויסוואורף איינער, דו פּראָכוואָסט, — האָט טרעפּליכע געפרעגט.

גאַפּליק האָט געוואָלט ענטפערן, נאָר די שטים איז אָפּגעשטאָרבן באַ אים אין האַלדז און ער האָט אַ מאָדנעם פּיסטשע געטאָן.

— וואָס האָסטו געפּיסטשעט? מאַכסט זיך פאַר אַן אומשולדיק קינד וואָס? גיט נאָר אַ קוק אַף אים! דו פּראָווע ניט קיין פּוילע שטיק, רייד! מיר האָבן טאַקע צייט זיך צו ניאַנטשען מיט יעדן שטיק טינעף! און דו, אַלעקסאַנדער, פאַרשרייב, אַלץ פאַרשרייב! נו, וואָס איז דיין פאַמיליע?

— איר ווייסט דאָס, — האָט ער פּינצטער אַ מורמל געטאָן.

— און איך פרעג דיך ניט. פּאַסקודנע באַשעפעניש וואָס דו ביסט, צי איך וויים יאָ אָדער איך וויים ניט! אַ געריכט איז אַ געריכט. און אויב איך פרעג, באַדאַרפסטו ענטפערן! דיין פאַמיליע?

— גאַפּליק, פּיאָטער.

— הער נאָר, הער, פּיאָטער! מיין טאַטע האָט געהייסן פּיאָטער. געפונען וועמען צו געבן אַ מענטשלעכן נאָמען!

— וואַרט נאָר, מומע גאַרפּינע, מען דאַרף דאָך אַלץ פאַרשרייבן...

— און דו, שרייב, שרייב. אַלץ פאַרשרייב, ווי ס׳געהער צו זיין... ווי גייט דאָס ווייטער?... אהאַ! ווי אַלט ביסטו?

— אַכט און פערציק יאָר.

— אַכט און פערציק... און ווי האָט דאָס די ערד גאַנצע אַכט און פערציק יאָר געטראָגן אַזאַ מיעסקייט... שרייב, שרייב, אַלעקסאַנדער.

— שוין לאַנג פאַרשריבן. פרעג ווייטער.

— אהאַ... וואָס נאָך דאַרטן? יאָ... אַ סטאַראָסטע, אַ?

— אַ סטאַראָסטע, — האָט ער באַשטעטיקט מיט אַ פינצטערן טאָן.

— א סטאראסטע. זע נאר וואס אים האט זיך פארוואלט... און פריער וואס ביסטו געווען?

ער האט געשוויגן און געקוקט אף דער ערד.

— וואס־זשע שווייגסטו, שעמסט זיך אויסצוזאגן, וואס? אוודע נאך עפעס ערגערס ווי א סטאראסטע?

ער האט ניט געענטפערט, קוקנדיק אקשאנעסדיק אף די שפיצן פון זיינע שטיוול.

— עי, דו! אז כ'וועל דיר דערלאנגען איבערן אויער, וועסטו בא מיר ריידן. נו ענטפער!

— ווארט, גארפינע, איך וועל אים אויספרעגן, — האט זיך אלעקסאנדער אריינגעמישט.

זי האט שוין געעפנט דאס מויל קעדיי אים צו דערווידערן, נאר זי האט זיך איבערגעלייגט און א מאך געטאן מיט דער האנט.

— גוט, פרעג, לאמיר זען ווי בא דיר וועט דאס ארויסקומען.

דער קאניוך האט אויפמערקזאם באטראכט דעם סטאראסטע. דערנאך האט ער מיט א שטילן, רואיקן קאל געפרעגט:

— אין אונדזער טורמע געזעסן?

דער סטאראסטע האט ניט אראפגענומען די אויגן פון זיינע שטיוול.

— לאנג געזעסן?

— לאנג...

— נו, און וויפל אומגעפער?

יענער האט געשוויגן.

— פון וואנען שטאמסטו, פון פויערים, ארבעטער, צי פריצים?

— פון פויערים...

— אהא, א קולאק?

— הייסט עס, א קולאק! — האט טערפליכע דערקלערט מיט טריומף.

— זע נאר ווי אים האט זיך נאך אמאל פארוואלט טרינקען פויעריש בלוט!

— ווארט צו גארפינע...

— וואס האב איך צו ווארטן? איז דא א געריכט אדער ניט? איך

האָב פונקט אַזאַ רעכט ווי דו! און עפשער נאָך מער! ווער האָט די גאַנצע צייט געזאָגט, אַז ס'וועט זיך ניט איינגעבן? און אָט האָט זיך איינגעגעבן: ריכטיק, ריכטיק. אָבער וואַרט, איך האָב נאָך געוואָלט פרעגן...

— נו, מיר אַרט ניט, פרעג.

— אַזוי, הייסט עס, אַ קולאַק... נו און ווען ביסטו פון טורמע אַנטלאָפן?

— ווי נאָר די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן.

— אַזוי? זיך געלאָזט אַהיים, וואָס?

— יאָ.

— און וואו איז דאָס?

— אונטער ראָסטאָוו...

— און דאָרט טאַקע האָט מען דיך ווערבירט?

— דאָרט.

— וואַרט נאָר, אַלעקסאַנדער, מען דאַרף נאָך פרעגן פאַרוואָס ער איז געזעסן אין טורמע.

—וועסט זאָגן פאַרוואָס דו ביסט געזעסן?

יענער האָט געשוויגן.

— דו ביסט דאָך נאָך געזעסן איידער מ'האָט אָפּגעשאַפט די קולאַקעס?

— יאָ.

— אַזוי, הייסט עס. באַ פעטליורען געווען? — האָט אים אַלעקסאַנ־דער אומדערוואַרט פריטשמעליעט.

— געווען...

טערפּעליבע האָט אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט.

— הערט נאָר, הערט!...

— אַלץ איז קלאָר, — האָט אַלעקסאַנדער אָנגעהויבן. — אַ קולאַק, אַ באַנדיט, אַ פעטליוראָווע. פון סאַמע אָנהויב געווען קעגן דער סאָוועטן־מאַכט, אַ?

— פון סאַמע אָנהויב, — האָט גאַפּליק שטיל באַשטעטיקט.

— און ענדלעך ביסטו אַוועק דינען באַ די דייטשן...

טערפעליכע איז ארויסגעשפרונגען פון הינטערן טיש.

— איבער אים האט מען לעוואַניוקן אויפגעהאָנגען! איבער אים זיצן פינף מענטשן אין דער קאָמענדאטור, וואַרטן אף זייער טויט. ער איז געגאַנגען מיט די דייטשן, ארויסגעשלעפט די קי פון שטאל פאר א שטריקל, בא מיר די לעצטע אוועקגעפירט, און די קינדער זאָלן פון הונגער אויסגיין! בא די קאָלאָסיוקעס, בא די מיגאָרס, בא די קאָטשורס די לעצטע בעהיימע אוועקגענומען!

— בא די ליסים אויך און בא די סמאָליאַטשענקאָס, — האָט פראָסיא צוגעגעבן.

—צוזאמען מיט די דייטשן באראַבעוועט דאָס דאָרף!

— וואָס איז דאָ דאָ אסאַך צו ריידן, אלץ איז קלאָר!

— שטיל זאָל זיין, באבאס, — האָט זיך אריינגעמישט טערפעליכע, וועלכע האָט געטומלט מער פון אלעמען. — א געריכט איז א געריכט, מען דאַרף אלץ ארומריידן.

— וואָס איז נאָך דאָ צו ריידן? מיר ווייסן דאָך שוין וואָס און ווי אזוי. מיר זעען יעדן טאָג ווי איבער אים קומען אום מענטשן, יעדן טאָג גיסט זיך בלוט און טרערן...

— נו, און וואָס פאר א פאָרשלאָגן זיינען דאָ? — האָט פייערלעך טערפעליכע געפרעגט.

— מאכן א סאָף צום אויסוואורף!

— מאכן א סאָף!

— אזוי אז, כאווערים, ס'איז געמאכט געוואָרן א פאָרשלאג צו מאכן א סאָף צום אויסוואורף. ווער איז דערפאר?

אלע הענט האָבן זיך אויפגעהויבן.

— ווער איז קעגן? ווער האָט זיך צוריקגעהאלטן?

— אזוינע זיינען ניטאָ.

— אזוי, כאווערים, אז ס'איז קלאָר. אלעקסאנדער, פארשרייב און לייען איבער.

דער קאָניוך האָט לאַנג געסקריפּעט מיט דער פען איבערן פאפיר. אלע האָבן געוואַרט שווייגנדיק. ענדלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן.

— דער געריכט אין דעם באשטאנד פון אלעקסאנדער אָווסעי גראַפּינע טערפּעליכע, פּראַסיאַ גראַכאטש...

— יעווּפּראַסיניאַ, — האָט זי אים פאריכט, און אלעקסאנדער האָט זיך איינגעבויגן איבערן טיש.

— יעווּפּראַסיניאַ גראַכאטש, נאטאליאַ לעמעש און פּעלאַגייע פּוזיר, האַבנדיק אויסגעפרעגט דעם באשולדיקטן פּיאָטער גאַפּליק, קולאַק, פאַר־ברעכער און דייטשישער סטאַראָסטע, — האָבן איינשטימיק באשלאָסן אים צו פאַרורטיילן צום טויט.

גאַפּליק איז בלייך געוואָרן און מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגן האָט ער געקוקט אַף די אַנוועזנדיקע.

— נו, אַלץ איז, הייסט עס, אין אָרדענונג, — האָט טערפּעליכע געמאָלדן.

— וואַרט נאָר, — האָט זיך פּראַסיאַ אריינגעמישט, — פאַרורטיילט ווי פאַרורטיילט, אָבער ווי אַזוי וועלן מיר אים מאַכן דעם סאָף?

אַפּהענטיק האָבן זיי אַ קוק געטאָן איינער אַפן אַנדערן.

— טאַקע, ווי אַזוי?

— מען דאַרף אים אויפהענגען, — האָט געזאָגט פּעלאַגייע פּוזיר.

— וואו וועלן מיר אים אויפהענגען, דאָ אין דער כאטע?

— רעדסט פּוסטע רייד. געבן אים מיט אַ פלאָקן איבערן קאָפּ, דאָס אַלץ.

— דערשיסן קען מען אים ניט, ניטאָ מיט וואָס...

— נאָך דאָס פעלט דיר! אַז די דייטשן זאָלן זיך אַפן שאָס צונויפ־לויפן...

גאַפּליקן האָט גענומען טרייסלען. מען רעדט וועגן אים, מען באַקלערט ווי אַזוי אים צו טויטן, גלייך ווי ער וואָלט דאָ ניט געווען, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ לעבלאָזע זאַך. עס האָט אים ארומגעכאַפּט אַ פּיינלעכער שרעק, ער האָט דערפילט ווי עס הויבט אים אָן איבלען און ער איז געפאַלן אַף די קני.

— מענטשן, גוטע מענטשן, דערבאַרעמט זיך אַף מיר! כ'האָב געזינדיקט קעגן אייך, מער וועל איך דאָס קיינמאָל ניט...

ער האָט גענומען קריכן אַף די קני, געקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דיל באַ די פיס פון די פרויען. זיי האָבן אים אָפּגעשטופּט ווי אַ פּגעבריטע.

— טשעפּע זיך אָפּ, פּע, ס׳אַרא מיעסקייט!

גאַפּליק האָט זיך צעוויינט. טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער זיין פּאָנעם און איבערגעלאָזט ברודיקע פּאַסן.

— גוטע מענטשן, איך באַשווער אייך, מיט אייערע קינדער באַשווער איך אייך!

— מיט די קינדער! איבער דיר, הינטישע פּאַראַדע, קומען אום אונדזערע קינדער! איבער דיר!

— מ׳האָט מיך געצוואונגען, מיט געוואַלד געצוואונגען, — האָט גאַפּליק געיאָמערט, געכליפּעט אין פאַרצווייפלונג.

— און דו וואָיע ניט, אַניט וועל איך דיר געבן מיט אַ שייטל האָלץ איבערן קאָפּ... הער נאָר, הער! מען האָט אים נעבעך געצוואונגען... און אליין האָסטו אָנגעשפּאַרט אַזש אין ראַסטאָוו זיי צו געפינען, אַ?

— האָט ראַכמאַנעס, דערבאַרעמט זיך... — האָט ער געכריפּעט און זיך געקייקלט אַפן דיל.

זיי האָבן מיט עקל געקוקט אַף אים.

— פּע, ס׳איז מיעס צו קוקן. ניט ער האָט געקענט לעבן ווי אַ מענטש און ניט ער קען שטאַרבן ווי אַ מענטש, — איז פּעלאַגייע אויפגעבראַכט געוואָרן.

— הערט, ווייבער, מען דאַרף זיך דאָ ניט פּאָרען מיט אים אַזוי לאַנג. מיט זיין וואָיען קען ער נאָך ארויפוואַלגערן די דייטשן אַף אונדזער האַלדז.

אַלעקסאַנדער איז צוגעקומען פון הינטן און האָט פּאַרוואָרפן אַ שטריק אַף דעם האַלדז פון דעם ליגנדיקן גאַפּליק.

— פאַר דער הייליקער זאַך, — האָט ער געזאָגט און אָנגעשפּיגן אַף די דלאָניעס. פּראָסיאַ האָט אַ קוויטש געטאָן.

דער רעגנבויגן

— שטיל!

גאַפּליקס פינגער האָבן זיך אויסגעקרימט און זיך אַריינגעזויגן אין דיל. זיינע פּיס האָבן אַ ציטער געטאָן און זיך אויסגעצויגן. דער סטאַראָסטע איז געווען טויט.

— אַנו, העלפט־צו. פּראַסיאַ, העלף אַרויס.

ער האָט אָנגעכאַפּט דעם קערפּער אונטער די פּאַכוועס, פּראַסיאַ האָט אים גענומען פאַר די פּיס. טערפּעליכע האָט פּאַרזיכטיק אַרויסגעקוקט אין הויף.

אָבער אומעטום איז געווען שטיל, בלויז דער ווינט האָט געיאָמערט, אויפהויבנדיק וואָלקנס שניי.

— אַנו, גיט זיך אַ ריר, אין ברונעם אַריין...

אין הויף איז געווען אַן אַלטער ברונעם, אויסגעטריקנט נאָך צוריק מיט אַסאַך יאָרן. איצט איז ער געווען אָף אַ העלפט פאַרשאָטן מיט שניי. אהין האָבן זיי אַריינגעוואָרפן דעם קערפּער. ער איז געפאַלן ווייך, אָן אַ קלאַנג. אַלעקסאַנדער האָט מיט אַ לאָפּעטע אָנגעוואָרפן שניי אין ברונעם און דערנאָך אָפּגעשאַרט דעם שניי פון דעם ראַנד.

— ביז פרילינג וועט ער דאָ אָפּליגן, און פרילינג־צייט וועט מען אים מוזן אַרויסשלעפּן. ביז אינדערפרי וועט אַלץ פאַרטראָגן ווערן מיט שניי, און עס וועלן ניט בלייבן קיין שפּורן.

— און ווי גייט מען איצט אַהיים?

— איר וואַרט צו. ניטאָ צו וואָס זיך אַרומשלעפּן באַנאַכט. איינמאָל האָט זיך איינגעגעבן און אַ צווייטן מאָל קען זיך ניט איינגעבן, — האָט אַלעקסאַנדער דערוויידערט. פּלאַץ איז באַ אונדז פאַראַן, שלאָפט איבער ביז אינדערפרי, און אינדערפרי וועט איר שטילערהייט אַוועק אַהיים.

זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט ווי נאָר זיי האָבן געקענט אָף די בענק און אָפן דיל. נאָר איינשלאָפן איז געווען שווער.

װאַנדאַ װאַשילעװסקאַ

— דו, אַלעקסאַנדער, גיב אכטונג, באַהאַלט גוט דעם פּראָטאָקאָל. אַז אונדזערע װעלן קומען װעט מען דאָס דאַרפן איבערגעבן.

— איך װעל שױן באַהאַלטן, האָט קײן מורע ניט. קײנער װעט ניט געפינען.

— זעסט, אַלעקסאַנדער, אָט האָט זיך עס אײַנגעגעבן, — האָט טערפּעליכע נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן.

— פאַרװאָס זאָל זיך ניט אײַנגעבן, — האָט ער אױסגעמורמלט שױן אײַנשלאָפנדיק.

קאפיטל זיבן

די טיר האָט א זעץ געטאָן. פעאָדאָסיא האָט אויפגעציטערט און ארויסגעלאָזט דעם עמער פון האַנט. דאָס וואַסער האָט מיט א ברייטן שטראָם זיך צעגאָסן איבער דעם ליימענעם דיל פון קיך.

— וואָס זיינען בא אייך די הענט מיט לעכער, צי וואָס? — האָט ווערנער אויסגעשריגן מיט קאָם אונטערשפּרינגענדיק, אז דאָס שמוציקע וואַסער זאָל ניט באפלעקן זיינע אָנגעגלאַנצטע שטיוול.

זי האָט ניט געענטפערט. דאָס האַרץ האָט זיך בא איר ווילד געצאַפּלט. זי האָט אויסגעווישט דאָס וואַסער מיט א שמאַטע, נאָר די הענט האָבן בא איר געציטערט, און זי האָט עטלעכע מאָל זיך גענומען ווישן די טרוקענע ערטער, איבערלאָזנדיק קליינינקע קאַלוזשקעס אין די גריבלעך פון דיל. ניין, היינט האָט זי גאָרניט ניט געקאָנט טאָן. יעדער קלאַנג, יעדער שאָרך האָט זי געצוואונגען אויפצוציטערן ווי פון א שמייס מיט א בייטש. זי איז געווען איין שטיק אָנגעשטרענגטע דערוואַרטונג. זיי גייען דאָך שוין, זיי קענען דאָך אָנקומען צו יעדער מינוט.

ס'האָט זי אומדערטרעגלעך געדריקט דאָס, וואָס זי אַליין ווייסט וועגן דעם, די איינציקע אין גאַנצן דאָרף, און מער קיינער ניט. געוויס איז עס בעסער, וואָס קיינער ווייסט ניט, נאָר ווי שווער ס'איז צו וואַרטן איינע אַליין! דאָס האַרץ פאַרהאַלט זיך, עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם, — זיי קענען דאָך קומען צו יעדן מאָמענט...

— און דו גיב א טראַכט ווי אזוי איינצואָרדענען, — האָט ווערנער

א זאָג געטאָן אריבערן אַקסל צו פוסיאַן, וועלכע איז נאָך געלעגן אין בעט. ער איז אַרויס, האָט ווידער א האַק געטאָן מיט דער טיר, און פעאָדאָסיאַ האָט ווידער אויפגעציטערט.

פוסיא איז געלעגן מיט די הענט פאַרוואָרפן הינטער קאָפּ און מיט א פאַרביסענער ליפּ. מיט וואָס פאַרא טאָן ער האָט דאָס געזאָגט! גלייך ווי זי וואָלט געווען זיין קנעכט, וואָס מוז אים באַדינען מיט וואָס נאָר אים ווילט זיך. ער קען ניט געפינען די פּאַרטיזאַנען, כאָטש ער האָט דאָרט סאָלדאַטן און טעלעפאָנען און אַלץ אַף דער וועלט. און פון איר, וואָס קיינער אין דאָרף וויל מיט איר ניט ריידן, פאָדערט ער, אַז דאַפקע זי זאָל זיי געפינען. פוסיא איז געוואָרן אין קאַס. צופיל האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ. וואָס טראַכט ער זיך, אַז פאַר די זיידענע העמדער, פאַר אָט־די קלאָגעדיקע זאַכן האָט ער א רעכט צו שרייען אַף איר!

זי האָט אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז פון איר געשפּרעך מיט דער שוועסטער וועט גאָרניט אַרויסקומען און קען ניט אַרויסקומען. זיי האָבן נאָך פאַר דער מילכאָמע ניט גערעדט איינע מיט דער אַנדערער. אַלגאַ איז עטלעכע מאָל געקומען אין שטעטל אַריין אַף אירע צוזאַמענפאָרן, אַף לערער־קורסן, און איז אַפילע ניט אַריינגעקומען צו איר. זי האָט, ווייזט אויס, גערעכנט, אַז פוסיא איז ניט ווערט קיין וויזיט. געוויס, ס'אַרא פאַרברעכן, וואָס זי האָט ניט געאַרבעט, ניט איבערגעפירט די הענט מיט וואַשן וועש, ניט געשייערט קיין דילן און איז ניט געזעסן איבער די ביכלעך צו דערלערנען דעם טראַקטאָר. אַלגאַ וויל, אַז אַלע זאָלן זיין געראָטן אין איר. זי פאַרגעסט, אַז זי איז געזונט ווי א פערד און אַז איר שוועסטער איז א דעליקאַטע. אַלגאַ האָט ניט אַכטונג געגעבן אַף זיך, אַז זי זאָל זיין שיין. זי האָט ווי ניט איז אַרומגעוויקלט אירע דיקע צעפּ אַרום קאָפּ. ווינטער זיינען באַ איר די הענט געווען צעהאַקט פון פראָסט, זומער איז זי געווען פאַרברענט ווי א ציגיינערן. פוסיא האָט אויסגע־שטרעקט די האַנט צום שפּיגעלע, וואָס איז געהאַנגען איבערן בעט, און האָט זיך אויפמערקזאַם באַטראַכט, — אירע שמאָל אויסגעצופּטע בּרעמען, די שוואַרצע לאָקאָנעס, די רונדיע אויגן אונטער די שוואַרצע וויעס, די

דינע ליפן, הינטער וועלכע ס'האבן זיך ארויסגעזען אירע דריי־עקיקע שארפע ציינדלעך.

ניין, זי טויג זיך ניט פאר אזא ארבעט, וואס אלגא טוט. און זי דארף דאס גארניט האבן. סעריאזשא האט געדינט אין דער ארמיי און יעקראגן געלט. אף די זאכן, וואס מען האט געקענט קריגן אין שטעטל, האט זי געהאט גענוג. און אלגא האט דאס ניט פארשטאנען. זי האט גערעכנט, אז סעריאזשאן לעבט זיך שלעכט. מיט וואס שלעכט? ער האט געהאט א ווייב, וואס האט זיך געקענט גוט אנטאן אפילו מיט די קלאגע־דיקע שמאטעס, וואס זי האט געקענט קריגן; זי איז געווען שיין פארקאמט, האט אכטונג געגעבן אף אירע הענט און האט אויסגעזען בעסער פון די אלע קליינשטעטלדיקע נארישע מיידלעך און ווייבלעך, וואס האבן ארומגעשמייעט, זיך געאיילט און זיינען שטענדיק געווען מיט עפעס באשעפטיקט. און דאס וואס זיי האבן ניט געהאט קיין קינדער, הייל פוסיא האט דאס ניט געוואלט? האט זי ניט געוואלט, און דאס אלץ. ס'איז אזוי אויך פאראן גענוג קינדער. ווען סעריאזשא האט כאטשנע גע־האט, איז פון קיין קינדער ניט געווען קיין רייד. און בא אלגאן איז דאס אלץ געווען גענוג, אז זי זאל זיך באציען צו איר שוועסטער ווי צו א פרעמדן מענטשן. און ווי אזוי וועט זי זיך צו איר איצט באציען? און וואס אייגנטלעך וויל זי פון פוסיאן? פון סעריאזשאן האט מען ניט געהערט פון זינט ער איז אוועק אפן פראנט, שוין גאנצע פינף כאדאשים. ער איז אדער אומגעקומען, אדער געפאנגען. עס קען דאך ניט זיין, אז אין פינף כאדאשים זאל ניט דערגיין קיין איין בריוו, קיין איין קארטל. ווער ווייסט ווי לאנג די מילכאמע וועט אנהאלטן?

איז וואס זאל זי טאן, ווארטן א יאר, צוויי, צי ווער ווייסט דארט וויפל און סאפקאלסאף קראפירן פון הונגער? ניין, זי האט געהאנדלט גאנץ סייכלדיק. און דאס וואס קורט איז א דייטש, איז וואס? די דייטשן זיינען דא איצט די באלעבאטים. זיי הערשן דא און זיי וועלן ווייטער הערשן. די באלשעוויקעס זיינען געענדיקט, דאס איז קלאר. און אלץ וואלט געווען גוט, ווען קורט וואלט די לעצטע עטלעכע טעג ניט געווען אזוי אויפגערעגט, שלעכט געשטימט און בייז. ער באגייט זיך מיט איר

אזוי גראָב. און איצט פאָדערט ער, אַז זי זאָלריידן מיט אַלגאַן. פּוסיאַ האָט געוואוסט, אַז זי וועט ניט האָבן דעם מוט אַפילע צו פּרוואוון זיך זען מיט איר שוועסטער. נאָר ווי אַזוי דרייט מען זיך אַרויס פון אָט־דער געשיכטע? און ווער האָט אים געזאָגט, אַז אַלגאַ איז איר שוועסטער? אַן אומצופרידענע האָט זי זיך לאַנגזאַם אָנגעטאָן. נאָך דאָס פעלט איר, אַז קורט זאָל איר אָנהויבן אַרויסשטעלן פאָדערונגען. ער האָט דאַכט זיך זיינע אויסשפּירער, זיינע שפּיאָנען, אַ גאַנצן אַפּאַראַט...

פּוסיאַ האָט נאָכלעסיק פאַרשפּרייט דאָס בעט מיט דער קאָלדרע און אַוועקגענומען פון טיש ווערנערס רעקל, קעדיי דאָס אויפצוהענגען אין שאַפע. אין קעשענע האָט אַ שאָרך געטאָן אַ פּאַפּיר. פּוסיאַ האָט זיך אומגעקערט צו דער טיר און האָט אין איילעניש אַרויסגענומען דאָס פּאַפּיר. ס׳איז געווען אַ בריוו אין אַ לאַנגן בלויען קאָנווערט מיט אַ דייטשישן אַדרעס. זי האָט ניט געקענט לייענען קיין דייטש, נאָר זי האָט דאָך אַרויסגענומען דעם בריוו פון קאָנווערט. דער בלויער קאָנווערט האָט איר אויסגעקוקט פאַרדעכטיקט.

פיר בייגעלעך בלוי פּאַפּיר זיינען געווען פאַרשריבן מיט אַ דריבנער, גלייכער האַנטשריפט. איבער דעם ערשטן בייגעלע איז געווען צוגעקלעפּט אַ פאַרטריקנט בלימל. פּוסיאַ האָט צוגעטראָגן דאָס פּאַפּיר צום פּאָנעם. ס׳האָט זיך דערפון געשפּירט אַ לייכטער רייעך פון אומבאַקאַנטן פּערפיום. ס׳האָט ניט געקענט זיין קיין צווייפל — דער בריוו איז געווען פון אַ פרוי. פּוסיאַ האָט איינגעביסן אַ ליפּ ביז בלוט. צו קורטן שרייבט אַ פרוי, אַ פרוי פון דאָרטן, פון דייטשלאַנד. זי שרייבט אויף גוטן פּאָסט־פּאַפּיר מיט אַ דריבנער, גלייכער האַנטשריפט. פאַרשטייט זיך, דער בריוו האָט געקענט זיין פון זיין מוטער, אָבער דאָס בלימל?

אָך, וואָס וואָלט זי ניט געגעבן צו קענען איבערלייענען דעם בריוו, צו וויסן וואָס יענע אומבאַקאַנטע פרוי שרייבט צו קורטן! זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער דאַטע. דער בריוו איז, קענטיק, אָנגעקומען ערשט נעכטן. קורט האָט געטראָגן אַן אַנדער רעקל, און ער האָט פאַרגעסן דעם בריוו אין קעשענע. ביז איצט האָט זי בא אים ניט געזען קיינע בריוו, קיינע פאָטאָגראַפיעס.

קיינע? זי האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט דאָך אַ פּאָרטפעל, מיט וועלן ער שיידט זיך קיינמאָל ניט און צו וועלכן ער דערלויבט זיך איר ניט צוצורירן. וואָס קען זיך געפינען אין יענעם פּאָרטפעל? די פּאָסט ברענגט מען דאָך אים ניט אהיים, נאָר אין דער קאָמענדאַטור. ער קאָן האַלטן בריוו און פאָטאָגראַפיעס אין דעם שופלאָד פון שרייבטיש, וואָס ער פאַרשליסט אַזוי פעסט, ווען ער גייט אַוועק. וואָס ווייסט זי אייגנט־לעך וועגן אים? בלויז דאָס, וואָס ער אַליין זאָגט וועגן זיך. נאָך אין אָנהויב, ווען זי האָט איינגעשטימט אַוועקצופאָרן מיט אים פון שטעטל, האָט ער איר פייערלעך געזאָגט, אַז ער וועט זי מיטנעמען קיין דרעזדען און אַז דאָרט וועלן זיי הייראַטן. דאָ איז טאַקע ניטאָ וואו צו פאַרוועלן די צערעמאָניע. זי האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז צוואַרטן. און ס׳איז נאָך אַלעמען, ניט אַזוי וויכטיק.

ביז איצט איז זי געווען פולשטענדיק רואיק. זי האָט דאָך געפילט, אַז זי געפעלט קורטן. און ערשט איצט האָט אָט־די שאַרפע פאָדערונג, אַז זי זאָל זיך דורכריידן מיט אָלגאַן, באַ איר אויפגעוועקט אַנדערע געדאַנקען. געצוואונגען זי צו זען געוויסע זאַכן אין אַן אַנדער ליכט. פאַרוואָס רעדט ער איצט אַזוי זעלטן וועגן דרעזדען? פאַרוואָס האַלט ער אַן אַזוי אומגערן דעם געשפּרעך וועגן דעם, ווען זי פאַרפירט אים? פאַרוואָס האָט ער קיינמאָל קיין צייט ניט, פאַרוואָס איז ער אַזוי אויפ־געבערנגט און שלעכט געשטימט? זי האָט זיך דאָך ניט געענדערט. זי איז פונקט אַזאַ ווי זי איז געווען פון אָנהויב, ווען זיי האָבן זיך באַקענט אין שטעטל, וואָס די דייטשן האָבן פאַרנומען, ווען מ׳האָט קורטן געגעבן אַ צימער אין איר וואוינונג. דאָס איז קורט איצט אַן אַנדערער, דאָס האָט ער זיך געענדערט. דערצו נאָך אָט־דער בריוו.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אומזיסט זיצט זי דאָ אַזוי, מיטן בריוו אין די הענט. איבערלייענען אים קען זי סיי ווי ניט. און אויב קורט וועט אַריינקומען, וועט זיין אַ סקאַנדאַל. ער האָט איר געהאַלטן אין איין אָנזאָגן, אַז זי זאָל זיך ניט צורירן צו זיינע פּאַפּירן, צו קיינע פּאַפּירן.

פּוסיאַ האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו אין קאָנווערט און אויפגעג־

האנגען דאָס רעקל אין שאַפע. זי האָט באַשלאָסן אויפמערקזאַם נאָכצוקוקן קורטן. זי וועט אומבאַדינגט אויסגעפינען ווער עס שרייבט צו אים און צי זיין שאַרפע באַנעמונג איז ווירקלעך אַ רעזולטאַט פון מידקייט און נערוועזיטעט, אָדער ס׳איז עפּעס אַנדערש.

פעאָדאָסיאַ האָט אין קיך געקלאַפּט מיטן געפעס, און דאָס האָט פּוסיאַן שטאַרק אויפגערעגט.

— שטילער דאָרטן, — האָט זי אַ געשריי געטאָן אַף אַ הויכן קאָל, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן.

פעאָדאָסיאַ האָט אַריינגעקוקט אין דער אָפענער טיר, און פּוסיאַ האָט אויפגעכאַפּט איר זייער מאָדנעם בליק. ניין, דאָס איז ניט געווען דער קאַלטער האַס און די פאַראַכטונג, וואָס זי האָט ביז איצט געזען אין די אויגן פון דער פּויערטע. איצט האָט אין יענע אויגן געלויכטן עפּעס אַ טריומף, אַ פרייד. זיי האָבן געבלישטשעט ווי קיינמאָל פריער. פּוסיאַ איז אין קאַס געוואָרן. וואָס האָט זי זיך דאָרט אַזוי דערפרייט? האָט זיך מיסטאָמע אונטערגעהערט הינטער דער טיר און דערהערט מיט וואָס פאַר אַ טאָן קורט האָט גערעדט. אַזוי האַלט עס מיט קורטן: אַפילו אָט־די באַבאַ האָט באַמערקט, אַפילו זי פרייט זיך מיט שאָדן־פרייד. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי קען זיך נויקעם זיין אָן דער אַלטער. זי האָט נאָך ניט געזאָגט קורטן, אַז פעאָדאָסיאַס זון ליגט אַ דערהאַרגעטער אין טאָל... צוויי טעג האָט זי אומיסטן געשוויגן, קעדיי צו מוטשען פעאָדאָ־סיאַן, און דערנאָך האָט זי פאַשעט פאַרגעסן, ווען קורט האָט זיך גענומען טשעפּען צו איר וועגן דעם שמועס מיט אָלגאַן. איצט האָט זיך אין איר צערעדט די בייזקייט.

— וואַרט, נאָך היינט וועל איך דערציילן דעם מאַן; ווי נאָר ער וועט קומען, וועל איך אים דערציילן, — האָט זי אַ סטראַשע געטאָן.

פעאָדאָסיאַ האָט זיך צעלאַכט מיט אַ בייזן געלעכטער. מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אין די זייטן, האָט זי פון אויבן אַראָפּ אַ קוק געטאָן אַף איר.

— וואָס אַרט עס מיך? דערצייל, דעם „מאַן" דיינעם — האָט זי פרעך געענטפערט, אונטערשטרייכנדיק מיט שפּאָט דאָס וואָרט „מאַן". —

דערציייל, אניט וועל איך אליין דערציילן, ווייל בא דיר וועט גארניט ניט ארויסקומען. דערצייל, הונדערט מאל דערצייל. טו זיך אן, לויף אין דער קאמענדאנטור וואס שנעלער!

פוסיא האט אף איר געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע דערשטוינטע אויגן.

— וואס איז מיט אייך?

— מיט מיר? גארניט! וואס כידעשסטו זיך אזוי? דו האסט גע־וואלט דערציילן, זאג איך דאך: גיי דערצייל, אף דערוויף לעבסטו דאך. אז דו זאלסט שפיאנירן, אז דו זאלסט פארמאסערן צו די דייטשן. נו, לויף און דערצייל אלץ וואס דו ווייסט!

— וועל איך טאקע דערציילן. איך זאג אייך פריער, כ'וועל דער־ציילן.

— אט־דאס זאג איך דאך: דערצייל. אניט וואס האלסטו אין איין סטראשען? וועסט מיך דערמיט ניט איבערשרעקן.

— מען וועט אים בא אייך אוועקנעמען.

— זאל מען אוועקנעמען.

— איז צו וואס גייט איר אהין יעדן טאג?

— איך וויל גיין, גיי איך. ס'איז מיין אייסעק. און אז מען וועט אים אוועקנעמען, וועל איך מער ניט גיין.

— קורט וועט הייסן אייך ארעסטירן. איר ווייסט גאנץ גוט, אז ס'איז פארבאטן צו גיין אהין.

— אר־ווא ווי דו האסט מיך איבערגעשראקן! איך האב טאקע מוירע פאר אייער ארעסט. איך ציטער דאך פאר שרעק...

פעאדאסיא איז אריין אין צימער. זי האט שוין ניט געלאכט. אירע טונקעלע אויגן האבן געקוקט דראענדיק.

— דו האב מוירע, דו, דו הערסט? דו ציטער, דו ווין פאר שרעק!

פוסיא האט זיך צונויפגעדריקט אף דער באנק.

— וואס איז מיט אייך? פאר וואס דארף איך מוירע האבן?

— פאר אלץ דארפסטו מוירע האבן. פאר די מענטשן אין דארף האב מוירע, זיי וועלן דיר קיינמאל ניט מויכל זיין! פארן וואסער האב

מוירע: וועסט זיך וועלן אריינוואַרפן, וועט עס דיך צוריק אַרויסוואַרפן. פאַר דער ערד האָב מוירע: וועסט זיך אין איר וועלן באַהאַלטן, וועט זי דיך ניט צונעמען. מיין וואַסיאַן איז דאָרטן בעסער, וואו ער ליגט אין טאָל; לעוואָניוקן איז בעסער, וואו ער הענגט אַף דער טליע. אַלענאַן איז געווען בעסער צו לויפן אַ נאַקעטע אַפן פראָסט אונטער די דייטשישע באַגנעטן. אַלעמען איז בעסער ווי דיר וועט זיין. אוי, וועסטו זיי נאָך מעקאַנע זיין! מיט בלוטיקע טרערן וועסטו וויינען, וואָס דו ביסט ניט אַף זייער אָרט. הונדערט מאָל וועט דיר באַנג טאָן, וואָס מ'האָט דיך ניט דערשטיקט אַף דער טליע, ניט דערשטאָכן מיט די באַגנעטן, ניט דערשאָסן מיט קוילן.

זי האָט ניט געקענט באַפן דעם אָטעם פאַר צאָרן און האַס און פון דער פרייד וואָס די אייגענע גייען שוין, זיינען שוין נאָענט. עפשער — אין דער זעלביקער מינוט ווי זי וואַרפט אָט די ווערטער גלייך אין פּאָנים אַריין דער בלייך-געוואָרענער פאַרעטערן — עפשער שיסט מען שוין באַם עק דאָרף.

— אַרויס פון דאַנען! — האָט פוסיאַ אויסגעשעפּטשעט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים, — די מינוט זאָלט איר אַרויס.

פּעאָדאָסיאַ האָט זיך נאָך אַמאָל שפּאָטיש צעלאַכט:

— איך קאָן אַרויסגיין. ס'איז ניט פון די גרויסע פאַרגעניגנס צו קוקן אַף דיין צורע. דו וועסט זיך נאָך דערמאָנען, ווי דו האָסט מיך פון מיין אייגענער באַטע געטריבן!

זי איז אַרויס און האָט אַזוי אַ האַק געטאָן מיט דער טיר, אַז פון דער אָפּגעווייסטער וואַנט האָט זיך אַ שאָט געטאָן דער קאַלך.

— און דו לויף, פאַרקלאָג מיך צו דיינעם, אַז איך שריי אַף דיר, — האָט זי געוואָרטשעט צו זיך אַליין, אונטערוואַרפנדיק שפּענדלעך אינעם אויוון. — ער וועט שוין לאַנג וועגן דיר ניט טראַכטן, ניט לאַנג! ער וועט מוזן טראַכטן וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. נאָך עפשער היינט.

אָבער קורט האָט גאָרניט געטראַכט וועגן פוסיאַן. אַן אויפגעבראַכטער איז ער אַריין אין דער קאָמענדאַנטור. דערזעענדיק זיינע צונויפגעפּרעסטע ליפּן און דעם קנייטש אַפן שטערן, האָבן די סאָלדאַטן זיך

אויסגעצויגן מער ווי געוויינטלעך. דער פעלדפעבל איז אויפגעשפרונגען פון טיש.

— פון שטאב האט מען געקלונגען?

— יאוואָל, הער קאפיטאן.

— פאר וואס האט מען מיר ניט געלאָזט וויסן?

— ניט געווען באפוילן, הער קאפיטאן.

— וואס מיינט איר, ניט באפוילן?

— מ׳האט געזאָגט, אז עס איז ניט נויטיק.

— און צו וואס האבן זיי געקלונגען?

— געפרעגט צי די ארעסטירטע האט שוין געגעבן אינפארמאציע.

— און וואס נאָך?

— געמאָלדן, אז קיין אינפארמאציע האט זי ניט געגעבן.

באם קאפיטאן אין האלדז האבן אָנגעהויבן שיפען גיפטיקע טענער. דער פעלדפעבל איז בלייך געוואָרן.

— יאוואָל, און נאָך... כ׳האב געמאָלדן...

— נו, וואס נאָך האט איר געמאָלדן?

— כ׳האב נאָך... געמאָלדן וועגן דער הינריכטונג פון דער ארעס־טירטער...

— ווער האט אייך דערלויבט דאס צו מעלדן? ווער האט דערלויבט צו לאָזן וויסן? ווער האט אייך באאויפטראגט, הא? עפשער איך?

זיך אָנבויגנדיק אף פאָרויס איז ער מיט קליינינקע טריט צוגעקומען צום פעלדפעבל, וואס איז פאר אים געשטאנען אן אויסגעצויגענער. יענער האט ניט געוואגט צוריק צו טרעטן.

— האב איך אייך באפוילן, באאויפטראגט?

— ניין, הער קאפיטאן.

א שווערע האנט האט זיך אראפגעלאָזט אף זיין באק. דער קאפיטאן האט מיטן פולן שוואונג און מיט דעם גאנצן קויעך אראפגעלאָזט דעם פעלדפעבל א פאטש.

דער פעלדפעבל האט זיך א וואקל געטאן, נאר ער איז געבליבן שטיין אן אויסגעצויגענער און געקוקט ווערנערן גלייך אין די אויגן.

— ווער האָט באַפוילן? ווער האָט געקלונגען? — האָט מיט אַ שיפּענדיקן קאָל געפרעגט דער קאַפּיטאַן און זיך ווידער פאַרמאַסטן.

אַ רויטער פלעק האָט אַרויסגעשלאָגן אויף דעם פעלדפעבלס פּאָנעם. דער ווייסער אָפּדרוק פון די פינגער האָט זיך שנעל אָנגעגאָסן מיט בלוט און איז געוואָרן טונקל.

— וואו איז דער סטאַראָסטע? איז ער דאָ היינט געווען?

דער פעלדפעבל האָט מיט אָנשטרענגונג געקוקט דעם קאַפּיטאַן אין די אויגן אַריין ניט פינטלענדיק מיט קיין אויג.

— ער איז נאָך ניט געווען.

— וויפל ווייץ איז צוגעשטעלט געוואָרן?

— קיין ווייץ, הער קאַפּיטאַן. קיינער איז ניט געקומען.

ווערנער האָט זיך אויסגעזידלט.

— און וועגן אינגל?

— קיינער איז ניט געקומען, הער קאַפּיטאַן.

דער קאַפּיטאַן האָט רעציכעדיק אַ רוק געטאָן דעם טיש און אַראָפּגעוואָרפן דאָס לעש־פּאַפּיר. דער פעלדפעבל האָט זיך שנעל אָנגעבויגן, אויפגעהויבן דאָס פּאַפּיר און אוועקגעלייגט אויף דעם זעלביקן אָרט ווי פריער.

— שיקט נאָכן סטאַראָסטע, באַלד!

— צום באַפעל, הער קאַפּיטאַן.

דער פעלדפעבל האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די קנאַפל און איז אַרויס. ווערנער האָט געעפנט די שופלאָדן און האָסטיק פון זיי אַרויסגעוואָרפן פּאַפּירן. אַ רויטער נעפל פון רעציכע האָט אים פאַרצויגן די אויגן. די פאַרשאָלטענע באַבאַ האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט, און וואָלט ניט געזאָגט קיין וואָרט אַפילו ווען די אויספאָרשונג וואָלט אָנגעהאַלטן אַ יאָר צייט. זי וואָלט הונדערט מאָל קראַפּירט און ניט געזאָגט וואו די פּאַרטיזאַנען זיינען. אָבער דאָרט אין שטאַב וועט מען באַשליסן, אַז ער האָט זיך צוגעאיילט, האָט געהאַנדלט לייכטזיניק, אַז ער האָט דורכגעלאָזט דעם איינציקן שפּור, וואָס האָט געקענט געווען דערפירן צום געהיימניספולן פּאַרטיזאַנען־אָטריאַד, וואָס כאַפּן אים איז אַזוי גרינג, ווי דעם ווינט אין

פעלד, — דעם אַטריאַד, וועלכער מאכט אַנפאַלן אַף דערפער אינעם ראיאָן פון שטאב. און אַט דער אידיאָט האָט ניט צוגעטראַכט קיין קליגערע זאַך ווי צו מעלדן אין איילעניש, אַז מ׳האָט די באַבאַ דער־הארגעט. נו, נאַטירלעך. יענע האָבן אים אפילע ניט געהייסן רופן צום טעלעפאָן און האָבן הינטער זיינע פּלייצעס אַלץ אויסגעפונען פון זיין פעלדפעבל. געוויס, דאָרט גראָבט מען פּאַר אים אַ גרוב און מען פירט אינטריגעס אַף וואָס די וועלט שטייט. און דאָ איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין טוואָרע. ס׳איז שוין אַוועק אַ טאָג מיט אַ נאַכט און קיינער איז ניט געקומען, קיינער האָט זיך ניט מוידע געווען, וואו די טוואָרע איז באַ־האַלטן. יענער אידיאָט, דער סטאַראָסטע, איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיך דערשרעקן... אַט האָבן זיי זיך דיר דערשראָקן!

גוט איז זיי דאָרט אין שטאב צו זאָגן: דער סטאַראָסטע, דער סטאַראָסטע. אָבער דער סטאַראָסטע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פולשטענדיק נוצלאָזער מענטש. ער קאָן גאָרניט ניט אויפטאָן, האָט גאָרנישט ניט אויסגעפונען און האָט ניט קיין שום איינפלוס אַף די דאָרפסלייט.

דער פעלדפעבל האָט ווידער אַ קנאַק געטאָן מיט די קנאַפּל באַ דער טיר.

— נו?

— הער קאַפּיטאַן, דערלויבט צו מעלדן: דער סטאַראָסטע איז ניטאָ!

— וואָס הייסט ניטאָ? כ׳האָב דאָך געזאָגט מ׳זאָל שיקן נאָך אים!

— דערלויבט צו מעלדן. איך בין דאָרט אַליין געווען. דער סטאַ־ראָסטע איז ניטאָ.

דער קאַפּיטאַן האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— וואוהין איז ער אַוועק?

— דערלויבט צו מעלדן: ס׳איז ניט באַוואוסט.

ווערנער איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער:

— וואָס זייט איר פון זינען אַראָפּ? איר ווילט, איך זאָל אים גיין זוכן?

— הער קאפּיטאַן, דערלויבט צו מעלדן, אַז מיר האָבן שוין אומעטום געזוכט. נעכטן אוונט איז דער סטאַראָסטע דאָ געזעסן שפּעט, מיר האָבן אויסגערעכנט די זאַפּאַסן, וואָס דאַרפן זיך געפינען אין דאָרף. אַרום 12 באַנאַכט איז דער סטאַראָסטע אַוועק אַהיים. אַהיים איז ער ניט געקומען, און קיינער האָט אים מער ניט געזען.

— אומעטום זיך נאָכגעפרעגט?

— יאַוואָל, הער קאַפּיטאַן.

— ער איז אַנטלאָפן?

— יאַוואָל, הער קאַפּיטאַן, וואַרשיינלעך אַנטלאָפן.

— אָט האָסטו דיר, — האָט ווערנער געזאָגט מיט אַ פינסטערן טאָן, קוקנדיק ווי אַ פאַרשטיינערטער אויפן טעלעפאָן. — איז וואָס וועט איצטער זיין?

— אידיאָט! — האָט זיך דער קאַפּיטאַן צעשריגן. — צו וואָס האָבן מיר אים באַדאַרפט, אָט דעם סטאַראָסטע? מיט וואָס האָט ער געהאָלפן? וואָס האָט ער געטאָן? וואָס האָט ער איינגעאָרדנט? נו?

— ווירקלעך, הער קאַפּיטאַן.

— אהא, ווירקלעך... זעצט זיך אַוועק און שרייבט אַ ראַפּאָרט אין שטאַב אַריין. אַז דער סטאַראָסטע איז אַנטלאָפן. זאָלן זיי צושיקן אַן אַנדערן, עפּשער וועלן זיי געפינען אַ קליגערן.

דער פעלדפעבל איז אַרויס אינעם צווייטן צימער נעמען פּאַפּיר. ער האָט אָנגעשריבן דעם ראַפּאָרט וועגן דעם אַנטלאָפענעם סטאַראָסטע און האָט זיך גענומען שרייבן אַ מעסירע אויפן קאַפּיטאַן, וועלכער האָט געפּרובירט באַהאַלטן פון שטאַב די היגריכטונג פון דער אַרעסטירטער אָלענאַ קאָסטיוק.

— זאָוזע!

ער איז אונטערגעשפּרונגען און האָט, אויפן וועג, מיט אַ פלינקער, געאיבטער באַוועגונג אַריינגעוואָרפן די אָנגעהויבענע מעסירע אין שופלאָד.

— ווער האָט נעכטן באַנאַכט פּאַטרולירט אין דאָרף? איר זאָלט אויספרעגן אַלעמען.

— כ׳האָב שוין אויסגעפרעגט אַלעמען, האָט דער קאַפּיטאַן. קיינער װייסט קיין מאָל ניט.

— ניטאָ וואָס צו זאָגן, אַ פיינע אָרדענונג! עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ מענטש קאָן שפּאַצירן הין און צוריק, פאַרלאָזן דאָס דאָרף, און אונדזערע פּאָסטנס „ווייסן פון קיין זאַך ניט". אַזוי אַרום וועט מען אונדז אין איין שיינעם טאָג אַלעמען אויסשעכטן ווי די שאָף, מיט אַלע אונדזערע פּאָסטנס! ווי אַזוי קאָנען זיי קיין זאַך ניט וויסן? ער איז דאָך ניט אַוועקגעפלויגן אין דער לופטן, ער איז דאָך אַוועקגעגאַנגען! וואָס האָבן זיי געטאָן? געשלאָפן?

— אין אַזאַ פראָסט איז אוממעגלעך צו שלאָפן. און די זאַווערוכע איז אַ שרעקלעכע. אַ מענטש, וואָס קען די געגנט, קאָן זיך דורכגליטשן. מ׳וואָלט באַדאַרפט פאַנאַנדערשטעלן פּאָסטנס אַרום גאַנצן דאָרף.

— איך פרעג אייך ניט וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף ניט! װעמען וועט איר דאָס פאַנאַנדערשטעלן? וואו האָט איר אַזוי פיל סאָלדאַטן? און אַליין וואו האָט איר געקוקט? איר ווייסט דען ניט, אַז אויף דעם סטאַראָסטע דאַרף מען באַזונדערס אַכטונג געבן?

דער פעלדפעבל האָט זיך דערמאָנט, אַז דער סטאַראָסטע האָט אים געבעטן ער זאָל אים באַגלייטן אַהיים. ער האָט, ווייזט אויס, מוירע געהאַט צו גיין אַליין באַנאַכט. אַזוי אַז ער וואָלט אויך מוירע געהאַט צו אַנטלויפן אַליין באַנאַכט. נאָר ער האָט וועגן דעם ניט געזאָגט דעם קאַפּיטאַן, ווייל ער האָט אים ניט געוואָלט נאָך מער צערייצן. דער פעלדפעבל האָט זיך דערפילט שולדיק: פּאָרט געדאַרפט געווען באַגלייטן גאַפּליקן.

— פיר דאָ קריג מיט אַזוינע ווי איר. אַ באַנדע אידיאָטן! — האָט דער קאַפּיטאַן אַ וואָרטשע געטאָן.

דער פעלדפעבל איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער און האָט געוואַרט באַם שוועל.

— נו, וואָס שטייט איר? גייט שרייבט, דערפרייט זיי, שרייבט! אַ פיינעם געהילף האָט מען מיר צוגעקליבן, ניטאָ וואָס צו זאָגן!

דער פעלדפעבל איז אַרויס און אין איילעניש גענומען צושרייבן צו

ד ע ר   ר ע ג נ ב ו י ג ן

דער מעסירע נייע באַמערקונגען, פֿאַר וועלכע ער האָט געקריגן מאַטע־ריאַלן פֿון די ווערטער פֿון קאַפּיטאַן ווערנער, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין רעציכע. ער האָט געהאַלטן אין איין צולייגן די האַנט צו דער רויטער באַנק, וואָס האָט געפֿלאַמט ווי פֿייער.

ווערנער האָט פֿאַנאַנדערגעלייגט פּאַפּירן אויפֿן טיש, נאָר ער האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז אין זיין איצטיקן צושטאַנד קאָן ער ניט אַרבעטן. ער האָט אַריינגערופֿן דעם פֿעלדפֿעבל:

— בלייבט באַם טעלעפֿאָן. איך וועל זיך דורכגיין.

— דערלויבט צו מעלדן, הער קאַפּיטאַן, ס׳איז אַ שרעקלעכער פֿראָסט.

— איך ווייס עס אָן אייך, איך בין דאָך געקומען אַהער, — האָט דער קאַפּיטאַן אַ בורטשע געטאָן און אויפֿגעהויבן דעם קאָלנער.

דער ווינט האָט זיך עטוואָס איינגעשטילט, אָבער דער פֿראָסט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פֿיס. קיין זון איז ניט געווען, נאָר דער שניי האָט געשניטן די אויגן מיט אַ בלענ־דנדיקן בליאַסק. ווערנער האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם שוועל און מיט האַס אַ קוק געטאָן אויפֿן דאָרף. ס׳איז געלעגן ווי אין אַ פּוכענער פּערענע, אין די בערגלעך שניי און האָט אויסגעזען שטיל און רואיק. די דעכער האָבן געטראָגן דיקע שנייענע היטלען. בלויז דאָ און דאָרט האָט דער ווינט אַנטבלויזט די שטרוי פֿון די דעכער. קיין סימען פֿון לעבן.

דאָ און דאָרט האָבן זיך באַוועגט דייטשישע סאָלדאַטן און מער קיין שום קלאַנג ניט, קיין שום שאָרך — אַ טויטע שטילקייט, אַפֿילע קיין הינט האָבן ניט געבילט. די סאָלדאַטן האָבן זיי דערשאָסן באַלד דעם ערשטן טאָג. די הינט האָבן זיך געוואָרפֿן אַף זיי, ניט איינגעלאָזט אין די כאַטעס. די הינט זיינען דאָ געווען פּונקט אַזוינע ווילדע ווי די מענטשן.

מיט אַ פֿאַרטייעטער געפֿאַר האָט אַף דעם קאַפּיטאַן אָן אָטעם געטאָן אָט דאָס אויסערלעך רואיקע דאָרף. ניין, שוין בעסער אויפֿן פֿראָנט, זיך שלאָגן פּאָנעם צו פּאָנעם מיטן סוינע. און דאָס רופֿט מען אָפּרו: זיצן דאָ אין אָקופּירטן דאָרף און איינפֿירן אָרדענונג. אַ פֿיינע אָרדענונג. שוין אַ כוידעש, אַז די באָלשעוויקעס זיינען פֿאַרטריבן, און עס האָט זיך נאָך אַלץ ניט איינגעגעבן אָפּצוטאָן וואָס ניט איז. אַלצדינג, אַלע פּלענער, אַלע

פאַראַרדענונגען זיינען צעקלאַפּט געוואָרן זיך אַנשטויסנדיק אָן דעם פעסטן, אַקשאָנעסדיקן, שווייגנדיקן ווידערשטאַנד. וואָס אייגנטלעך ווילן אָט די טעמפּע מענטשן. פאַרשטייען זיי דען ניט, אַז סאָף קאָל סאָף וועלן זיי זיין געצוואונגען זיך אונטערצוגעבן אַז אַפילע ווען ס'זאָל אויסקומען צו פאַרניכטן זיי ביזן לעצטן, וועט אַלצדינג סיי ווי גיין ווי געהעריק, לויט די פּלענער, וואָס די דייטשן האָבן אין פאָרויס דורכגעטראַכט? ניין, דאָס ווילן זיי ניט פאַרשטיין. זיי גלויבן, ווייזט אויס, אַף אַן עמעסן אין דעם זיג פון די באָלשעוויקעס.

ערגעץ פון דער וויטנס האָט זיך דערטראָגן דער גערויש פון א מאָטאָר. דער קאַפּיטאַן האָט אַרונטערגעבויגן דעם קאָלנער און זיך איינגעהערט. עס איז געפלויגן אַן עראָפּלאַן. אין דער ריינער לופט האָט דער מאָטאָר געקלונגען דין, ווי דאָס זשומען פון א קאָמאַר (מאָסקיטאָ). נאָר דער קלאַנג איז אָנגעוואַקסן, געוואָרן שטאַרקער. דער קאַפּיטאַן האָט מיט דער האַנט פאַרשטעלט די אויגן פון דעם בליאַסק פון שניי און האָט זיך איינגעקוקט אין הימל אַריין.

— אָט דאָרט, הער קאַפּיטאַן — האָט זיך דערוועגט אָנצואווייזן דער וועכטער בא דער טיר פון דער קאָמענדאַנטור.

ווערנער האָט זיך אויסגעדרייט אַהין וואו מ'האָט אים אָנגעוויזן. יאָ, אָט פליט ער; צוערשט ווי א קאָמאַר, דערנאָך ווי א גרויסע פליג, וואַקסט ער און וועט גרעסער פאַר די אויגן.

— אונדזערער? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט מיט דעם טאָן פון א האַלבער פראַגע און א האַלבער באַהויפּטונג.

— ווייזט אויס, אַז ניין, הער קאַפּיטאַן. אַן אַנדער מאָטאָר.

ווערנער איז געוואָרן אומרואיק.

שוין א כוידעש ווי אין דער געגנט האָט זיך ניט באַוויזן קיין איין עראָפּלאַן פון סוינע. איז עס מעגלעך, אַז זיי האָבן זיך ווידער א ריר געטאָן?

פון הויז זיינען אַרויס עטלעכע סאָלדאַטן.

— א באָלשעוויסטישער, — האָט איינער געזאָגט.

די גאס איז שוין ניט געווען ליידיק. גלייך ווי פון אונטער דער ערד האבן זיך באוויזן מענטשן. בא די כאטעס זיינען געשטאנען פרויען און כאפּטעס קינדער. פארשטעלנדיק די אויגן מיט די הענט, האבן אלע געקוקט ארויף־צו.

— אונדזערער. — האט סאשא אויסגעשריען.

מאליוטשיכע האט אים אנגעכאפּט פארן אקסל.

— אונדזערער?

נאר בא קיינעם איז שוין ניט געבליבן קיין כאפּעק. דער עראפּלאן איז געפלויגן נידעריק, גאר נידעריק. אין העלן בליאסק פון דעם שנייאיקן טאג האבן אלע דערזען דעם זיכערן סימען: רויטע שטערן אף די פליגל.

מאליוטשיכע האט זיך אראפּגעלאזט אף די קני. די קינדער האבן אן אליץ פארגעסן און זיינען ארויסגעלאפן אין מיטן גאס, האבן פאריסן די קעפּלעך און געמאכט מיט די הענט.

— אונדזערער! אונדזערער! — האבן זיי געפּיסטשעט פאר פרייד. איבער די געשפּאנטע פייערלעכע פּנעמער פון די פרויען האבן גע־שטראמט טרערן. איבערן דארף פליט אן עראפּלאן, אן אייגענער עראָ־פּלאן, וואס טראגט אף די פליגל א ברידערלעכן גרוס פון א בסורע פון מיזרעך, א סימען פון פרייהייט, דעם רויטן שטערן. דער ערשטער אייגע־נער עראפּלאן אין א כוידעש צייט. דער ערשטער עראפּלאן, וואס וואיעט ניט מיט דעם פינצטערן יאמער פון טויט, — מיט דעם אפּגעריסענעם, פארהאקטן יאמער פון דייטשישן מאטאר, דער ערשטער עראפּלאן, וואס אף זיינע פליגל איז ניטא די שווארצע, צונויפגעדרייטע שלאנג, די סוואסטיקא.

דער קאפּיטאן האט דערהערט די אויסגעשרייען פון די קינדער. ער האט א קוק געטאן אף דעם שליאך און דערזען א בילד, וואס ער האט אזוינס ניט געזען די גאנצע צייט זינט ער איז אין דארף. אומעטום זיינען געווען מענטשן. בא די כאטעס זיינען פרויען געשטאנען אף די קני, אפן שליאך זיינען קינדער געשפּרונגען ווי שפּערלינגען, אלטע מענער האבן געמאכט מיט די הענט צום פויגל, וואס איז געפלויגן אין דער הויך. דער קאפּיטאן האט אויפגעציטערט פון כאס.

— צעטרייבן די באַנדע! — האָט ער זיך צעשריען אַף די סאָלדאַטן. יענע האָבן ניט פאַרשטאַנען. ווערנער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און אויסגעשאָסן אַף דער גרופּע קינדער. איין שאָס, אַ צווייטער. דער קאַפּיטאַן האָט ניט געטראָפן. די האַנט האָט בא אים געציטערט פון ערגער־ניש. די קינדער זיינען זיך צעלאָפן ווי אַ סטייע שפּערלינגען פון אַ געוואָרפענעם שטיין. אין איין מינוט זיינען אַלע ווי אָוועקגעבלאָזן געוואָרן פון ווינט, פאַרשוואונדן. די טירן האָבן זיך שנעל פאַרהאַקט, און איידער דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַרומגעקוקט איז דאָס דאָרף ווידער געוואָרן ליידיק, ווי אויסגעשטאָרבן. אין ערגעץ איז ניט געווען קיין סימען פון מענטשן.

— באַלוואַנעס, איר האָט ניט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט? — האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אַף די דערשטוינטע סאָלדאַטן. ער איז געווען אויסער זיך פאַר רעציכע, ווייל אַלע האָבן געזען ווי ער האָט געשאָסן און ניט געטראָפן אַף אַזאַ נאָענטער שטרעקע. — איר שטייט זיך און קוקט רואיק אַף פיינטלעכע דעמאָנסטראַציעס. און וואָס איז מיט די זעניטקעס, וואו זיינען די זעניטקעס, וואו זיינען די זעניטקעס? :

פונקט דעמאָלט האָט אַ דונער געטאָן אַן אַנטי־אַוויאַציע האַרמאַט, אַ זעניטקע. די האַרמאַטן קויל האָט ווי אַ טונקל וואָלקנדל געפּלאַצט ווייט הינטערן עראָפּלאַן. אַ צווייטע קויל האָט געפּלאַצט נאָך ווייטער. דער עראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן אַביסל העכער און איז פאַרשוואונדן אין דער ווייטקייט.

— פונקט אין צייט זיך אויסגעקראַצט! שיט אים אָן זאַלץ אַפן עק... וואָס זייט איר אַנטשלאָפן געוואָרן? — האָט ער זיך צעשריען אַף דעם צוגעלאָפענעם אונטער־אָפיציר.

— הער קאַפּיטאַן, דערלויבט צו מעלדן, מיר האָבן געמיינט, אַז ס'איז אונדזערער... און דערנאָך...

— אַלע באַבעס אין דאָרף האָבן דערקענט וועמענס ער איז, און נאָר אייך האָט זיך אויסגעדאַכט! אָט וועל איך אייך אַלעמען...

— דער ערשטער עראָפּלאַן, הער קאַפּיטאַן — האָט דער אונטער־אָפיציר זיך געפּרואווט פאַרטיידיקן.

— שווייגן! מען פרעגט דיך ניט! דער ערשטער עראָפּלאַן! אַט וועט ער אַראָפּלאָזן אַ באָמבע אַף דער באַטאַרייע, וועט איר האָבן דעם ערשטן עראָפּלאַן! אידיאָטן!

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אָפּגעקערט און אַ צעקאַכטער פון קאַס איז ער אַוועק צוריק אין דער קאָמענדאַנטור. אַלץ האָט אין אים געציטערט פאַר רעציכע. אַ פאַרשאָלטענער טאָג, פאַרשאָלטענע מענטשן.

— נו, וואָס, דער סטאַראָסטע האָט זיך אָפּגעזוכט?

דער דערשראָקענער פעלדפעבל איז אויפגעשפרונגען פון שטול.

— הער קאַפּיטאַן, ס'איז ניט געווען קיין באַפעל פאַרצוזעצן דאָס זוכן...

ווערנער האָט צאָרנדיק אַ פאָרסקע געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט. נו, געוויס. איין אידיאָט גרעסער פון צווייטן, קיינער טראַכט ניט וועגן גאָרניט... און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט וועט פאַלן אַף אים איינעם, די גוטע פריינט אין שטאַב וועלן זיך שוין אַ פּליוס טאָן פאַר זיינעטוועגן.

דאָ איז אים אריין אַ געדאַנק, אַז אויב עס וועלן זיך אָנהויבן אומאָנגענעמלעכקייטן, וועלן עפּשער צוקומען נייע אומאָנגענעמלעכקייטן צוליב פּוסיאַן. דאָס וועט זיין אַ צוגאָב צו די רייד וועגן זיין ליבעראַלער באַנעמונג צו דער באַפעלקערונג.

„מען דאַרף פון איר פּאָטער ווערן" — האָט ער אומגערן אַ טראַכט געטאָן.

אים האָט זיך גאָרניט ניט געוואָלט טאָן. אים, אַ שלאַכט־אָפיציר, באַלעסטיקט מען מיט ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן און מען צווינגט אים איינצופירן אָרדענונג אין אָט דעם פאַרשאָלטענעם דאָרף. וואָס קאָן מען דאָ אויפטאָן? בערג מיט פּאַפּירן, פּאַפּירלעך און פּאַפּירלעך, פון וועלכע מען קאָן ניט אַרויסקריכן. דער סטאַראָסטע מיטן פעלדפעבל האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרקען אין די קאָלכאָז ביכער, אָבער אויך דערפון איז גאָרניט ניט אַרויסגעקומען. די אַרמיי פאָדערט ווייץ, פלייש, פעטס. אָבער די כיטרע באָלשעוויקעס האָבן נאָך אין האַרבסט אַוועקגעטריבן די טשערעדעס פון קאָלכאָז, און די עטלעכע קי וואָס זיינען געבליבן אין די הויפן, קלעקן קוים פאַרן אייגענעם אַפּטייל. נו, און די טוואָרע האָבן זיי

אָדער אַרויסגעפירט, אָדער אַזוי באַהאַלטן, אַז מען וועט זי פאַר קיין פאַל ניט אַרויסקריגן.

— נו, און די מאַשקאַנעס?

— זיי זיצן, הער קאַפּיטאַן.

— עסן האָט מען זיי געגעבן?

— ניין, הער קאַפּיטאַן.

— טרינקען?

— אויך ניט, — האָט יענער נאָך שטילער אַ בורטשע געטאָן.

— דאָס איז גוט, דאָס איז זייער גוט... קיין ברעקל ברויט, קיין טראָפּן וואַסער! זיי ווילן אונדז ניט געבן עסן, וועלן מיר זיי אויך קיין עסן ניט געבן... זיי ווילן קראַפּירן, זאָלן זיי קראַפּירן. אַ קליינער אומגליק.

ניין, ער האָט ניט געקאָנט איינזיצן באַם טיש. ער איז ווידער אַרויס. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וואָלט עפּשער באַדאַרפט אַריינגיין אַהיים, נאָר דער געדאַנק וועגן פּוסיאַן האָט אים אָנגעפילט מיט לאַנגווייל. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די פּאָזיציעס, וואו ס'איז געשטאַנען די אַרטילעריע. אַרטילעריע איז געווען זיין שוואַכקייט, כאָטש ער איז ניט געווען קיין ספּעציאַליסט אַף דעם דאָזיקן געביט. איצט האָט ער באַשלאָסן אויסצולאָדן זיין שלעכטע שטימונג און דורכפירן אַ מושטיר־לעקציע פאַר דער מאַנשאַפט פון דער באַטאַרייע.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט אַף דעם דאָרף פּלאַץ זיך שוין געהערט זיין שאַרפע שטים, וואָס האָט אויסגעשריען באַפעלן און זידלערייען אַפן אַדרעס פון די סאָלדאַטן.

— ער ווילדעוועט, — האָט באַמערקט איינער פון די סאָלדאַטן אין דער קאָמענדאַנטור.

— פאַרוואָס זאָל ער ניט ווילדעווען... קיין ווייץ איז אַלץ ניטאָ און דערצו נאָך איז דער סטאַראָסטע אַנטלאָפן...

— אַ פלינקער יונג...

דער פעלדפעבל האָט פאַרדעכטיק אַ קוק געטאָן אַף דעם רייידנדיקן.

— וואָס, איר זייט עפּשער מעקאַנע דעם סטאַראָסטע?

— וואָס איז אים דאָ מעקאַנע צו זיין, הער פעלדפעבל? — האָט דער סאָלדאַט געפרעגט, קוקנדיק אומשולדיק אין דעם פעלדפעבלס בלויע אויגן. — ווייט וועט ער ניט אַנטלויפן, אונדזערע וועלן אים כאַפּן.

— אויב ער איז אַנטלאָפן הינטער אונדזערע ליניעס, — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

— און אויב אין דער אַנדערער ריכטונג, וועלן די באָלשעוויקעס פון אים אָפּשינדן די פעל. ניין, אים איז ניטאָ וואָס מעקאַנע צו זיין.

— און עפשער האָבן אים די מוזשיקעס ערגעץ פאַרטיק געמאַכט. דער פעלדפעבל האָט אויפגעציטערט.

— וואָס פּלוידערסטו? ווי האָבן די מוזשיקעס געקאָנט דערהאַרגע־נען? ער איז דאָך דאָ געזעסן ביז שפּעט באַנאַכט און אַהיים איז ער אינגאַנצן ניט געקומען.

— אָפן וועג, צום ביישפּיל...

— באַנאַכט גייט דאָ קיינער ניט אַרויס. דער באַפעל איז געווען קלאָר! — האָט דער פעלדפעבל שטאַרק אָנגעשריגן.

דער סאָלדאַט האָט אויף אים געוואָרפן אַ זייטיקן בליק, נאָר ער האָט געשוויגן. דער פעלדפעבל האָט דאָך ניט געקאָנט פאַרגעסן אין איין טאָג אַז ניט געקוקט אויף דעם באַפעל, ניט געקוקט אויף די פּאַטרולן האָט זיך אַ אינגל אונטערגעגאַנוועט צום שטאַל און דערנאָך, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין, איז דעם אינגלס קערפּער פאַרשוואונדן אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אויפן, כאָטש ס'איז באַוואוסט, אַז די טויטע קערפּערס טראָגן זיך אַליין ניט אַריבער פון איין אָרט אויפן אַנדערן.

— און אין אַלגעמיין, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רייד? טוט אייער אַרבעט! — איז דער פעלדפעבל אין כּעס געוואָרן.

די סאָלדאַטן זיינען שטיל געוואָרן. דער פעלדפעבל האָט געקאָנט דערלאַנגען אין פּיסק ניט ערגער פון דעם קאַפּיטאַן. און אַזוי ווי ער האָט היינט אַריינגעקראָגן, — אויף זיינע באַקן זיינען נאָך געווען די טונ־קעלע אָפּדרוקן פון פינגער — קאָן ער צו יעדן מאָמענט אָפּרייסן זיין כּעס אויף אַנדערע.

וואנדא וואשילעווסקא

— וואו איז ניימאַן?

— אוועקגעשיקט מיט א קאָמאַנדע צו זוכן פּלייש.

דער פּעלדפעבל האָט א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— זוכן פּלייש... וואָס איז, זיי ווייסן ניט וואו די קי געפינען זיך?

— קיין קי איז שוין קימאַט ניטאָ, הער פּעלדפעבל. דער הער קאַפּיטאַן האָט דאָך אייערנעכטן אוועקגעשיקט צען שטיק אין שטאַב. זיי זיינען אוועק זוכן הינער.

דער פּעלדפעבל האָט נאָכאַמאָל א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און זיך פאַרטיפט אין פּאַפּיר, וואַרטנדיק אַז מען זאָל אָנקלינגען פון שטאַב. ער האָט זיך אין דער שטיל געפרייט מיט שאָדן־פריידן. אין פּיסק אריין איז גרינג צו געבן, אָבער קריגן פּראָדוקטן, וואָס דער שטאַב פאָדערט, איז א ביסל שווערער. און אויסגעפינען וואו די פּאַרטיזאַנען האַלטן זיך אויף איז ניט גרינג. ער האָט געוואוסט, אַז דעם קאַפּיטאַן דערוואַרטן ערנסטע אומאָנגענעמלעכקייטן. און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַרבעטנדיק מיט אים, אַז קיינער וואָלט דאָ ניט געקאָנט אויפטאָן קיין זאַך, האָט ער זיך פאַרט געפרייט, וואָס דער קאַפּיטאַן ברעכט האַלדז און נאָכן באַ אָט דער אַרבעט.. ער האָט שוין צופיל פאַרזען די נאָז, צו ווייניק געטראַכט וועגן דינסט און צו פיל וועגן זיין ליובאָווניצע, וואָס זעט אויס ווי א שטשור. איצט וועט ער פאַר אַלצדינג מוזן באַצאָלן.

א טעמפּער פּאַרדראָס איז אָנגעוואַקסן באַם פּעלדפעבל אין האַרצן נאָך פון יענעם טאָג, ווען אַריינקומענדיק אין שטעטל האָט ער מיטן קאַפּיטאַן זיך אַריינגעריסן אין א וואוינונג פון וואַנען מ'האָט געשאָסן פון פענצטער, בעיים די רוויטע זיינען צוריקגעטראָטן. אין דער וואוינונג האָבן זיי קיינעם ניט געפונען, נאָר דער פּעלדפעבל האָט אין שאַפע געפונען א וואונדערלעכן פרויען־מאַנטל פון גרויען פוטער. גראָד האָט מען אַף מאָרגן געקאָנט אָפּשיקן אהיים א פּעקל: מיצי האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט האָבן א פוטערנעם מאַנטל. אָבער דער קאַפּיטאַן האָט עס באַ אים אוועקגענומען — פאַר זיין מאַלפּע. און איצט זיצן זיי אין דאָרף. וואו זאָל ער דאָ נעמען א פוטערנעם מאַנטל פאַר מיצין? כויץ די שטינקנדיקע

שאָפּענע פּעלצלעך איז דאָ ניטאָ גאָרניט. מיצי פּרירט אין אַ קלאָגעדיקן רעקל און דעם קאַפּיטאַנס ליובאָווניצע שפּאַצירט אַרום אין דעם פוטער־נעם מאַנטל. דער פעלדפעבל האָט ניט געקאָנט טראַכטן וועגן דעם אָן פאַרדראָס און האָט געהאַלטן אין איין קלערן וועגן נייע מעסירעס אַפן קאַפּיטאַן. אין שטאַב האָט מען וועדנערן אויך ניט ליב דערפאַר, וואָס ער פאַרייסט די נאָז און האַלט זיך בעסער פאַר אַנדערע און מיט וואָס איז ער בעסער? פעלדפעבל זאַוזע האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן וועגן דעם, אַז דער פירער אַליין איז אין זיין צייט געווען אַ פעלדפעבל. די שטראַלן פון דעם פירערס רום זיינען געפאַלן אויך אַף דעם פעלדפעבל זאַוזע און ער האָט ניט געקענט מויכל זיין דעם קאַפּיטאַן ניט דעם צוגענומענעם פוטערנעם מאַנטל און ניט דעם פּאַטש, וואָס ער האָט אייגנטלעך געקראָגן ניט צום ערשטן מאָל.

די געשרייען פון דעם קאַפּיטאַן האָבן זיך פון קירך דערטראָגן אַהער, און זאַוזע האָט בייזוויליק געשמייכלט. שריי, שריי, אַסאַך וועט עס דיר העלפן!

איבערן דאָרף האָבן געטומלט די דייטשישע סאָלדאַטן. זיי זיינען טשאַטעסוויז געגאַנגען איבער די כאַטעס. זיי וואָלטן זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, ווען עמעצער וואָלט זיי באַשולדיקט אין פּאַכדאָנעס. אָבער אַפילע אין מיטן העלן טאָג האָבן זיי זיך ניט געפילט היימלעך אין אָט דעם פאַרשאָלטענעם דאָרף און זיי זיינען אומגעגאַנגען גרופּנוויז.

גראָכאָטשיכע האָט געעפנט די טיר אַפן קלאַפּ און האָט אָנגעכמו־רעט, אָבער דרייסט באַטראַכט די פּענעמער פון די סאָלדאַטן. די מיידע־לעך האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון כאַטע.

— וואָס איז?

— הינער, הינער גיב אַהער!

— ניטאָ קיין הינער, איר האָט שוין אַלץ אויפגעפרעסן.

ניט פאַרשטייענדיק די ווערטער, האָבן זיי פאַרשטאַנען זייער זין. אָבער זיי האָבן איר ניט געגלויבט. זיי זיינען אַוועק איבערן הויף, אַריינ־געקוקט אין דער הינער־שטייג, אין שטאַל, פאַנאַנדערגעוואָרפן די שטרוי אין דעם ליידיקן שפּייכלער, גלייך ווי דאָרט וואָלטן געקענט זיצן הינער. זי האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, צוקוקנדיק ווי זיי שמייען אַרום.

— ניטאָ גאָרניט, — האָט געזאָגט אַ סאָלדאַט נאָכדעם ווי ער האָט דורכגענישטערט די שטרוי.

זיי זיינען אַוועק ווייטער, פון שטאָל צו שטאָל, פון כאַטע צו כאַטע.

— הינער, הינער גיב אַהער!

די איינציקע הון, וואָס כאַניוטשיכע האָט באַהאַלטן אונטערן אויוון, האָט אַף איר בייז מאַזל זיך צעקוואָקעט ניט אין צייט. די דייטשן האָבן מיט טריומף זי אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן אויוון. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט, איז אַרויפגעשפּרונגען אַ דערשראָקענע אַפן פענצטער און האָט גענומען פּאַטשן מיט די פליגל אָן די טאַפּליעס.

— פון דער זייט, פון דער זייט פּאַרגיי!

די הון האָט מיט אַ לעבערדיקן געשריי זיך אַ וואָרף געטאָן אין פיר־הויז און איז אַרויסגעפלויגן אין דרויסן. די סאָלדאַטן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך איר. זי האָט זיך געטראָגן מיט צעשפּרייטע פליגל, אויפשטויבנדיק דעם טרוקענעם שניי. איינער פון די סאָלדאַטן האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און אויסגעשאָסן. די דורכגעשאָסענע הון, פאַרוואַנדלט אין אַ בלוטיקן קנויל, איז געבליבן ליגן אַפן שניי. דער סאָלדאַט האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר די פיסלעך און זינגעריש זי אַ טרייסל געטאָן אין דער לופטן.

זיי זיינען געגאַנגען פון כאַטע צו כאַטע. „הינער, הינער גיב אַהער!" האָט זיך איצט דאָ און דאָרט געהערט זייער מאָנענדיקער געשריי.

מ'האָט זיי באַמערקט פון דער ווייטנס. ווער ס'האָט באַוויזן, האָט אין איילעניש באַהאַלטן אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט באַהאַלטן. די הינער האָט מען אַרונטערגערוקט אונטערן אויוון, אונטערן בעט, אונטער די פּערינעס, זיי באַהאַלטן אַפן בוידעם. די דייטשן האָבן געזוכט, גענישטערט, געשמעקט ווי הונגעריקע הינט. אָבער דער רויב איז געווען אַ מאָגערער. ענדלעך האָבן זיי באַשלאָסן, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס זיי האָבן ניט געקראָגן דעם געהעריקן באַפעל, אַרויסצופירן פון שטאָל איינע פון די עטלעכע קי, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין דאָרף. לאָקוטיכע האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן און האָט פאַרבראָכן מיט די הענט. מ'האָט זי אָפּגעשטופּט אַזוי, אַז זי איז שיר ניט אומגעפאַלן.

— ראַבינקע, ראַבינקע!

די קו האָט געקוקט מיט מילדע, פייכטע אויגן ווי אָפּגעשיילטע קאַ־

טשאנעס. מ׳האָט זי געשלעפּט פאר א שטריקל, נאָר זי האָט זיך געווערט. דער בליסטשענדיקער שניי האָט איר געבלענדעט די אויגן. ניט ווײַלנדיק אריבערטרעטן די שוועל איז די קו געפאַלן אַף די פאָדערשטע פיס. איינער פון די סאָלדאַטן האָט זי א ריס געטאָן פארן עק, און זי האָט קלאָגעדיק א מעקע געטאָן.

— ס׳איז דאָך א קעלביקע קו, א קעלביקע! — האָט לאָקוטיכע געשריען. — גוטע מענטשן, וואָס טוט זיך דאָ אַף דער ליכטיקער וועלט! ס׳איז דאָך א קעלביקע קו!

— שריי ניט, מאַמע, — האָט פינצטער געזאָגט איר עלטערער זון, דער צען־יאָריקער סאַווקאַ, קוקנדיק פון אונטערן שטערן אַף די דייטשן.

— וואָס זשע וועל איך אייך געבן עסן, קינדער מיינע אייגענע, מיט וואָס וועל איך אייך דערהאַלטן באַם לעבן! ס׳איז גאָרניט ניט געבליבן, בלויז די ראַבינקע, און זיי פירן זי אויך אַוועק. אָך, שטאַרבן וועלן די קינדער מיינע, פון הונגער וועלן זיי שטאַרבן.

— אָבער שריי ניט, מאַמע, — האָט נאָך שטרענגער זי סאַווקאַ א צופּ געטאָן.

די קו איז ענדלעך אריבער די שוועל. די סאָלדאַטן האָבן זי געשטופּט, געשלעפּט, באַשאָטן מיט קלעפּ. לאָקוטיכע איז מיטגעלאָפן און געפּרואווט כאָטש נאָך איינמאָל אָנרירן דעם אויפגעבלאָזענעם בויך פון איר שפּייזערן.

— ראַבינקע! ראַבינקע!

די קו האָט זיך אומגעקוקט אַף דער באַלעבאָסטע מיט גרויסע פּייניקטע אויגן און גענומען קלאָגעדיק מרוקען.

— ליבינקע מיינע, א בעהיימע און פארשטייט וואָס עס טוט זיך. ראַבינקע!

זי איז געלאָפן, האָט זיך געפּלאָנטערט אין איר לאַנגן קליידל, א רויטע, א פּאַרוויינטע. זי האָט פארגעסן וועגן אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר ארום איר, ביז עמעצער האָט זי אַזוי א שטופּ געטאָן, אַז זי איז מיט א קרעכץ אַוועקגעפאַלן אַפן שניי. סאַווקאַ איז מיט א ברייטן, מענערשן שפּאַן צוגעקומען צו איר.

— כ׳האָב דיר געזאָגט, מאַמע... וועט עס דיר דען העלפן? שטיי אויף. ווי קאָן מען דאָס! ס׳איז דאָך אַזאַ פּראָסט!

זי האָט איינגעגראָבן דעם פּאָנעם אין שניי, זיך פאַרכלינעט פון גע־וויין. מיט זיינע שוואכע קינדערשע הענטלעך האָט סאַווקאַ זי געפּרואווט אויפהויבן.

— וואָס וועט איצטער זיין, וואָס וועט זיין מיט אונדז?

—זיי שטיל! — איז סאַווקאַ אין כּאַס געוואָרן. — וויפל קי מ'האָט אוועקגענומען, האָט קיינער ניט געמאַכט אַזוינע געוואַלדן.

— איר זייט דאָך אָבער באַ מיר זאַלבעפינפט, — האָט זי זיך פאַרטיידיקט.

—און אַנדערע האָבן צו אַכט...

— און דו לערן מיר ניט, אום גאָטס ווילן. ווי אַזוי רעדסטו דאָס צו אַ מאַמען?

— גיי, גיי בעסער אין שטוב אַריין. ניורקע שרייט דאָרטן, איז זיך אינגאַנצן פאַרגאַנגען.

— זי שרייט, זאָגסטו?

שאָרכנדיק מיט דעם אָפּגעפרוירענעם זוים פון קליידל, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער כאַטע. סאַווקאַ איז איר נאָכגעגאַנגען מיט אַ שווערן טראָט פון אַ מידן מאַנסביל.

די גרופּע סאָלדאַטן, וואָס האָט אונטערגעטריבן די קו, איז פאַר־שוואונדן הינטערן הויז פון דער קאָמענדאַנטור. דאָרט אין שטאַל האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אַ מין שלאַכט־הויז. אין עטלעכע מינוט אַרום איז די אָפּגעשונדענע קו שוין געהאָנגען אויף אַ באַלקע.

דערווייל איז ווערנער מיד געוואָרן פון דעם אייגענעם שרייען און האָט זיך אומגעקערט פון דאָרפס־פּלאַץ אין דער קאָמענדאַנטור.

— הער קאַפּיטאַן, דערלויבט צו מעלדן, מ'האָט רעקווויזירט אַ קו,

— האָט דער פעלדפעבל ראַפּאָרטירט.

דער קאַפּיטאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אויף די ווירט־שאַפטלעכע קלייניקייטן זיינען אים שוין דערעסן צום טויט. היינט אַ קו, מאָרגן אַ קו און וואָס וועט זיין אין עטלעכע טעג אַרום? די קאָמאַנדע האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז די אָפּטיילן זאָלן זיך אַליין באַזאָרגן מיט שפּייז אין די דערפער, וואו זיי שטייען איין. ס'איז נאָך קיין כוידעש ניט אוועק, און דאָס דאָרף איז אינגאַנצן אויסגעליידיקט,

שוין אויפגעגעסן אַלע געגנדן, הינער, קאַטשקעס, אַלע כאַזיירים. געבליבן נאָך עטלעכע קלאָגעדיקע קי און וואָס וועט ווייטער זיין?

— נו, וואָס צוגעשיקט עפּעס פּראָדוקטן?

— ווייך און שאָקאָלאַד, הער קאַפּיטאַן.

— מער גאָרניט?

— מער גאָרניט, הער קאַפּיטאַן. אייערנעכטן האָט מען אונדז נאָכ־אמאָל דערמאָנט וועגן דעם באַפעל, אַז מיר זאָלן זיך אַליין באַזאָרגן פון די אָרטיקע זאַפּאַסן. דעם ווייך און שאָקאָלאַד אייך אָוועקשיקן אַהיים?

— שיקט אַוועק, אָבער זעט אַז מען זאָל אַפּן וועג ניט אויפפרעסן.

— ניין, הער קאַפּיטאַן, אַלץ איז אין אַ פאַרזיגלטן קעסטל.

ווערנער האָט פאַרשפּילעט דעם שינעל און האָט עפּעס אַרומגע־טראַכט בעיים ער האָט לאַנגזאַם צונויפגעדרייט אַ פּאַפּיראָס.

— אָט וואָס, זאָוזע...

— צום באַפעל, הער קאַפּיטאַן.

— די שפּייז־באַזאָרגונג ווערט אַדורכגעפירט אָן שום אָרדענונג. פון היינטיקן טאָג אָן וועט איר זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער באַ־זאָרגונג.

— יאַוואָל, הער קאַפּיטאַן, — האָט דער פעלדפעבל געזאָגט. זיין פּנים איז צעקרימט געוואָרן פאַר פאַרדראָס. ווערנער איז שוין געווען באַם טיר.

— הער קאַפּיטאַן!

— נו, וואָס נאָך?

—וועט איר דערלויבן רעקווירירן אין די דערבייאיקע דערפער?

יענער האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— מאַכט זיך ניט צום נאַר. יענע דערפער זיינען באַשטימט פאַר אַנדערע אָפּטיילן. איר ווייסט דאָס גאַנץ גוט.

— דאָ איז שוין ניטאָ גאָרניט, הער קאַפּיטאַן.

— גרינגער פון אַלץ איז צו זאָגן: ניטאָ גאָרניט. ניין, מען דאַרף אַ זוך טאָן, איר פאַרשטייט? אַ זוך טאָן דאַרף מען. אַז איר וועט גוט זוכן, וועט איר געפינען.

ער איז אַרויס און האָט אַ האַק געטאָן מיט דער טיר.

קאַפּיטל אַכט

פּוסיאַ איז אַרויס פון הויז און האָט זיך אומזיכער אַרומגעקוקט. זי האָט געפילט, אַז ס'האָט ניט דעם מינדעסטן זין צו גיין צו דער שוועסטער, אָבער קורט איז באַשטאַנען דערויף און האָט עס געפּאָדערט אַלץ שאַרפער און האַרבער.

— זי איז דאָך דיין שוועסטער. וואָס הייסט, דו וועסט זיך ניט קאָנען צונויפריידן מיט אַן אייגענער שוועסטער? דו ווילסט ניט, דאָס אַליין. נו, גוט, ס'וועט קומען אַ צייט ווען איך וועל אויך עפּעס ניט וועלן...

פּוסיאַ האָט זיך דערשראָקן. זי איז דאָך געווען אָפּהענגיק פון קורטן. וואָס וועט זיין, אויב אים וועט איינפאַלן זי איבערצולאָזן אָט־דאָ אין דאָרף, וואו אַלע קוקן אַף איר ווי אַף אַ סוינע?

מיט די הענט פאַרוקט אין די אַרבל פון פוטערנעם מאַנטל, איז זי געגאַנגען לאַנגזאַם איבער דער גאַס. דער געשפּרעך וואָס איז פאָרגעשטאַנען, איז געווען פולשטענדיק האָפענונגסלאָז. זי האָט דאָך ניט געקאָנט זאָגן קורטן, אַז זי האָט שוין איינמאָל גערעדט מיט איר שוועסטער, אויב מען קאָן באַצייכענען מיטן וואָרט „ריידן" דעם ווילדן סקאַנדאַל, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן זיי באַלד נאָכדעם ווי פּוסיאַ איז געקומען אין דאָרף אַריין. אָלגאַ האָט דאָך איר פּאַשעט אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם. און דאָס איינציקע, וואָס פּוסיאַ האָט אויסגעפונען, איז געווען די צאָרנדיקע ווערטער, וואָס האָבן זיך באַ אָלגאַן אַרויסגעכאַפּט וועגן וואַסיאַן, וואָס איז געלעגן אין טאָל. אָלגאַ האָט זי געוואָלט באַליידיקן, דערנידעריקן דערמיט, וואָס זי וואוינט אין דער כאַטע פון אַ פרוי, וואָס איר זון איז אומגעקומען אין שלאַכט. וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט איר, מיט פּוסיאַן?

נאָר אָלגאַן האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט יאָ צו טאָן. אָלגאַ האָט אָנגע־שריגן אַף איר און איז אַוועק. דאָס אַלץ. נו, איז ווי זאָל זי איצט גיין צו איר, ווי זאָל זי מיט איר ריידן?

די צווייגן אַף די ביימער באַם וועג האָבן זיך געזילבערט פון פראָסט. דער שניי האָט געפינקלט און זיך געמיניעט מיט אַלערליי קאָלירן אַף דער זון, פאַרמאַטערנדיק די אויגן מיטן שאַרפן בליאַסק. פוסיאַ האָט אַ זיפץ געטאָן און זיך דערמאָנט וועגן סעריאָזשאַן. ניין, סעריאָזשאַ האָט קיינ־מאָל ניט געשריען, קיינמאָל זיך ניט געבייזערט אַף איר. ניט מער, ער פלעגט אַמאָל אַ זיפץ טאָן און זיך פאַרטראַכטן. אָבער איצט האָט עס קיין זין ניט צו טראַכטן וועגן סעריאָזשאַן. איצט איז קורט איר מאַן.

ס'האָט זי אָנגעכאַפּט אַ קאַס. ווי וואָגט ער? נאָר זי האָט געוואוסט, אַז ער וואָגט און אַז זי קאָן זיך ניט העלפן. זי האָט זיך באַצויגן צו קורטן פונקט ווי צו סעריאָזשאַן. הייסט עס, אַז ניט זי איז שולדיק אין דער קריגעריי. זי און קורט זיינען אינגאַנצן פאַרשיידענע מענטשן, גאָר ניט ענלעך איינער אַפן אַנדערן.

ס'איז שוין נאָנט צו דער כאַטע, וואו אָלגאַ וואוינט. נאָך עטלעכע טריט. וואָס זאָל זי טאָן? אָנקלאַפּן און אַריינגיין? ניין, דאָס איז אומעג־לעך. פוסיאַ איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אין קווענקלעניש, נאָר דער פראָסט האָט, ניט געקוקט אַף די וואַרעמע שיך, איר געצופּט די פינגער פון די פיס, און זי האָט פאַרקירעוועט אַף צוריק. זאָל קורט טאָן וואָס ער וויל. זאָל ער שרייען, זאָל ער זיך בייזערן, — ס'האָט קיין זין ניט נאָכ־אַמאָל אויסצושטיין אָלגאַס בייזע, באַליידיקנדיקע ווערטער. ווען דאָס וואָלט כאָטש געקאָנט פירן צו עפּעס; ווייסט זי אָבער, אַז פון דעם גע־שפּרעך וועט גאָרניט, אַבסאָלוט גאָרניט ניט אַרויסקומען. זי איז אָפּגע־גאַנגען עטלעכע טריט און האָט זיך ווידער גענומען קווענקלען. וואָס זאָל זי טאָן? שוין בעסער וואָלטן זיי דערהאַרגעט אָלגאַן אַזוי ווי זיי האָבן דערהאַרגעט אַלענאַן. וואָלט דאָס איר פאַרשפּאָרט אָט דעם קלאָפּאָט און די סקאַנדאַלן. פוסיאַ האָט זיך אומגעקוקט אַף דער כאַטע, וואו איר שוועסטער וואוינט, און איר האַרץ האָט אומאָנגענעם אַ ציטער געטאָן: עמעצער איז אַרויס פון טיר. זי האָט זיך גענומען טאָפּטשען אין שניי, ווי מען וואָלט זי געכאַפּט באַ אַ פאַרברעכן און האָט אַ וואָרף געטאָן אַ זייַ־טיקן בליק. ניין, דאָס איז ניט געווען אָלגאַ, נאָר איר באַלעבאָסטע. די

פרוי איז געשטאנען בא דער טיר און פארשטעלנדיק די אויגן פון דער זון האט זי זיך איינגעקוקט אין דער ווייטקייט. דערנאך האט זי עטוואס געעפנט די טיר און עפעס א געשריי געטאן. באלד האט זיך ארום איר געשאפן א קרייז מענטשן. אלע האבן זיי פארשטעלט די אויגן פון דעם בלענדנדיקן בליאסק פון דעם שניי און פון דער זון און געקוקט אין איין ריכטונג.

פעאדאסיא קראוטשוק איז אויך ארויס, ווען זי האט באמערקט די מענטשן אף דער גאס. זי האט א קוק געטאן אהין, וואו אלע האבן גע־קוקט. איר הארץ האט זיך אף א רגע אפגעשטעלט און האט פלוצעם זיך אנגעהויבן צאפלען ווילד, האסטיק, ווי די צונג פון אן אלארעם־גלאק. איבערן וועג, דערנענטערנדיק זיך לאנגזאם צום דארף זיינען געגאנגען מענטשן. אלע זיינען זיי געגאנגען אין געשלאסענע רייען. אף דער זון האבן געבליסטשעט זייערע באגנעטן.

— דייטשן קומען, — האט מען גענומען ריידן אין די כאטעס.

— קארג האבן מיר זיי דא, דארפן נאך קומען נייע...

— וואס, זיי מיינען, אז זיי וועלן דא געפינען צו פרעסן?

— דאס זיינען ניט קיין דייטשן, — האט פלוצעם געזאגט באדיור־טשיכע מיט א שטים, וואס איז געווען אנגעצויגן ווי א סטרונע. — ליי־בינקע מיינע, גיט נאר א קוק, דאס זיינען דאך ניט קיין דייטשן.

— ביסט פון זינען אראפ? ווער דען קאן דאס זיין, אויב ניט קיין דייטשן.

— אונדזערע, בארמהערציקער גאט, אונדזערע גייען...

— גיט נאר א גוטן קוק, באבאס, ווי קאנען דאס אונדזערע אזוי גיין? אין מיטן העלן טאג איבערן וועג?

— מאמע, אבער די שטערן אף די היטלען, די שטערן! — האט מיט א דין שטימעלע אויסגעשריגן גרישא באניוק.

— וואס רעדסטו? דו זעסט די שטערן? דו זעסט זיי גוט?

דער העלער בליאסק האט געבלענדעט די אויגן און געשטערט צו זען. זיי האבן מיט פארצווייפלונג אנגעשטרענגט די בליקן און געפרואווט זען די אנקומענדיקע.

— אונדזערע? דייטשן?

— וואָסערע אונדזערע... ס'האָט זיך גרישוטקען אויסגעדראַכט... גיט אַ קוק, די דייטשן שטייען אויף די פּאָסטנס און טראַכטן אפילו ניט וועגן שיסן.

— און גרישאַ איז גערעכט, — האָט פּלוצעם דערקלערט אַלעק־סאַנדער, — די היטלען זיינען אונדזערע...

— אונדזערע?

— נאָר פרייען זיך איז ניטאָ וואָס. קוקט זיך נאָר איין, איצט קאָן מען זען.

זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. יאָ, איצט האָט מען ווירקלעך גע־קאָנט זען. איבערן וועג איז געאַנגען אַן אָפּטייל רויטאַרמייער. אפילו ניט געגאַנגען, נאָר זיך געשלעפּט איבערן שניי, און באַ די זייטן האָבן זיך באַוועגט באַוואָפנטע דייטשישע קאָנוואָיערס.

— אונדזערע געפאַנגענע פירט מען, — האָט זיך דערהערט אַ פאַר־צווייפלטער געמורמל.

— מען פירט אונדזערע...

אָפן גאָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלץ מער מענטשן. מיט ברייט צע־עפנטע אויגן, פול מיט שוידער, האָבן זיי געקוקט אויף דער אַנקומענדיקער גרופּע. ס'איז שוין געווען גרינג צו זען, אַז די מענטשן שלעפּן קוים מיט די פיס. די באַגלייטנדיקע סאָלדאַטן האָבן אויף זיי גראָב געשריגן.

—גאָט דערבאַרעמדיקער, פאַרוואונדעטע פירט מען אויך...

— מען האָט באַ זיי צוגענומען די וואַלענקעס, זיי גייען באָרוועסע...

— אינגאַנצן אַ פאַרבלוטיקטער, גיב אַ קוק, סאָניאַ...

אַ פאַרבייגייענדיקער דייטש האָט זיך רעציכעדיק צעשריגן אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט באַ די כאַטעס, נאָר זיי האָבן אים ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט און ווייטער געקוקט אויף דער אַנ־קומענדיקער פּראָצעסיע.

— באַרמהערציקער גאָט...

יענע זיינען שוין אריין אין דאָרף. איצט האָט מען שוין פון דער נאָנט געקאָנט זען די אויסגעמוטשעטע, טויט־בלאַסע, בלוי־געוואָרענע פּע־נעמער פון די געפאַנגענע. אַ רויטאַרמייער אין דער צווייטער ריי האָט זיך קוים געשלעפּט און זיך געוואַקלט ווי אַ שיקערער.

— עי, דו! — האט א קאנוואיער אף אים אנגעשריגן, און דער פארוואונדעטער האט זיך אויסגעגלייכט און געפרואווט גיין ווי די איי בעריקע. עמעצער פון די כאווירים האט אים פארזיכטיק אונטערגעהאלטן, ווען ער האט זיך א צו שטארקן וואקל געטאן. נאר באלד האט זיך אף דער אונטערהאלטנדיקער האנט אראפגעלאזט א שנעלער קלאפ מיט א קאלבע. די האנט איז געבליבן הענגען א לעבלאזע לענגוים דעם קערפער, ווי א צעבראכן צווייגל.

מיט מאטערניש האבן זיי געשלעפט די וואונדיקע, בארוועסע פיס, איבערלאזנדיק בלוטיקע שפורן אפן שניי. זיי זיינען געפאלן און האבן זיך שווער אויפגעהויבן, זיך אנשפארנדיק אף די הענט. אף זיי האבן זיך געשאטן קלעפ און קאלבעס.

פוסיא איז געשטאנען און האט געקוקט, ווי אנדערע. זי האט דערזען די בלייכע, שרעקלעכע פנעמער מיט די פיבערדיק־ברענענדיקע אויגן: דאס פארגליווערטע ברוינע בלוט אף די באנדאזשן, געמאכט פון ברודיקע שמאטעס; די שווארץ־געווארענע, אפגעפרווירענע פיס. דער געווייגלעכער זינלאזער שמייכל איז פארגליווערט געווארן אף די ליפן.

— לאך ניט! — האט זי דערהערט גלייך בא איר אויער און איז אפגעשפרונגען א דערשראקענע. דאס איז געווען אלגא. מיט צונויפגעדריקטע ליפן ,מיט געביילטע פויסטן, מיט ברעמען, וואס האבן זיך ארונטערגערוקט צו דער נאז, האט זי געקוקט אף די פארבייגייענדיקע געפאנגענע. און פלוצעם האט זי, דורך דעם רויטן נעפל, וואס האט איר פארשטעלט די אויגן, דערבליקט דאס שמאלע, בלייכע פנעמל פון איר שוועסטער, דעם בליאסק פון אויערינגל איבער דעם פוטערנעם קאלנער און דאס שמייכעלע, וואס איז געווען צוגעקלעפט צו די געפארבטע ליפן.

— לאך ניט!

פוסיא איז צוריקגעטראטן. גלייך לעבן אירע אויגן האט זי געזען אלגאס צארנדיקע ברייט צעעפנטע אויגן און אירע ליפן, וואס האבן געאטעמט מיט קאס.

— איך לאך ניט, — האט יענע געענטפערט א דערשראקענע.

— דו לאכסט יא, — האט אלגא געזאגט און מיטן גאנצן קויעך איר דערלאנגט א קלאפ איבער אט דעם פארגליווערטן שמייכעלע, איבער

דעם בלייכן פּאָנעם, איבערן פּאָנעם פון דעם דייטשישן אָפיצירס ליו־באָוניצע. פוסיא האָט אַ קוויטש געטאָן ווי אַ הינטל, האָט זיך צונויפ־געדריקט און אויסברעכנדיק אין אַ פּלוצימדיקן געוויין, האָט זי זיך גע־לאָזט לויפן אַהיים, זיך פאַרהאַקט, זיך געפּלאָנטערט אין די פּאָלעס פון דעם לאַנגן מאַנטל, זיך געכאַפּט מיט די הענט פאַרן קאָפּ.

און יענע זיינען אַלע געגאַנגען. אָט האָבן זיי זיך אויסגעגלייכט מיטן אוילעם. פיבערדיקע, ברענענדיקע בליקן, האָבן זיך געווענדעט צו די פרויען, וואָס זיינען געשטאַנען בײַ די כאַטעס.

— ברויט, — האָט איינער פון זיי געזאָגט. אַ קלאַפּ מיט אַ קאָלבע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין קאָפּ. נאָר באַלד האָט זיך אַ צווייטער אָפּגערופן:

— ברויט... מיר האָבן אַ וואָך ניט געגעסן...

— גאָט דערבאַרעמדיקער, האָט באַניוטשיכע אַ קרעכץ געטאָן. און אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די כאַטעס, צו די פאַרבאָרגענע ווינק־לען און מיט ציטערדיקע הענט אַרויסגענומען פון די פעקלעך, פון די טעפּלעך פון די באַהעלטענישן הינטער די איקאָנעס אַלץ וואָס זיי איז נאָך געבליבן צו עסן.

— שנעלער, שנעלער, אָ, דערבאַרעמדיקער גאָט, שנעלער, שנעלער מאַכט עס!

די ערשטע איז אַרויסגעשפּרונגען באַניוטשיכע. איגנאָרירנדיק דעם קאָנוואָי, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו די רייען. אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ שטיק טונקעלן ברויט, דאָס לעצטע וואָס זי האָט באַהאַלטן פאַר די קינדער.

— אוועק! — האָט אַ געשריי געטאָן אַ דייטש, נאָר זי האָט גאָר־ניט ניט געהערט און גאָרניט ניט געזען. זי האָט אָפּגעשטופּט דעם סאָל־דאַט און געוואָלט איבערגעבן דאָס ברויט דעם פאַרוואונדעטן רויט־אַרמייער.

— אוועק! — האָט נאָכאַמאָל אַ געשריי געטאָן דער סאָלדאַט און מיט אַ פולן שוואונג איר אַ זעץ געטאָן אין בויך.

באַניוטשיכע האָט זיך אָן אַ קרעכץ אַראָפּגעלאָזט אויפן שניי. דער דייטש האָט מיטן פוס אָפּגעוואָרפן אָן אַ זייט דאָס אַראָפּגעפאַלענע ברויט.

דאָס ברויט איז אַוועקגעפלויגן ווייט אין ריוו אַריין. איינער פון די אויס־געדאַרטע געשפּענסטער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך דעם. ס'האָט אַ קנאַל געטאָן אַ שאָס. דער געפאַנגענער איז געפאַלן באַם ראַנד פון שליאַך.

די פרויען האָבן אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אויף דער געכאַלעשטער באַניוטשיכע, זיי זיינען געלאָפן נאָך די געפאַנגענע, געפּרואווט זיי אַ וואַרף טאָן, צי אַריינרוקן אַ שטיק ברויט, אַ פּלעצל אויסגעבאַקן אין אַש. פון דער קאָמענדאַנטור זיינען אַרויסגעלאָפן סאָלדאַטן.

אַוועק! — האָט רעציכעדיק געשריגן דער פעלדפעבל. זיי האָבן זיך אַ וואַרף געטאָן אויף די פרויען, און זיי גענומען שלאָגן מיט די קאָלבעס. די פרויען האָבן פאַרשטעלט די קעפּ מיט די הענט, זיינען געפאַלן אויף די קני, געפּרואווט אונטערוואַרפן די שטיקלעך ברויט אונטער די פיס פון די גייענדיקע. איינער פון די געפאַנגענע האָט זיך אָנגעבויגן נאָך אַ שטיקל ברויט. ס'האָט אַ קנאַק געטאָן אַ שאָס, און דער דערהאַרגעטער איז גע־פאַלן צו די פיס פון זיינע כאַווייריִם.

— מען דאַרף ניט, בירגער, שטעלט ניט איין אייער לעבן אומ־זיסט, מען דאַרף ניט! — האָט מיט אַ הויכער, זיך אָפּרייסנדיקער שטים געזאָגט הויך איבער דער גאַנצער גאַס אַ יונגינקער פאַרוואונדעטער, וואָס האָט זיך מיט מאַטערניש געשלעפּט אַ הינקענדיקער אין דער לעצטער ריי. — סיי־ווי וועלן זיי אונדז ניט לאָזן קריגן קיין ביסן, איז צו וואָס זאָלן מענטשן אומזיסט אומקומען?

זיי האָבן אָן אים אויך געזען, אַז מען קאָן דאָ גאָרניט ניט העלפן. צוויי דערהאַרגעטע זיינען געלעגן אויפן שניי. באַניוטשיכע האָט מיט מאַ־טערניש זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, און די אַנדערע זיינען געשטאַנען מיטן ברויט אין די הענט און מיט צאַר געקוקט אויף די רויטאַרמייער, וועלכע האָבן האָפענונגסלאָז געקוקט אויפן ברויט.

— סאַשאַ! — האָט אַ געשריי געטאָן באַניוטשיכע צו איר זון, — וועסט גאָרניט ניט אויפטאָן! נעם צונויף די כעוורע; מען דאַרף לויפן אין פאָרויס, צום קער פון שליאַך און דאָרט אַוועקוואַרפן דאָס ברויט אויפן וועג און — שטעלן פיס! דער דייטש וועט ניט באַמערקן, און אונדזערע וועלן עפּשער אויפהויבן וואו ניט וואו אַ שטיקל ברויט.

ווי אַ ווינט וואָלט די קינדער אַראָפּגעבלאָזן פון גאַס, אַזוי זיינען

זיי מיטאמאָל פאַרשוואונדן. די פרויען זיינען אוועק צו די טירן פון זייע־רע כאַטעס. זיי האָבן געוויינט, געביסן די עקן פון זייערע קאָפּ־טיכלעך, געשקאָלט מיט די קעפּ אין שטומען צאַר.

— נו, ווי פילסטו זיך? — האָט אַ באַזאָרגטע געפרעגט פראָסיאַ גראַכאַטש, בעיס זי האָט באַניוטשיכען דערלאַנגט וואַסער און איר מיט שניי געריבן די שלייפן.

יענע האָט זיך אויפגעזעצט און פאַרדעקנדיק די אויגן מיט די הענט האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ צאַפּלדיקן, פיינלעכן געוויין.

— וואָס איז, ס'טוט שטאַרק וויי?

— ניין, ניין... וואָס רעדסטו, פראָסיאַ...

—איז וויין ניט, ס'איז גאָרניט. וועסט ליגן אַביסל וועט עס אַרי־בערגיין.

— וואָס רעדסטו, נאַרעלע, ס'איז דען וועגן דעם... נו, ס'איז מיר געוואָרן ניט גוט, וועט עס אַריבערגיין, עס איז גאָרניט... הער, פראָסיאַ, און איך טראַכט, אַז טאַמער וועט פיאָטער אָט־אַזוי... הערסט, איז וואָלט ער שוין בעסער געווען אומגעקומען אין דער ערשטער שלאַכט, בעסער זאָל אים אַ באָמבע צערייסן, בעסער זאָל אים אַ טאַנק צעקוועטשן. דו הערסט?

מיט אַ ליידנשאַפטלעכער דערשטיקטער שטים האָט זי געשעפּטשעט דעם מיידל גלייך אין פּאָנעם אַריין. פראָסיאַ האָט איר אַ דריק געטאָן די האַנט.

— באַרואיק זיך, באַרואיק זיך...

— דו הערסט? אויב ס'איז אַנדערש ניט מעגלעך, איז זאָל ער זיך בעסער אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ, זיך אַליין אויפרייסן מיט אַ גראַנאַט, נאָר ניט אַזוי, נאָר ניט אַזוי...

— נו, געוויס... און דו שטיי אויף, איך וועל דיר העלפן, אַניט וועסטו דאָ פאַרפרוירן ווערן.

באַניוטשיכע האָט זיך שווער אויפגעהויבן, זיך אָנשפּאַרנדיק אָף דעם מיידלס אַקסל, און איז מיט מאַטערניש דערגאַנגען צו איר כאַטע. גרישאַ האָט מיט גרויסע דערשראָקענע אויגן געקוקט אָף דער מוטער. זי האָט מיט אַ קרעכץ אַ פאַל געטאָן אָפן געלעגער. אַלצדינג האָט איר ווי

געטאָן, צום האַלדז האָט צוגעשפּאַרט אַן איבלדיקייט. נאָר זי האָט אַפילע ניט געטראַכט וועגן דעם.

— גרישאַ, קום אַהער!

דאָס יינגל איז צוגעקומען צום בעט.

— גרישאַ, דו הערסט וואָס איך זאָג דיר?

— איך הער, אָבער דו האָסט דאָך נאָך גאָרניט ניט געזאָגט...

— הער גרישאַ, אויב דיר וועט גאָט באַהיטן, אויסקומען אויסצוקלייבן צווישן טויט און דייטשן פּלען, קלייב אויס דעם טויט!

— וואָס ביסטו, פון זינען אַראָפּ? — איז פּראָסיאַ געוואָרן אין כּעס — דאָס יינגל איז אַלט פינף יאָר...

דאָס דערשראָקענע קינד האָט זיך צעוויינט.

— וואָס האָסטו איבערגעשראָקן דאָס קינד? ער פאַרשטייט דאָך נאָך גאָרניט, און ביז ער וועט אונטערוואַקסן, וועלן שוין ניט זיין מער קיין דייטשן...

באַניוטשיכע האָט זיך פאַרטראַכט.

— און עפּשער ביסטו טאַקע גערעכט... וואָס פאַר אַן עמעס וואָלט געווען אַף דער וועלט, ווען מען זאָל נאָך אַט דער מילכאָמע ניט אויסשעכטן אַט די הינטישע פּאַראָדע ביזן לעצטן!

זי האָט אָנגעהויבן קרעכצן און זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן בויך.

— אוי, פּראָסיאַ, איך וועל באַלד ברעכן...

— ס'איז בעסער, אַז דו וועסט אָפּברעכן. באַלד וועל איך דיר דערלאַנגען קאַלטע וואַסער.

זי האָט זיך גענומען פּאָרען, געוויוקט לייוונטענע שמאַטעס אין עמער וואַסער. באַניוטשיכע האָט איר נאָכגעקוקט און שטיל געקרעכצט. פּלוצעם האָט זי דערזען דאָס פאַרוויינטע פּאָנעם פון זון.

— און וואָס וויינסטו? זע נאָר ס'אַרא דעליקאַטער ער איז, וויזט אויס אין טאַטן געראָטן...

— וואָס רעדסטו, ער איז דאָך אַ פּיצל. דו האָסט אים איבערגעשראָקן, נו — האָט ער זיך צעוויינט... וואָס איז דאָס אַזוינס? און וואָס האָסטו צו דעם מאַן דיינעם?

— צו אים האָב איך גאָרניט. נאָר איין זאַך פּיקעט מיר אין קאָפּ:

וועט באַ אים קלעקן סייכל צו מאַכן אַ סאָף צו זיך, אויב עס וועט נויטיק זיין.

— ער וועט שוין טאָן וואָס מען באַדאַרף.

— און איך האָב מוירע... ער איז באַ מיר, ווייסט דאָך אַליין, וואָס פאַר אַ מענטש: אַליין וועט ער זיך צו גאָרניט דערטראַכטן, שטענדיק מוז מען אים אַן אייצע געבן, וואָס און ווי אַזוי... איז ווער וועט אים געבן די ריכטיקע אייצע?

— איצט איז ער אין דער אַרמיי, מען וועט אים געבן אַ באַפעל און דאָס אַלץ, — האָט פּראַסיאַ געזאָגט און צוגעלייגט אַ נאַסע שמאַטע צום בויך פון דער פרוי, וואו עס איז זיך צעשוואָומען אַ ברייטער בלויער פלעק, דער שפּור פון דער קאַלבע.

— אַ באַפעל, דאָס איז ריכטיק, — האָט באַניוטשיכע געזאָגט.

— קום נאָר אַהער, גרישקאַ, איך וועל דיך אַרומוואַשן, ביסט אַזוי פאַרפּאַטשקעט! און וויינען דאַרף מען ניט. זעסט דאָך, אַז די מאַמע ליגט; דער דייטש האָט איר דערלאַנגט מיט אַ קאַלבע, און זי וויינט ניט.

דאָס אינגל איז געשטאַנען און מיט גרויסע אויגן געקוקט אויף דער מוטער. מיט אַ פינגער פון דער לינקער האַנט האָט ער געדליבעט די נאָז.

— און דו זונעניו, נעם אַרויס דעם פינגער פון נאָז, — איז באַניוטשיכע אין כּעס געוואָרן, — דער טאַטע איז אַ רויטאַרמייער, און ער דליבעט די נאָז!

זי האָט ווידער אָנגעהויבן קרעכצן.

— אוי, פּראַסיאַ, קיין שטיקל, קיין ברעקל ברויט האָט קיינער פון זיי ניט געקראָגן... זיי וועלן אויסשטאַרבן, די אומגליקלעכע, זיי וועלן זיבער אויסשטאַרבן. גיב נאָר אַ טראַכט: דאָס גאַנצע דאָרף דורכגעגאַנגען און קיינער האָט זיי ניט געקאָנט העלפן, קיינער האָט זיי קיין ברעקל ברויט ניט געקאָנט דערלאַנגען, קיין ביסן ברויט, קיין טרונק וואַסער... אויף דער אייגענער ערד מוזן זיי אומקומען... און וואוהין האָט מען זיי אוועקגעפירט?

— מען זאָגט, אַז אין רודי איז פאַראַן אַ לאַגער, אַהין מיסטאָמע...

— ווי וועלן זיי דערגיין ביז רודי? זיי האַלטן זיך קוים אויף די פיס!

וויפל ווערסט איז ביז רודי? ניין, זיי וועלן ניט דערגיין, און אפן וועג וועט מען זיי דערהארגענען ווי יענע צוויי.

— די קינדער זיינען אוועקגעלאפן הינטער דעם דארף פאנאנדער־ווארפן ברויט אפן וועג. זיי וועלן צוקומען, וועלן זיי עס אויפהויבן; עפ־שער וועלן די דייטשן ניט באמערקן, זיך ניט כאפן...

— זיי זאלן עס נאר פאנאנדערוווארפן ווי עס באדארף צו זיין... אין מיטן וועג. אונדזערע גייען דאך פארויס און דער קאנוואי הינטער זיי...

— די קינדער וועלן שוין אויסמארקירן ווי עס איז בעסער, — האט פראסיא זי בארואיקט, — די קינדער אונדזערע זיינען שטיקער גאלד, איר ווייסט דאך אליין.

באניוטשיכע האט שווייגנדיק א שאקל געטאן מיטן קאפ. איר האט זיך פלוצעם פארוואלט שלאפן. איבערן לייב האט זיך צעגאסן א פיינלעכע שוואכקייט, ס'האט זי שרעקלעך געאיבלט. נאר מער פון אלץ האט זי געפלאגט די דערינערונג וועגן די פיבערדיקע, טיף איינגעזונקענע אויגן פון דעם געפאנגענעם רויטארמייער; וועגן דער שנעלער, זשעדנער באוועגונג, ווען ער האט זיך א רים געטאן צום ברויט, וואס ער האט ניט געקראגן.

— אוי...

— ס'טוט וויי? — איז פראסיא געווארן אומרואיק.

— ניין, ניין... ווען איך זאל איינשלאפן...

— שלאף, בעסער פון אלץ איז שלאפן, וועט עס אריבערגיין. — האט דאס מיידל געזאגט.

באניוטשיכע האט צוגעמאכט די אויגן. נאר פאר די פארמאכטע אויגן איז אויך געשטאנען דער גרוי־געווארענער יונגער פנים, געצייכנט מיטן שטעמפל פון טויט, מיט א פאסמע האר, וואס האט ארויסגעשפארט פון אונטער דעם היטל; מיט וואסערע וואנזיניקע אויגן ער האט געקוקט אף דעם שטיקל שווארצן ברויט! זי האט פארשטאנען, אז קיינמאל אין לעבן וועט זי ניט פארגעסן את די געפאנגענע, וואס האבן זיך געשלעפט איבערן שניי; און באזונדער דעם יונגן רויטארמייער, וואס זי האט אים ניט געקאנט דערלאנגען דאס שטיקל ברויט.

דערווייל האבן די אינגלעך, וואס מ'האט זיי געשיקט מיטן ברויט, געבראדזשעט איבערן טיפן שניי דורך הינטערוועגן. לעבן די באטעס

און שטאָלן איז נאָך געווען נישקאָשע, אָבער אין אָפענעם פעלד איז דער שניי געווען טיפער, ווי זיי האָבן דערוואַרט. אָסקאַר טשעטשאָר איז אַריינגעפאַלן ביז די אַקסל.

— סאַשקאַ, סאַשקאַ!

— שריי ניט, אַניט וועלן די דייטשן דערהערן און קומען צולויפן. ביסט נאָך צו קליין, גיי צוריק!

— איך קאָן ניט...

— קריך אַרויס ווי ניט איז! נו, יאַטן, שנעלער, שנעלער!

דער באָדן איז דאָ געווען ניט קיין פלאַכער, אַלץ בערגלעך, גריבער, קאַרבן. פון אויבן איז אַלץ געווען פאַרשאָטן מיט שניי, וואָס די זאַווערוכע האָט אָנגעטראָגן. די גריבער זיינען געווען עמעסע פאַסטקעס. די פיס זיינען אומדערוואַרט איינגעזונקען אין אויסערלעך גלאַטע ערטער. פון אויבן איז דער שניי פאַרפרוירן געוואָרן ווי אַ האַרטע קאָרע, און מינוטנווייז האָט מען איבער אים געקאָנט גיין. נאָר פלוצעם האָט ער זיך איינגעבראָכן ווי אייז אָפן טייך, מיט אַ סקריפּ און אַ קנאַק, און די אינגלעך זיינען האָפענונגסלאָז פאַרזונקען געוואָרן אין טיפע גריבער. זיך אַרויסהעלפן מיט די הענט איז געווען אומעגלעך, די הענט זיינען געווען פאַרנומען מיט די פּלעצלעך, שטיקלעך ברויט און קאַרטאָפל. און דער שניי איז געווען אַ שטעכיקער און געקראַצט דאָס לייב ווי צעשטויסן גלאָז. די קינדער האָבן איינער נאָכן צווייטן זיך פאַרהאַלטן, געבליבן הינטן; אָבער סאַשאַ און סאַוועקאַ לאָקוט זיינען פעסט געגאַנגען פאָרויס. קעדיי צוצוקומען צום אָרט, וואו דער שליאַך פאַרקירעוועט זיך אין אַ גרויסן האַלבן קרייז, איז נויטיק געווען פאַרבייגיין איבער אַ היפשער פלאַכער שטרעקע.

— שנעלער, שנעלע, האָט סאַשאַ אונטערגעיאָגט. ער האָט שווער געאָטעמט, זיך באַגאָסן מיט שווייס. ריטשקעלעך שווייס זיינען אים אַרונטערגערונען אונטערן קאַלנער און געקראָכן איבערן רוקן. דער שווייס האָט געשטאָכן ביז כאַלאַשעס. די פיס זיינען געזונקען ווי אין אַ פאַרצוויגענעם זומפּ. עטלעכע מאָל איז ער געפאַלן, האָט זיך אויפגעהויבן, זיך צעשניטן די פינגער אָן שאַרפע שטיקער שניי. פון די פינגער האָט געטריפט בלוט, און דער שניי איז שנעל געוואָרן רויט דערפון. צום גליק האָט ער גענומען דאָס ברויט ניט ווי די אַנדערע, גלייך אין די הענט

אריין, נאָר אין אַ לייוונטענעם טאָרבעלע, אין וועלכן ער פלעגט פריער, ווען די דייטשן זיינען נאָך ניט געווען, טראָגן זיינע ביכלעך אין שקאָלע אריין. איצט איז עס צונויף געקומען. דאָס ברויט איז געלעגן אין טאָרבעלע, און די הענט זיינען געווען פריי, ער האָט זיך אָפּ זיי געקאָנט אָנשפּאַרן און אַרויסקריכן פון די גריבער. סאַווקאַ האָט אַרויסגעשטעקט די צונג און זיך געאיילט נאָך זיי. גיין דורך דעם שטעגל, וואָס יענע האָבן אויסגעלייגט, איז געווען גרינגער, אַניט וואָלט סאַווקאַ אויך אָפּגעשטאַנען, ווייל ער איז געווען קלענער און שוואַכער פון זיי. דאָס שנייאיקע פלאַכלאַנד האָט אויסגעזען ענדלאָז. און פרילינג צייט האָבן זיך דאָך דאָ געפּאַשעט בעהיימעס, עס איז געווען אַ גראָז־פעלד, גאָר ניט אַזוי גרויס; מען האָט געקענט שנעל דורכלויפן פון איין עק ביזן צווייטן איבער דעם ווייכן גראָז. זיי האָבן גוט געדענקט אָט דאָס פּאַשע־פעלד; זיי האָבן זיך דאָ געשפּילט פון זינט זיי האָבן אָנגעהויבן גיין. נאָר איצט האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אַן ענדלאָזער מידבער, פרעמד און אומבאַקאַנט. וואו זיינען אַהינגעקומען די בערגלעך, וואָס זיי האָבן הונדערטער מאָל געטאָפּטשעט מיט די באָרוועסע פיס, און די ריוולעך, איבער וועלכע זיי זיינען געשפּרונגען?

אונטערן שניי האָבן זיך אויפגעבלאָזן מעשונעדיקע גרויסע הויקערס, און עס האָבן זיך פּלוצעם אַנטפּלעקט פאַרעטערישע און בייזע גריבער. אומזיסט האָבן די אינגלעך געפּרוואווט דערבליקן אונטערן שניי וואו עס געפינט זיך אַ גרוב, וואו די אויבערפלאַך איז גלאַט און וואו עס איז אַ ריוו. דער שניי האָט געשוויגן, דער שניי האָט ניט אַרויסגעגעבן קיין סוידעס. די קינדער האָבן געבראָדזשעט און זיינען אַריינגעפאַלן אין די גריבער, דער שניי האָט פאַרשלונגען די אינגלעך ביזן גאַרטל, ביז אונטער די פּאַכוועס; די הענט האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די ראַנדן פון די גריבער; עס איז ניט געווען קיין סאָף צום פיינלעכן וועג.

— נו, יאָ, זון, ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן, דאָ האָט די זאַוועדוכע אַזוי אָנגעבלאָזן און אָנגעטראָגן, אַז איך בין קוים צוגעקומען צו דיר, קום, לאָמיר גיין אַהיים...

זי האָט אים געשלעפּט פאַרן האַנט. סאַשאַ איז אויפגעשטאַנען פאַרמעלעך, אומגערן.

— איין מאָל האָט זיך נישט איינגעגעבן און אַ צווייט מאָל וועט

זיך איינגעבן... מיר האָבן ניט באַרעכנט ווי אַזוי ס'עט אויסקומען... אַ צווייטן מאָל, ווען מען וועט אונדזערע פירן, דאַרף מען ניט וואַרטן ביז זי וועלן אָנקומען און מען דאַרף ווייט ניט לויפן. אַלע אַהיים אין זייערע כאַטעס, און אַלץ וואָס מען דאַרף — איבערלאָזן אַפן וועג. ניט יו־היינט: מ'איז זיך צונויפגעלאָפן, אויפגעהויבן אַ געשריי, נו, איז גאָרניט ניט אַרויסגעקומען... ווער האָט דען געוואוסט וואָס צו טאָן?

סאַשאַ איז געגאַנגען פּאַמעלעך און געקוקט צו דער ערד.

— סאַווקאַ איז געקומען צו לויפן קוים אַ לעבעדיקער. פרעג איך אים וואו דו ביסט; זאָגט ער, אַז דו ליגסט אין שניי... האָב איך אַלץ געוואָרפן און בין אַוועקגעלאָפן... זע נאָר ס'אַרא גריבער... שוין לאַנג, לאַנג ניט געווען אַזאַ ווינטער.

איר אַליין איז געווען שווער צו גיין, נאָר זי האָט געפּרוּווט מיט אירע רייד באַרויקן דעם זון און אים העלפן גיין.

— דו גיי הינטער מיר, הינטער מיר, אַזוי איז גרינגער.

ער האָט געטראַכט, אַז איצט גייען זיי איבער אַ שטעגל, וואָס ער מיט סאַווקאַן האָבן פריער דורכגעטראָטן, און דערנאָך איז סאַווקאַ צו־ריקגעגאַנגען מיט דעם זעלביקן וועג און דערנאָך איז די מאַמע געקומען. איצט איז שוין גאָרניט, און די מאַמע זאָגט, אַז ס'איז שווער, אַז דער וועג איז אַ שלעכטער. נאָר כאָטש דאָס שטעגל איז שוין געווען אויסגע־טראָטן, האָט ער זיך קוים געשלעפּט. די שטיוול האָבן געוואויגן הונדערט קילאָגראַמען, די הענט און דער קאָפּ זיינען געווען שווער ווי אייזן, די ביינער האָבן געבראָכן; ער האָט געשפּירט יעדן ביינדעלע אין די פיס, אין די הענט און אין רוקן, און אַלע האָבן זיי ווי געטאָן מיט אַ שאַרפן, זלידנעם ווייטיק.

ווען זיי זיינען אַרוים אַפן שליאַך, האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און איז שיר ניט אומגעפאַלן. דער מאַמעס הענט האָבן אים אונטערגעכאַפּט.

— וואָס איז מיט דיר, זונעניו?

— גאָ־אָ־רניט, — האָט ער אַ מורמל געטאָן, נאָר די גאַנצע וועלט האָט געטאַנצט פאַר זיינע אויגן. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט.

די מוטער האָט זיך אָנגעבויגן און גענומען אים אויף די הענט.

— וואָס טוסטו, מאַמע! — האָט ער זיך צוערשט גענומען ווערן.

נאָר ער האָט פּלוצעם דערפילט איר האַנט אונטערן קאָפּ און איז גלייך איינגעשלאָפן. זי האָט א שמייכל געטאָן צו דעם שלאָפנדיקן פּאָנעם.

— וואָס איז, קומאַ? ס׳האָט עפּעס געטראָפן? — האָט אומרואיק געפרעגט די פאַרוויינטע טערפּעליכע, וועלכע איז געגאַנגען מיט א בינטל צווייגלעך.

— ניין, דאָס אינגל האָט זיך ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס. ער איז ביזן סאַמע שליאַך געלאָפן איבער אָט־די גריבער און לעבער...

— איז ער דערלאָפן אין צייט?

— ניין, ווי האָט ער געקענט?... אפילע א דערוואַקסענעם איז שווער דורכצוגיין. א פאַרסאָפּעטע האָט זי פאַרהאַלטן אירע טריט.

— ס׳איז אייך שווער?...

— געוויס איז שווער... אים איז דאָך שוין דאָס נײַנטע יאָר, — האָט זי געזאָגט און פעסטער צוגעדריקט צו זיך דעם שלאָפנדיקן זון. — אָט ווי ער איז איינגעשלאָפן, גלייך ווי ער וואָלט געווען אין בעט. העלפט מיר צו, האָרפּינע, אַניט וועל איך ניט קאָנען עפענען די טיר צום פירהויז...

— מאַמע! — האָט אויסגעשריגן זינאַ מיט טרערן אין איר שטים.

— וואָס איז מיט סאַשקאָן?

— גאָרניט, גאָרניט, סאַשקאַ שלאָפט. שריי ניט, מען דאַרף אים ניט אויפוועקן.

— ער שלאָפט? — האָבן זיך די קינדער פאַרכידעשט. זיי האָבן זי ארומגערינגלט און צוגעקוקט ווי זי לייגט אוועק דאָס אינגל אויף דער פּע־רענע, ווי זי ציט פון אים פאַרזיכטיק אראָפּ די שטיוול, די נאַסע הויזן און רייבט אים איין מיט א טרוקענער לייוונטענער שמאַטע.

— און באַ דיר איז דאָס קליידל נאַס, — האָט סאָניע געזאָגט, — וואו ביסטו דאָס געווען?

— ס׳איז גאָרניט, ס׳איז גאָרניט. באַלד וועט אַלץ זיך אויסטריי־קענען. שטעל נאָר אוועק זיינע שטיוול באַם אויוון.

זינאַ האָט סאָפּענדיק אוועקגעשלעפּט זיינע שטיוול.

— און וואָס איז אין דער טאָרבע?

— נעם ארויס, דאָרטן זיינען פּלעצלעך.

— ס׳מאַכט ניט. איר וועט זיי אַזוי אויך אויפעסן.

— מעג איך אויך עסן? — האָט זינאַ געפרעגט, קוקנדיק מיט א

זייטיקן בליק אף די ארויסגענומענע נאסע, ברוינע פלעצלעך.

— אוואדע מעגסטו. ס'איז דאך אייער מיטיק. סאניא, נעם צעטייל. און סאשאן לאזט איבער א שטיקל. ער וועט זיך אויפכאפן, וועט ער וועלן עסן.

זינא איז צוגעגאנגען צו איר, האלטנדיק אין פויסטל א שטיקל נאסן פלעצל.

— דאס איז פאר דיר, מאמע...

— מען דארף ניט, טעכטערל, איך בין ניט הונגעריק.

זי האט געקוקט ווי די קינדער עסן און קלייבן אויף פליסיק פון דער באנק יעדן ברעקל. די פלעצלעך זיינען ניט דערגאנגען צו יענע מענטשן, וואס מ'האט זיי געטריבן צום טויט. ס'האט איר פארדריקט צום האלדז. די קינדישע קעפלעך איינגעבויגן איבער די פלעצלעך, די קליינע פינגערלעך, וואס קלייבן אויף די ברעקלעך... סאשא האט פארשפעטיקט, פארשפעטיקט...

דאס אינגל האט געאטעמט רואיק, גלייכמעסיק. זיינע באקן זיינען געווארן ראזעווע. און מישא איז טויט, האט זי א טראכט געטאן מיט א שארפן ווייטיק אין הארצן.

און פלוצעם האט זי דערפילט, אז שוין דערנאך, נאכן טויט פון איר זון, איז געשען עפעס אזוינס, וואס איז נאך ערגער, נאך שרעקלעכער. פאר אירע אויגן איז ווידער אויפגעשטאנען דאס בילד פון די געפאנגענע, וואס זיינען אונטערגעטריבן געווארן מיט קאלבעס, זייערע שרעקלעכע אויסגעדארטע פּנעמער, זייערע פיבערדיקע אויגן אין די שווארצע אויגן־גריבער, זייערע פארבלוטיקטע פיס אפן שניי, די דארע פינגער ווי נעגל, וואס האבן זיך געשטרעקט צום ברויט, אזוי נאענט און דאך ניט צום דערגרייכן און יענע צוויי, וואס זיינען דערהארגעט געווארן אפן שליאך... דאס געשטאלט פון מישאן, ווי ער איז געלעגן אפן טיש מיט דער ברוסט דורכגעשאסן, איז געווארן בלייכער און מילדער אנטקעגן אט דעם צווייטן בילד.

זי האט מיט די הענט פארמאכט די אויגן. דאס אינגל שלאפט אפן בעט, די קינדער עסן פלעצלעך, טשעטשאריכעס קינדער קלייבן אויף די ברעקלעך פון באנק. נאר וואס וועט זיין, וואס נאך קאן געשען, ווען יע־

דער טאָג ברענגט מיט זיך אַלץ מער פינצטערע שאָען? וואו איז איצט פלאַטאָן? וועט זי אים נאָך אַמאָל אָנקוקן, כאָטש נאָך איין מאָל? מישאַ ליגט אונטער דער ערד אין פירהויז, פלאַטאָן איז ווער ווייסט וואו; עפּ־שער האָבן די דייטשן אים אויסגעשפּירט און דערשאָסן ווי אַ הונט, עפּ־שער איז ער שוין טויט, פאַרשאָטן מיט שניי... אַלענאַ... דער יונגער לע־וואָניוק אַף דער טליע, אַלץ... אַלץ... און ווי קען מען גלויבן, אַז ס'איז אַוועק בלויז אַ כוידעש, ווען עס דאַכט זיך, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַוועק, אַז עס זיינען פאַרלאָפן יאָרן, אַסאַך יאָרן — אַזוי פיל אומגליק און שוידער האָבן זיי געבראַכט מיט זיך. אַמאָל פלעגן דורכגיין כאַדאָשים פון זייען, פון היי־שניט, פון אַראָפּנעמען די טוואוע פון די פעלדער, פון גראָבן קאַרטאָפל; און די אַלע כאַדאָשים זיינען דורכגעגאַנגען שטיל, גע־פלאָסן מיט רואיקער פרייד איינער נאָכן צווייטן, זיך צונויפגעגאָסן אין יאָרן, פאַרביי אומבאַמערקט, און איצט — בלויז איין כוידעש, — „איין כוידעש!" — האָט זי זיך פאַרכידעשט. און אָט דער כוידעש האָט אין זיך איינגעשלאָסן מער ווי דאָס גאַנצע לעבן און זיך געלייגט ווי אַ שווערע מאַסע, וואָס האָט איבערגעלאָזט וואונדן און שפּורן, וועלכע וועלן קיינמאָל ניט פאַרהיילט ווערן אין זיקאָרן און וועלן אייביק ווי טאָן.

סאַשאַ האָט זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט, מיט שטוינונג האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער ליגט אין שטוב. ווי קומט ער אַהער? ער האָט ניט געדענקט ווי די מוטער האָט אים גענומען אַף די הענט, ווי ער איז איינ־געשלאָפן. ער האָט אַ ווײַלע באַקוקט די סטעליע. ס'איז געוועזן די סטעליע פון דער אייגענער כאַטע. באַם אויוון האָט זינאַ עפּעס געפּלאַפּלט מיט אַ דינינק, וויינענדיק שטימעלע. ר'האָט אַוועקגענומען די אויגן און דער־זען די מוטער, צונויפגעהויקערט אַף דער באַנק. זי האָט געקוקט באַוועג־לאָז, אַקשאָנעסדיק אין איין פונקט.

סאַשאַ האָט אויסגעצויגן די פיס אונטער דער קאָלדרע און זיך מעכאַיע געוועזן מיט דער וואַרעמקייט. עס האָבן אים אַביסל ווי געטאָן און געבראָכן די פינגער, נאָר איבערן גאַנצן לייב האָט זיך געפילט אַן אָנגענעמע מידקייט; ער האָט מיט פאַרגעניגן געשפּירט דעם באַריר פון דער וואַרעמער קאָלדרע און פון דעם ווייכן קישן אונטערן קאָפּ.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, מאַמע?

זי האָט אויפגעציטערט און זיך שנעל אויסגעדרייט צו אים.

— דו שלאָפסט שוין ניט?

— ניין, מיר ווילט זיך ניט שלאָפן.

— און דו ליג, ליג און וואַרעם זיך אוים ווי ס'באַדאַרף צו זיין... ביסט דורכגעפרוירן, דורכגענעצט.

זי האָט פאַריכט די קאָלדרע, וואָס האָט זיך אַראָפגעגליטשט פון אינגל און געענטפערט, גלייך ווי זי וואָלט נאָר וואָס דערהערט זיין פראַגע:

— און איך, זונעניו, האָב געטראַכט וועגן דעם טאָג, ווען אונדזערע וועלן קומען...

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט צעעפנטע אויגן.

— אהער, צו אונדז, אין דאָרף?

— נו, צו אונדז...

— און אין רודי וועלן זיי אויך קומען? — האָט ער געפרעגט שעפּטשענדיק, גלייך ווי ער וואָלט איר פאַרטרויט אַ סאָד.

— אין רודי אויך, געוויס... אומעטום, אַזש ביזן דניעפּער, אין אַלע שטעט און דערפער... ביז דער גרענעץ און ווייטער, אומעטום וואו מענטשן שטאַרבן אונטערן דייטש, אין יעדן קראַך און אין יעדן לאַנד.

— און דער טאַטע וועט קומען אהיים?

— ער וועט קומען, זונעניו... די פּאַרטיזאַנער וועלן אַרוים פון וואַלד און וועלן אַלע אהיים קומען.

— און אַלץ וועט זיין ווי פריער?

— און אַלץ וועט זיין ווי פריער, — האָט זי נאָכגעזאָגט, — יאָ, זונעניו, ס'וועט זיין נאָך בעסער ווי פריער.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אַ טראַכט געטאָן, צי ס'איז טאַקע מעגלעך, אַז עס זאָל ווען עס איז ווידער זיין ווי פריער. וועט די כאַטע ווידער אַרומוואַקסן מיט זון־רויזן, וועלן אין סאָד ווידער בליען די מאַלוועס, די גרויסע ראָזעווע בלומען, וואָס לידאַ האָט געבראַכט זייערע זאָמען פון שטאָט? וועלן די קינדער מיט אַ פרייַלעכן צוויטשער אַוועקלויפן אין שקאָלע און זינאַ וועט זומער גיין אין קינדערגאָרטן, וואו דאָס קליינוואַרג וועט זינגען פרייַלעכע לידלעך אין אַ כאָר? און אין כאַטע

וועט זיין אסאך ברויט, און ס'וועט זיין מילך און קריגלעך, און אין אוונט וועלן זיך אלע צונויפקומען אין קלוב, לייענען צייטונגען.

יא, דאס אלץ וועט זיין, ניט געקוקט אף קיין זאך. ניט געקוקט אף די אלע וואונדן, וואס דאס דארף האט געליטן. מישוטקע וועט מער ניט אוועקלויפן אין שקאלע, מיטיא לעוואניוק וועט זיך מער ניט צעזינגען אין פעלד, אלענא וועט זיך מער ניט אוועקזעצן אפן טראקטאר, די מיידלעך וועלן זיך מער ניט פארקוקן אף וואסיא קראווטשוק, אבער דאס לעבן וועט אוועק מיט זיין שטענדיקן גאנג, מעכטיק און בליענדיק, מיט יעדן יאר וועלן די זאנגען ווייץ ווערן אלץ העכער אף די פעלדער, די יונגע פרוכט־ביימער וועלן ברענגען אלץ א שווערערע גערעטעניש, אלץ פולער וועלן די קאלכאזנע קי אנגיסן די עמער מיט מילך, אלץ מער יונגע מענטשן וועלן אוועקפארן אין שטאט זיך לערנען. בלויז איין זאך איז נויטיק: זיך האלטן, דערליידן, זיך ניט אונטערגעבן, פאר קיין זאך אף דער וועלט זיך ניט אונטערגעבן.

א ראזעווע ליכט האט אנגעפילט די כאטע. די זון האט זיך געזעצט און צעפארבט דעם הימל מיט אלע קאלירן פון זון־אונטערגאנג. די פאנטאסטישע בלעטער אף די פארפרוירענע שויבן האבן זיך צעבליט מיט רויזן, זיך צעבלישטשעט מיט גאלד. דער הימל האט זיך שנעל אויסגעלאשן. די שאטנס זיינען געווארן געדיכט, דער הימל האט זיך אויסגעלאשן און נאך איידער עס זיינען פארוועלקט געווארן די פארבן אפן האריזאנט, איז אויפגעגאנגען די לעוואנע, א קאלטע ווי אייז, א זילבערנע ווי אייז, און האט זיך אוועקגעלאזט אף איר ווייסן וועג. דאס ליכט פון זון־אונטערגאנג האט זיך איבערגעגאסן אין לעוואנע־ליכט און אפן הימל זיינען אויסגעוואקסן לויכטנדיקע זיילן, פינקלדיקע, פארגליווערטע, באוועגלאזע. נאר ווי א געדיכטע פינצטערניש האט זיך יענער אוונט געלייגט אף אלע הערצער, נאך א טיפערע און שווערערע פינצטערניש, ווי אלץ וואס די דארפס־מענטשן האבן ביז איצט דורכגעמאכט. די טריט אפן שליאך זיינען ניט איינגעשטילט געווארן, — איבערן דארף זיינען געגאנגען די געפאנגענע, א פראצעסיע פון געשפענסטער — דארע, שווארצע, פארברענטע פון פיבער און הונגער. אפן שניי איז געבליבן א בלוטיקער שפור פון זייערע בארוועסע, וואונדיקע פיס. צווישן די פלויטן האט

זיך געטראָגן און ניט געלאָזט שלאָפן דער אָפּקלאַנג פון זייער הייזעריקן, שרעקלעכן געבעט: ברויט, ס׳האָבן אין די אויגן פון די דאָרפס־מענטשן געקוקט זייערע טיף־איינגעזונקענע, פיבערדיק־אומזיניקע אויגן. טעמפּ האָבן געשלאָגן איבערן הארצן די קלעפּ פון די קאָלבעס, ס׳האָבן געפּאטשט ווי מיט בייטשן די סאָלדאטסקע געשרייען, וואָס האָבן אונטערגעטריבן די געפאנגענע.

„העי, צעוויינט האָבן זיך די באָכערים, די יונגע,
אין דער טערקישער קנעכטשאַפט, אין קייטן...״

ווען איז דאָס געווען? ווי אַזוי איז דאָס געווען? טערקישע קנעכט־שאַפט און טערקישע גאַלערעס אַף די ווייטע יאַמים, און די קרומע טער־קישע שווערד איבערן קאָפּ. ניין, ניין, ס׳איז אַלץ נישט דאָס. ניין, דאָס זיינען אַפילע נישט די פּלעקער פון ניעזשין ביז קיעוו, אַף וועלכע פאַן פאַטאַצקי האָט אַרויפגעשטאָכן פּויערים. מער בלוט און פייער איז היינט דאָ אַף דער אוקראַינישער ערד, מער טויט און טרערן איז היינט אַף דער ערד פון אוקראַינע, מער פּיין און צאַר אַף דער אוקראַינישער ערד, ווי אין די אַלע צייטן, וועגן וועלכע ס׳האָט זיך געזונגען אין די לידער, וועגן וועלכע ס׳זיינען אַף אייביק געבליבן באַם פאָלק אין זיקאָרן.

וואָסער ליד וועט דערציילן אַלץ, וואָס קומט פאָר אַף ביידע זייטן פון דניעפּער, וואָס עס טוט זיך אַף דער ענדלאָזער אוקראַינישער ערד? וואָסער ליד וועט איבערגעבן די שרעקלעכע, שווארצע טעג, וואָס זיינען אויסגעבראָכן איבער אָט דער ערד, זיך צעבושעוועט ווי אַ מאַגייפע, ווי אַ מאַבל, ווי אַ בייזער וויכער, וואָס צעטראָגט די נעסטן? וואָסער ליד וועט איינזאַפּן אין זיך אי די שטראָמען בלוט, אי דעם סקריפּ פון די טליעס, אי דעם קרעכץ פון די קינדער, אי דעם טויט פון טויזנטער און טויזנטער, אי דעם שווארצן רויך איבער די דערפער, אי די ענדלאָזע קוואָרים, אי אָט־די יונגע מענטשן, וואָס קומען אָן אין רודי און אין הונדערטער אַנדערע ערטער אין די לאַגערן הינטער שטעכיקע דראָטן? און ווער וועט גאָר וועלן זינגען אַזאַ ליד, אַ ליד, וואָס יאָגט אָן אַ קעלט פון שוידער?

„ניין, ניין״, האָבן געטראַכט די פרויען, בעיס זיי האָבן געפּרואווט אוועקטרייבן פון זיך דאָס בילד פון די געפאַנגענע, וואָס זיינען געגאַנגען

אפֿן שליאך. „ס'וועט נישט זיין אזא ליד. מיר וועלן פֿאַרקאַטשען די אַרבל און אַף דאָס ניי אויסבויען הייזער און כאַטעס. מיר וועלן פֿאַרזייען די ערד מיט ווייץ, אַז עס זאָל זיך צערוישן אַן ענדלאָז פֿעלד און זיך צע־וויגן אפֿן ווינט מיט כוואַליעס, ווי אַ יאַם. מיר וועלן צודעקן די פֿאַרבלוט־טיקטע ערד מיט דעם גאָלד פֿון ווייץ, מיט די זונען פֿון זונ־רויזן, מיט דער לאַכנדיקער ווייסקייט פֿון בליענדיקע סעדער; מיט בלויען ליין, מיט וויס־ראָזעווער הרעטשקע, מיט אַ וואַלד פֿון הויכן פלאַקס, אַז עס זאָל נישט בלייבן קיין שפּור פֿון אַ דייטשן פוס בײַ די טייכן, וואָס שווימען אין דעם ווייטן, שוואַרצן יאַם אַריין".

אַ שווערער שלאָף האָט אַרומגעכאַפּט דאָס דאָרף, אַן אומרואיקער, וואָס גיט נישט קיין רו די אויגן און קיין אָפּרו דעם האַרצן. די מאַליר־טשיכע איז אַלע ווײַלע אויפֿגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו די קינדער. סאַשאַ האָט זיך געוואָרפֿן אין שלאָף, אויסגעשריען אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער.

— זונעניו, זון...

— וואָס? — האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט אַ דערשראָקענער.

— כאַפּ זיך אויף, ס'האָט זיך דיר, ווייזט אויס, געכאָלעמט אַ ביי־זער כאָלעם.

ער האָט געקוקט אַף דער מוטער מיט ניט־פֿאַרשטייענדיקע אויגן, זיך אויסגעדרייט אַף דער צווייטער זייט און איז באַלד איינגעשלאָפֿן. און ווידער האָבן אים געהאַמערט קאָשמאַרן, וואָס האָבן זיך שווער אַרויפֿגע־וואַלגערט אַף דער ברוסט, זלידנע און פּיינלעכע.

באָניוטשיכע האָט געקרעכצט און זיך געדרייט אין בעט. דאָס גאַנ־צע לייב האָט ווי געטאָן, אין בויך האָט גענאָגט. אָבער נישט דאָס האָט איר געשטערט דעם שלאָף, נאָר יענער דאַרער, לאַנג־ניט געגאָלטער פּאָנעם און די ברענענדיקע אויגן אונטער דער פֿאַרבלוטיקטער שמאַטע.

...כוץ גראָבאַטשען איז קיינער פֿון די מאַשקאָנעס ניט געשלאָפֿן. מאַלאַשאַ האָט ווײַטער געשפּונען דעם פּיינלעכן פֿאָדים פֿון אירע געדאַנ־קען, אָקשאָנעסדיק און אָן האָפֿענונג. ס'איז אַוועק נאָך אַ טאָג — און ס'האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט. די טרוקענע ליפּן האָבן זיך גע־שפּאָלטן פֿון דורשט, און פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען יענער טאָג. נו,

דער רעגנבויגן

יאָ, אַזוי איז עס... דאָרט אין דאָרף קומט עפּעס פאָר, דאָרט לעבן און שטאַרבן מענטשן; באַטאָג האָט מען געהערט אַ שיסערייַ אַפן גאַס. די דייטשן וועלן דאָך ניט שיסן גלאַט אין דער וועלט אַריין. מענטשן שטאַרבן און זי לעבט. אַ לעבעדיקע זיצט זי דאָ אונטער די דיקע בערווענעס פון די ווענט און האָדעוועט אין זיך אַ דייטשן אַפּפאַל, אַ דייטשן מאַמזער.

יעוודאָקים האָט געקרעכצט און זיך געדרייט אַף זיין אָרט באַ דער וואַנט.

— וואָס איז? קאָנסט ניט איינשלאָפן? — האָט טשעטשאָריכע געפרעגט.

— ניין, מיר שלאָפט זיך ניט... אַסאַך ווערסטו זיך דאָ אָנשלאָפן! אָבער איר שלאָפט דאָך אויך ניט...

— איך האַלט אין איין טראַכטן און איבערטראַכטן: אַף וועמען האָבן זיי דאָס געשאָסן? ערגעץ גאָר נאָענט האָבן זיי געשאָסן...

— מען קאָן ניט וויסן צי ס'איז נאָענט אָדער ווייט... פון יענער זייט וואַנט קאָן זיך אויסדאַכטן... איך מיין, אַז ס'איז ניט געווען נענטער ווי באַ דער קיך.

— ווער ווייסט?

— מירן אַרויס, וועלן מיר אויסגעפינען, — האָט אָלגאַ פּאַלאַנטשוק געזאָגט שטיל.

— ריכטיק, ריכטיק — האָט טשעטשאָריכע באַשטעטיקט.

דעם מיידל, האָט זיך, ווייזט אויס, שטאַרק געוואָלט הערן אַ באַשטעטיקונג, אַז זיי וועלן ווירקלעך אַרויס, אַז מען וועט זיי פון דאַנען אַרויספירן ניט אַף דעם דאָרף־פּלאַץ דערשאָסן צו ווערן פון דייטשע ביקסן, נאָר אַף דער פרייַ, אין דאָרף אַריין, וואו זיי וועלן קאָנען ריידן מיט מענטשן, ווי פרייע מיט פרייע. זי האָט אַ זיפץ געטאָן.

— און איר, זיידעניו, דערציילט אונדז בעסער עפּעס, סיי ווי שלאָפט איר ניט, וועט די צייט שנעלער אַוועק.

— וואָס זשע זאָל איך דיר דערציילן? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — אַפילע דערציילן עפּעס ווילט זיך אויך ניט...

— זינגט עפּעס — האָט אָלגאַ געבעטן.

— וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו, אָט דאָ זינגען?

— וואָס איז? זינגט שטיל, וועלן זיי ניט דערהערן.

ער האָט אין דער פינצטער געשאָקלט מיט דעם גרויען קאָפּ.

— נו, מיילע, כ׳וועל זינגען... אַן אַלט ליד, מיין זיידע האָט עס געזונגען. און ער האָט עס פון זיין זיידן איבערגענומען. אַן אַלט ליד, אַלט ווי אוקראַינע אַליין.

מיט אַ ציטעריקן, זקײנישן קאָל האָט ער גענומען זינגען אַן אוק־ראַיניש פאָלקס־ליד.

„אוי, ניטאָ, ניטאָ קיין יוישער אויף דער וועלט,
אומעטום געוועלטיקט אומרעכט;
אוי, ווער עס וויל אַ גוט לעבן,
דאַרף ער זיך פאַרן עמעס שלאָגן...

— ווי קום איך דאָס צו זינגען? דאָס האָבן באַנדוריסטן מיט אַ באַנדורע געזונגען, לאַנג, לאַנג.

— און איר זינגט, מעג זיין אָן אַ באַנדורע, וועט ניט זיין אַזוי אומעטיק...

„אוי, שיק צו, גאָטעניו, אַלדאָס־גוטס
צו אים, וואָס שלאָגט זיך פאַרן עמעס...”

— אוי, שיק־צו, גאָטעניו, אַלדאָס־גוטס צו אים, וואָס שלאָגט זיך פאַרן עמעס — האָט טשעטשאָריכע שטיל נאָכגעזאָגט.

דער אַלטער האָט מיט אַ ציטעריקער שטים אונטערגעזונגען דאָס אַלטע ליד, אַ ליד פון פאָלק, וואָס איז געווען אונטעריאָכט, אַ ליד געבוירן אין דער פינצטערניש פון די שווערע טעג, אין דער פינצטערניש פון נעכט פול מיט טרערן, אין די צייטן פון קנעכטשאַפט און נויט. אַ פאַרגעסן ליד, וואָס האָט פאַרקלונגען, איז אַוועק און אַנטשוויגן געוואָרן אין יענע טעג, ווען ס׳האָט זיך צעבליט ווי זון־רויזן די פרייע אוקראַינע, און אַ ניי לעבן האָט זיך צעזונגען מיט נייע לידער.

נאָר איצט, אין דער פינצטערניש פון פאַרשפּאַרטן צימער, אין דאָרף, וואו אויף אַ טליע האָט זיך געוויגט דער קערפּער פון אַ זעכצן־יאָריקן אינגל, וואו אין טאָל זיינען געלעגן הארוגים, וואו דאָס וואַסער האָט אונטערן אייז געטראָגן אַ פאַרבלוטיקטן קערפּער פון אַ פרוי, וואו

דער רעגנבויגן

דער טויט האָט צעשפּרייט זיין שפּינוועבס איבער אַלע כאַטעס, האָט דאָס אַלטע ליד אָפּגעקלונגען מיט דעם זעלביקן זיפץ, מיט דעם זעלביקן אַנגסט, וואָס האָט דאָס ליד געבוירן און געשפּייזט הונדערטער יאָרן.

„אוי שיק־צו, גאָטעניו, אַלדאָס־גוטס,
צו אים, וואָס שלאָגט זיך פאַרן עמעס...״

דעם אַלטנס שטים איז געוואָרן שטילער און אַנטשוויגן געוואָרן. מידע קעפּ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ברוסט, געדרימלט.

קאַפּיטל ניין

פּעדאָסיא קראַווטשוק האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט פון שלאָף, גלייך ווי עמעצער וואָלט זי אַ שטויס געטאָן, און זיך אויפגעזעצט אַפן געלעגער. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אַזוי האַסטיק, ווי עס וואָלט זיך גע־וואָלט אַרויסרייסן פון דער ברוסט. זי האָט מיטן מויל געכאַפּט לופט און זיך איינגעהערט.

וואָס האָט זי אויפגעוועקט? און ווען האָט זי באַוויזן איינצושלאָפן? איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט שוין אין גאַנצן ניט קענען איינשלאָפן, און אָט איז זי שטאַרק אַנטשלאָפן געוואָרן. נאָר עפּעס אומגעוויינלעכעס האָט זי אויפגעריסן פונעם שלאָף. וואָס?

ניט קיין קלאַפּ איז דאָס געווען. אומעטום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. אַפילו דאָס כראָפּען פון דעם דייטש האָט ניט צעשטערט דאָס שווייגן פון דער נאַכט. ווערנער איז זיך ווייזט אויס, שפּעט פאַרזעסן אין דער קאָמענדאַנטור, ווי דאָס פּאַסירט אָפט, און איז נאָך ניט צוריק־געקומען. און דאָך האָט זי זיך ניט אויפגעכאַפּט פון זיך אַליין. עפּעס האָט זי אויפגעוועקט, עפּעס האָט פּלוצעם איבערגעריסן איר שלאָף. דער־פאַר טאַקע האָט דאָס צעשראָקענע האַרץ אַזוי געצאַפּלט.

זי האָט זיך ניט אָוועקגעלייגט און זיך איינגעהערט מיט שפּאַנונג. אין דער כאַטע און פון יענער זייט פענצטער האָט געהערשט אַ פול־שטענדיקע שטילקייט. נאָך אַנטקעגן אָוונט האָט זיך דער ווינט איינגע־

שטילט. די נאַכט איז ווידער געווען לויטער, דורכזיכטיק. איבערן הימל איז געשוואומען די לעוואָנע אין אַ לויכטנדיקן רעגנבויגן קרייז, און אַפן דיל האָט זיך דייטלעך אויסגעטיילט דער שאָטן פון דער ראָם ארום פענצ־טער. די נעראַן־פּלאַנץ אין דער וואַזאָנקע האָט אויסגעזען אין גאַנצן שוואַרץ אַנטקעגן די פאַרפרוירענע טאַפּליעס.

און פּלוצעם האָט זיך הינטערן פענצטער דערהערט אַ שאָרך. ווי אַ דערשטיקטער קרעכץ, ווי אַן אָפּגעריסענער כאָרכל, ווי אַ געשריי, וואָס איז צוריק אַריינגעיאָגט געוואָרן אין האַלדז אַריין. פעאָדאָסיאַ איז אַ באָר־וועסע אַראָפּגעשפּרונגען אַפן דיל און איז גלייך אַריין אין פירהויז. מיט ציטערדיקע הענט האָט זי געזוכט דעם פאַרוקער, נאָר ער איז ניט געווען פאַרוקט. ווערנער איז, ווייזט אויס, נאָך ניט געקומען. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן צו פאַרוקן די טיר.

זי האָט געעפנט די טיר. עס האָבן זיך אַ ריר געטאָן שוואַרצע שאָטנס.

— ווער איז דאָ?

ניט זי האָט דאָס געפרעגט. זי האָט דאָך געוואוסט, געוואוסט פון ערשטן מאָמענט, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, ווען זי האָט מיט די הענט איינגעהאַלטן דאָס האַרץ, וואָס האָט זיך ווילד געצאַפּלט.

— דאָס בין איך, די באַלעבאָסטע, — האָט זי געענטפערט שעפּ־טשענדיק, — שטילער, קינדער. ער איז ניטאָ...

זיי זיינען שוין געווען אין פירהויז. זי האָט דערקענט דעם קליי־נינקן אויסשפּירער...

— ער איז נאָך ניט צוריקגעקומען, ווייזט אויס, זיך פאַרזעסן אין דער קאָמענדאַנטור.

— נו, אויב אַזוי, האָבן מיר ניט צוליב וואָס אַריינצוגיין. אין דער קאָמענדאַנטור, יאַטן!

— וואַרט, וואַרט, — האָט זיי פעאָדאָסיאַ פאַרהאַלטן. — זי איז דאָך דאָ.

— ווער? וואָסערע זי? — האָט זיך דער קאָמאַנדיר געאיילט.

— די ליובאָווניצע זיינע.

— נו, אַט װעלן מיר זיך גיין באַשעפטיקן מיט װייבער! אין דער פרי װעלן מיר זען װאָס מיר זאָלן טאָן מיט דער דײטשקע.

— זי איז ניט קיין דײטשקע, זי איז פון אונדזערע — האָט פּעאַ־דאָסיאַ געזאָגט שטרענג.

— אַזוי גאָר? נו, דאָס איז עפּעס אַנדערש. װאו איז זי?

— זי שלאָפט דאָ אין שטוב.

דער לייטענאַנט האָט זיך אַן אומצופרידענער אַ קנייטש געטאָן.

— נו, מיילע, מירן אַ קוק טאָן... עפּשער קען מען מאַכן ליכטיק?

— דער װעכטער װעט דערזען.

— נישטאָ שוין דער װעכטער, מוטער.

— איז טאַקע גוט. װעל איך אָנצינדן דאָס לעמפּל.

מיט ציטערדיקע הענט האָט זי געזוכט די שװעבעלעך. זיי זיינען געקומען, געקומען. ענדלעך האָט זי זיך דערװאַרט!

דער קליינינקער אויסשפּירער האָט איר דערלאַנגט אַ שאַכטל שװע־בעלעך. זי האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל, צוגעדרייט דעם קנויט.

— אין דער קאָמענדאַנטור זיינען פאַרשפּאַרט פינף אונדזערע, מאַשקאָנעס...

— זאָרג ניט, מוטער, אונדזערע זיינען שוין בײַ דער קאָמענדאַנ־טור, זיי װעלן יענע שוין באַפרייען. מיר האָבן געװאָלט שטילערהייט פּאַקן דעם קאָמענדאַנט...

— װאָס זאָגסטו ניט דערויף, ער איז היינט ניט געקומען. זיי האָבן דאָרט, װייזט אויס, אַסאַך אַרבעט, איילן זיך...

פּאָרזיכטיק, קעדיי ניט אַ סקריפּע טאָן, האָט זי געעפנט די טיר. די רויטע אַרמייער זיינען איר נאָכגעגאַנגען און געפּרואװט ניט צו קלאַפּן מיט די שטיװל. פּעאָדאָסיאַ, מיטן לעמפּל אויפגעהויבן אין דער הויך, האָט באַלויכטן דאָס בעט.

פּוסיאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיכער, אַז דאָס איז געקומען קורט, און האָט אַ פאַרשלאָפענע אַ מורמל געטאָן. נאָר קיינער האָט ניט געענט־פערט, און זי האָט זיך אויסגעדרייט, אַװעקשאַרנדיק די האָר פון פּאָנעם.

דער לייטענאַנט האָט פּלוצעם אַרויסגעריסן דאָס לעמפּל פון דער באַלעבאָסטעס האַנט און אַ שפּאַן געטאָן פאָרויס.

— ווער איז דאָס? — האָט ער געפרעגט מיט א שרעקלעכן קאָל.

— דעם קאָמענדאַנטס ליובאָווניצע, אונדזערע, פון שטעטל, — האָט די פאַרכידעשטע פעאָדאָסיא געגעבן צו פאַרשטיין.

פוסיא האָט ניט אָפּגעריסן אירע רונדע אויגן, פול מיט שוידער, פון דעם מאַן מיטן לעמפּל. דאָס בלויע נאַכט־העמד האָט זיך אַראָפּגע־גליטשט פון איר אַקסל און אַנטבלויזט איר קליינע ברוסט. זי האָט אַריינ־געצויגן די פיס הינטער זיך און מיט אַן אומבאַוואוסטזיניקער באַוועגונג זיך אַוועקגערוקט אַלץ מער אין א ווינקל, גלייך ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטן, פאַרשווינדן דורך די שפּאַלטן פון דער וואַנט. דער לייטענאַנט האָט אויפגעציטערט. אין דעם ליכט פונעם לעמפּל האָבן א בליאַסק געטאָן די נעגל אירע, געפאַרבט מיט רויטן לאַק. אַף א מאָמענט האָבן א פינקל געטאָן די דריי־עקיקע ציין צווישן די ליפּן, וואָס זיינען געוואָרן ווייס ווי פּאַפּיר.

— סעריאָזשאַ...

זי האָט דאָס א שעפּטשע געטאָן שטילער ווי א ווינטל גיט א שאָרך אין די בלעטער. נאָר סערגיי האָט דערהערט, ריכטיקער — דערקענט זיין נאָמען לויט דער באַוועגונג פון אירע ליפּן. ער האָט געציטערט. פּוסיא, אַזוי ווי זי וואָלט זיך פאַרטיידיקט, האָט אויסגעשטרעקט די קליינע שלאַ־בעריקע האַנט מיט די רויטע נעגל, ווי איינגעטונקען אין בלוט. אין אירע רונדע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט א שוידער. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס בעט איז ריזיק גרויס, זי האָט זיך באַהאַלטן אין א ווינקל ווי א ליאַלקע, מיט אַן אַנטבלויזטער ברוסט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון הינטער דעם בלויען זייד, מיט די קליינע פיסלעך אונטערן העמד.

ערגעץ אין דרויסן האָט א זעץ געטאָן א שאָס.

— בא דער קאָמענדאַנטור, — האָט פעאָדאָסיא געזאָגט.

אין דער זעלביקער מינוט האָבן זיך דערהערט שאָסן פון א צווייטער זייט, א דריטער. די שיסעריי האָט זיך געהערט פון אומעטום.

סערגיי האָט אויפגעהויבן זיין רעוואָלווער. ער האָט מיט קיין אויג ניט קיין פינטל געטאָן, בעיס ער האָט געקוקט אין די באַקאַנטע שוואַרצע אויגן. ס'האָט א זעץ געטאָן א שאָס. פוסיא האָט א ציטער געטאָן. די ליפּן אירע האָבן זיך אַף האַלב צעעפנט, ס'האָט א בליאַסק געטאָן א ריי שאַר־

פע, דריי־עקיקע ציין. די רונדע אויגן זיינען געוואָרן נאָך ברייטער, און פאַרגלעזערטע זיינען זיי פאַרגליווערט געוואָרן.

— צו דער קאָמענדאַנטור! — האָט סערגיי באַפוילן. זיי האָבן זיך פאַרטשעפּעט אין שוועל, אין די עמער פון קיך, בעיים זיי זיינען אַרויסגעלאָפן אין גאַס, וואָס איז געווען באַזילבערט און פינקלענדיק פון דעם לעוואָנע־ליכט.

אין דאָרף האָט געפלאַקערט אַ שלאַכט. דער ערשטער שאָס וואָס זיי האָבן דערהערט אין דער כאַטע, איז געקומען פון רויטאַרמייער זאַ־וויאַס, פון דעם אַפּטייל, וואָס האָט געדאַרפט פאַרכאַפּן דעם סוינעס באַטאַרייע.

אין דער צייט ווען סערגיי און די אַנדערע האָבן זיך אונטערגעגאַנ־ווען צו פעאָדאָסיאַס שטוב, קעדיי צו פּאַקן דאָרט דעם קאָמענדאַנט אַ שלאָפנדיקן, זיינען יענע געקראָכן אַפן שניי, איבער אַ קליין בערגל, צו דער קירך. ניט געזעענע אין זייערע כאַלאַטן, זיינען זיי געקראָכן איבערן שניי, זיך באַהאַלטן אין שאָטן פון די כאַטעס, זיך אונטערגעגאַנוועט דורך די ריוון. אין פאָרויס, אָנשטרענגענדיק די אויגן, איז געקראָכן דער סערזשאַנט סערדיוק. אַזוי זיינען זיי בעשאָלעם דערקראָכן ביז דער באַ־טאַרייע. די טונקעלע מיילער פון די האַרמאַטן האָבן זיך דייטלעך אָנגעזען אַנטקעגן דעם שניי און דעם הימל. די שווייגנדיקע מאָנסטער־מיילער האָבן געשטעקט הויך איבער די קעפּ פון די קריכנדיקע. דריי סאָלדאַטן זיינען געזעסן בא די האַרמאַטן און האָבן שטיל געשמועסט. לענגויס דער באַ־טאַרייע איז מיט געמאָסטענע טריט געגאַנגען אַ וועכטער הין און צוריק. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער זיינע פיס.

סערדיוק האָט געוואַרט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם. דער וועכ־טער האָט זיך אויסגעדרייט באַם סאַמע ריוו. דער סערזשאַנט האָט דערזען זיין שמאָלן רוקן און דעם באַגנעט, וואָס האָט געשטעקט איבערן קאָפּ. ער איז שטיל אַרויסגעקראָכן פון ריוו און איז פּלוצלינג אַרויפגעשפּרונגען אַף דעם דייטש. ביידע האָבן זיך געגומען קייקלען אַפן שניי. סערדיוק האָט צונויפגעדריקט דעם סוינעס האַלדז, איידער יענער האָט באַוויזן אַ קרעכץ צו טאָן. נאָר די מאַנשאַפט פון דער באַטאַרייע האָט באַמערקט, אַז דער וועכטער איז פאַרשוואונדן.

— עי, האנס! — האָט איינער פון זיי אומרואיק אַ רוף געטאָן. און גראָד האָט עמעצער פון די רויטאַרמייער אומפּאַרזיכטיק צוגעדריקט אַ טרוקן צווייגל. דאָס צווייגל האָט פאַרעטעריש געפּלאַצט. די ביקסן פון דער באַטאַרייע־מאַנשאַפט האָבן זיך אָן אַ קאָמאַנדע אַ ריס געטאָן אין דער הויך און דעמאָלט האָט עס זאַוויאָס ניט אויסגעהאַלטן און אויסגע־שאָסן אין דעם ערשטן באָם עק. דער דייטש איז געפאַלן נאַזנדיק. דאָס ווייטערדיקע איז געשען אַזוי שנעל, אַז זיי זיינען אַליין געווען דער־שטוינט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בּאַ די האַרמאַטן איז מער קיינער ניט געווען און אַז די באַטאַרייע איז דערפאַר אין זייערע הענט. גלייכצייַ־טיק האָט אויסגעבראָכן אַ שיסעריי אויך פון דער אַנדערער זייט, באָם שליאַך, וואו עס האָט זיך, לויטן פּלאַן, געפונען די דייטשע קאָמענדאַנטור.

— געלאָפן, יאַטן, — האָט סערגיי געגעבן אַ באַפעל, נאָר אין דעם זעלביקן מאָמענט זיינען קעגן אים אויסגעוואַקסן שוואַרצע שאָטנס.

די דייטשן האָבן שוין, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז די אָנפאַלער זיינען קליין אין צאָל, און זיי זיינען געלאָפן אָפן, זיך ניט איינבייגנדיק. עס האָבן אַ זעץ געטאָן עטלעכע שאָסן, און סערדיוק איז געפאַלן אַף די קני, דערפילנדיק אַ שאַרפן ווייטיק אינעם רעכטן פוס.

— וואָס איז געשען?

— גאָרניט, גאָרניט! אַ־נו, אַפּן סוינע, צוזאַמען, מיט אַ זאַלפּ!

איינער פון די לויפנדיקע איז געפאַלן, אָבער דאָס האָט די אַנדערע ניט אָפּגעהאַלטן. אַלע האָבן זיי געהאַט אויטאָמאַטישע ביקסן און די שיסעריי האָט זיך צונויפגעגאָסן אין אַ קעסיידערדיקער גראַגעריי.

— לייגט זיך, יאַטן, שלאָגט פון דער ערד!

זיי זיינען אַ פאַל געטאָן הינטער די האַרמאַטן, זיך צילנדיק אין די טונקעלע פיגורן, וואָס האָבן זיך דייטלעך אויסגעצירט אַנטקעגן שניי. סערדיוק האָט זיך פאַרזיכטיק געצילט, קעדיי ניט צו פאַרלירן אומזיסט קיין קויל. פּלוצעם האָט ער דערפילט אַ שרעקלעכע קעלט אין פּאָנעם און האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז פון דער קאָלבע פון זיין אויטאָ־מאַטישער ביקס. ס'איז פאַרגליווערט געוואָרן דער שטערן, די נאָז; די באַקן זיינען געוואָרן ווי הילצערנע.

אַנלאָדנדיק די ביקס, האָט ער אַרונטערגעקוקט און דערזען אַפן שניי א גרויסע, שווארצע קאַלוזשע.

— שלאָגט זיי! מיט זאלפן שלאָגט!

— וואָס־זשע איז דאָס פאר א קאַלוזשע, אין וועלכער ער איז אריין מיט א קני? די הויזן בא די קני זיינען אינגאַנצן דורכגענעצט גע־וואָרן. און דאָס איז געווען מאָדנע אין אזא פראָסט. גלייך ווי עמעצער וואָלט באַגאָסן מיט וואַסער.

די דייטשן זיינען איצט געלעגן אַף דער צווייטער זייט דאָרפס־פּלאַץ, אין ריוו באָם שליאַך, און האָבן געשאָסן גלייכמעסיק, אָן אויפ־הער. סערדיוק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ איבער דער שנייאיקן בערגל, וואָס האָט באַשיצט זיין פּאָנעם, און אָפּגעשאַצט די לאַגע. אזא שיסעריי פון הינטער די הארמאַטן צום ריוו און פון ריוו צו די הארמאַטן האָט זיך געקאָנט ציען אָן א סאָף. און די שיסעריי האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן דאָרף. ווער ווייסט ווי עס גייט דאָרט צו. זיין אָפּטייל און ער אַליין וואָלטן דאָרטן געקאָנט זייער גוט צונוץ קומען.

— אנו, יאַטן, ווי לאַנג וועלן מיר זיך פּאָרען מיט זיי? הורא! פאַרן פאָטערלאַנד! פאַר סטאַלינען!

זיי זיינען אויפגעשפּרונגען, אַלע ווי איינער. לויפנדיק איינגעבויגן, האָבן זיי זיך א ריס געטאָן גלייך אין דער גראַגעריי פון די אויטאָמאַטישע ביקסן, אין דער ריי קוילנוואַרפער, מיט די באַגנעטן אין פאָרויס, ווי די שטעכלען פון שלאַנגען. אין עטלעכע שפּרונגען זיינען זיי דערלאָפן צום ריוו און פון אויבן אַרונטער — גלייך אַף די דייטשן! מיט דעם גאַנצן אימפּעט, מיטן פולן שוואונג! דער ריוו באָם שליאַך איז שטום געוואָרן. די קערפּערס פון די דייטשן האָבן ווי טונקעלע פלעקן זיך געוואַלגערט אַפן שניי, מאָדנע קליינע, צונויפגעדריקטע און קלאָגעדיקע.

— איצט וואוהין? — האָט א פארסאָפּעטער געפרעגט זאַוויאַס.

אָבער סערדיוק האָט ניט געענטפערט. זיי האָבן מיט פאַרוואונדע־רונג זיך אומגעקוקט.

— כאַווער סערדיוק, וואו זייט איר?

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט אומרואיק געפרעגט דער העל־אויגיקער אַלעקסיי, סערדיוקס נאָענטסטער פריינט.

— ער איז געלאָפן מיט אונדז, צי ער איז ניט געלאָפן?

— איז וואו איז ער אַהינגעקומען?

— אָט־דאָ ליגט ער, אָט־דאָ! — האָט אַ פּאַרסאָפּעטער אויסגע־שריען דער אינגסטער פון אַלע, וואַניאַ.

אַלעקסיי האָט זיך אַ ריס געטאָן אַהין.

סערדיוק איז געלעגן אַף האַלב־וועג צווישן די האַרמאַטן און דעם ריוו. ער האָט ברייט פאַנאַנדערגעוואָרפן די אָרעמס. איין האַנט האָט פעסט צונויפגעדריקט די ביקס.

— וואָס איז געשען? — האָט וואַניאַ געפרעגט מיט אַ טעמפּער שטים.

אַלעקסיי האָט אַ קוק געטאָן אַפן שניי.

באַם ליכט פון דער לעוואָנע האָט זיך דייטלעך אָנגעזען אַ קאַ־לוזשקעלע בלוט און אַ בלוטיקער שפּור פון די האַרמאַטן ביזן סאַמע אָרט, וואו ס'איז געלעגן דער געפאַלענער כאַווער.

— וואוהין האָט עס אים געטראָפן?

אַלעקסיי האָט שווייגנדיק אָנגעצייגט מיט אַ פינגער. איין פוס און אַ טייל פון כאַלעווע־ביין איז געלעגן קימאַט אין אַ קוואַדראַט־ווינקל צו דעם איבעריקן טייל פון פוס. דער שניי אַרום יענעם אָרט איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שוואַרצער קאַלוזשע.

— זיי האָבן אים אָפּגעשאָסן דעם פוס ווי מיט אַ מעסער אָפּגע־שניטן...

— גיב נאָר אַ קוק... און אַף וואָס איז ער דאָס געלאָפן?

— ניטאָ קיין צייט צו קוקן! צו דער קאָמענדאַנטור, יאַטן. דאָרט איז היים!

זיי האָבן זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן נאָך אַלעקסייען. דער פראָסט האָט געשניטן ווי מיט אַ מעסער, פאַרשטיקט דעם אָטעם אין ברוסט.

ווען ס'האָט זיך דערהערט דער ערשטער שאָס, איז קאַפּיטאַן ווער־נער געשלאָפן אַף אַ פעלד־בעטל אין קאָמענדאַנטור. ער האָט געוואַרט אַף אַ טעלעפאָן פון שטאַב און האָט ניט געקאָנט גיין אַהיים. ער האָט זיך אָוועקגעלייגט אין אָנטאָן און צוגעדעקט מיטן שינעל. באַ דער צוויי־טער וואַנט איז געשמאַק געשלאָפן דער פעלדפעבל, און אין דעם דער־

בייאיקן צימער זיינען, ווי שטענדיק, געלעגן די סאָלדאַטן אָנגעוואַלגערט אין הורבע. דער קאַפּיטאַן האָט לאַנג געוואַרט, נאָר דער טעלעפאָן האָט געשוויגן. אים האָט אויפגערעגט דאָס סאָפּען, וואָס האָט זיך דער־טראָגן פון צווייטן צימער, ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם. כראָפּען פון פעלדפעבל. דאָס בעטל איז געווען הארט און אומבאַקוועם. ענדלעך איז ער איינגעשלאָפן. א שאָס האָט אים אויפגעוועקט.

„ווידער שלייעט זיך עמעצער איבערן דאָרף", האָט ער א טראַכט געטאָן אַן אויפגערייצטער. אים האָט אַריינגעבראַכט אין קאַס אָט דער נייער באַוויז וועגן דער מאַכטלאָזיקייט פון די דייטשישע באַפעלן.

נאָר קימאַט אין דעם זעלביקן מאָמענט האָט א זעץ געטאָן א צווייטער שאָס, א דריטער. דער קאַפּיטאַן האָט זיך האַסטיק א ריס געטאָן פון בעטל.

— זאָוזע, שטייט אויף!

דער פעלדפעבל איז שוין געווען אַף די פיס. דעם שלאָף האָט אים ווי מיט דער האַנט אָפּגענומען. ס'האָט זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון טריט אונטערן פענצטער. אין צימער האָבן זיך אַריינגעריסן סאָלדאַטן.

— די באָלשעוויקעס זיינען אין דאָרף!

— פאַרשפּאַרן די טירן! פאַרלעשן די ליכט! — האָט ווערנער באַפוילן, און זיי האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו פאַרמאַכן דעם שווערן פאַרוקער און פאַרשפּאַרן די טיר מיט קלעצער.

דער צימער, וואו ס'איז געהאָנגען דער טעלעפאָן, איז געווען גרעסער און געראַמער פון די אַנדערע און איז געווען צוגעפּאַסט פאַר פאַר־טיידיקונג. כאָטש ווערנערן איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז דאָ וועט ווירקלעך אויסקומען זיך צו פאַרטיידיקן, איז אַלץ געווען צוגעגרייט. די מעכטיקע טיר פון שווערע ברעטער האָט ווערנער באַפוילן צו באַשלאָגן מיט בלעך און צו באַפעסטיקן דורך פאַרשפּאַר־איינריכטונגען. די ווענט זיינען געווען פון שווערע בערוועגעס, די פענצטער האָבן געהאַט שטאַרקע ראַמען. דאָס הויז איז געווען אויפגעבויט פון לאַנג און האָט, ווייזט אויס, געזאָלט דינען ווי א שפּייכלער אָדער סקלאַד. יענער טייל, וואו ס'האָבן גענעכטיקט די סאָלדאַטן, איז צוגעבויט געוואָרן שפּעטער. ווען אין הויז האָט זיך איינגעאָרדנט דער דאָרף־סאָוועט, דער רויטער ווינקל און די

ביבליאָטעק. דאָרט זיינען די ווענט געווען דינער און די טיר איז פאַר־שפּאַרט געוואָרן דורך א שליסל. נאָר דאָ האָט מען זיך געקאָנט פילן ווי אין א פעסטונג.

— עפענען די אמבראַזורעס!

זיי האָבן מאָמענטאַל אוועקגערוקט די שווערע בערווענעס בא די ווענט און געעפנט די שיס־לעכער. גלייך דערביי זיינען געלעגן זעקלעך זאַמד, און באַם סאַמע דיל זיינען געווען אויסגעשניטן שמאָלע שפּאַלטן. די סאָלדאַטן זיינען צוגעפאַלן צו דער ערד. דורך די שיס־לעכער האָט זיך אין צימער אריינגעריסן א קעלט און ס׳האָט א זעץ געטאָן א פראָסטיקע פאַרע. די ביקסן האָבן אָנגעהויבן האַווקען.

— קלינג אָן אין שטאַב, שנעלער קלינג אָן אין שטאַב! פּאַרטיזאַ־נען? — האָט ווערנער געפרעגט דעם פּאַרסאָפּעטן וועכטער, וואָס האָט אריינגעפּאַסט א לענטע אין דעם קוילנוואַרפער.

— ניין, די ארמיי!

— אַסאַך זיינען זיי?

— איך ווייס ניט. זיי שיסן פון אַלע זייטן.

ווערנער האָט זיך אויסגעזידלט.

— קלינג, קלינג!

— הער קאַפּיטאַן, דער טעלעפאָן אַרבעט ניט!

דער אָפיציר איז צוגעשפּרונגען צום טיש, נאָר אומזיסט האָט ער געשריגן אין דעם רערל אריין און געקלאַפּט מיט די פויסטן אין דעם שווייגנדיקן קעסטל אריין. דער טעלעפאָן איז געווען טויט.

— איבערגעשניטן, די אויסוואורפן.

— מירן זיך אַליין ספּראַווען. אַכטונג!

פון גאַס האָט געשאָטן מיט שאָסן. מ׳האָט געהערט ווי די קוילן שלאָגן זיך אָפּ אָן די גראָבע בערווענעס פון די ווענט. אין דעם דערביי־איקן צימער האָט מען פון דרויסן געקלאַפּט אָן דער טיר מיט קאָלבעס, נאָר עס האָט זיך געהערט בלויז א גערויש, די טיר האָט אפילע קיין ציטער ניט געטאָן.

— קלאַפּט, קלאַפּט, — האָט דער אָפיציר א בורטשע געטאָן. אין דער פעסטקייט פון דער טיר איז ער זיכער געווען.

וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ

* * *

מיט דעם אָנפאַל אַף דער קאָמענדאַנטור האָט אָנגעפירט לייטענאַנט שאַלאָוו. נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן איינצוברעכן די ערשטע טיר און זיך אַריינרייסן אין הויז, זיינען געקומען צו לויפן די שלאַכטלייט, וואָס האָבן נאָרוואָס פאַרכאַפּט די באַטאַרייע.

— וואו איז סערדיוק?

— סערדיוק איז אומגעקומען, די באַטאַרייע איז גענומען.

אין ערשטן צימער האָבן זיך געפונען די סאָלדאַטסקע בעטלעך, די זאַכן צעוואָרפן אין אומאָרדענונג און — קיין לעבעדיקער נעפעש.

— אַט, ווערים, זיך אויפגעכאַפּט און פאַרשפּאַרט זיך אין יענעם צימער.

— מירן זיי פון דאָרטן אויסרייכערן...

— אַרויסגיין! מירן זיי נעמען פון דרויסן!

זיי האָבן זיך צעשאָטן אין אַ קייט אַרום הויז, נאָר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ מין פעסטונג. די מעכטיקע בערווענעס האָבן זיך ניט נאָכגעגעבן די קוילן. עס זיינען בלויז אָפּגעשפּרונגען שפּענדלעך, אָבער די ווענט זיינען געבליבן גאַנץ. די קוילנוואָרפער האָבן שאַרף גע־האַוועקט. פון די עפענונגען האָבן אויפגעפלאַקערט בלוילעכע און רויטע פייערלעך.

דאָס הויז האָט געשפּיגן מיט טויט.

— זיי קאַרגן נישט קיין קוילן — האָט שאַלאָוו אַ מורמל געטאָן.

— זיי האָבן זיך ווייזט אויס, צוגעגרייט פאַר דער פאַרטיידיקונג, כאַווער לייטענאַנט.

איבערן גאַנצן דאָרף איז אָנגעגאַנגען אַ שיסעריי. באַזונדערע אָפּ־טיילן האָבן קאָנטיק, באַלאַגערט די דייטשן אַף זייערע פּאָסטנס. נאָר אַלץ איז פאַרטויבט געוואָרן פון דער קנאַקעריי וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דעם באַפעסטיקטן הויז.

— נו, יאָטן, מ'דאַרף פאַרענדיקן... מען מוז זיי נעמען איידער עס

ווערט טאָג, ניטאָ וואָס צו פארלירן צייט, אין דער פרי קאָן נאָך צופעליק אָנקומען זייערע אַן אָפּטייל, און אַלץ וועט זיין פארלוירן...

זיי האָבן זיך פארקליבן הינטער די בערגלעך, די אומגלייכקייטן פון באָדן, און אין ריוו און האָבן געפרואווט דורך גוט־געצילטע שאָסן צע־קנאַקן די ביקסן, וואָס האָבן געשטעקט פון די שיס־לעכער, נאָר דער פייער האָט זיך ניט איינגעשטילט קיין איין מינוט.

אין לעוואָניוקס כאַטע האָבן די רויטאַרמייער פארכאַפּט די דייטשן מיטאַמאָל. שלאָכטלייט האָבן זיך אריינגעריסן אין דער כאַטע און דאָרטן געטראָפן די דייטשן שלאָפנדיקע. יענע זיינען אויפגעשפרונגען דערשראָ־קענע און האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די ביקסן, וואָס זיינען געלעגן בײַ די געלעגערס. זיי האָבן זיך פארטשעפּעט אָן די שטיוול און אָן די זעקלעך.

— לייג זיך אַף דער ערד! — האָט מינטשענקאָ אַ געשריי געטאָן צו דער דערשראָקענער לעוואָניוק.

יענע האָט געפאָלגט און איז געפאַלן צו דער ערד, זוכנדיק אריינצו־שטופּן אונטערן בעט איר אינגסטע טעכטערל, האַנקאַ. נאָר איידער זי האָט באַנומען וואָס אייגנטלעך דאָ קומט פאָר, איז אין דער כאַטע ווידער געוואָרן שטיל. די שלאָכטלייט זיינען ארויסגעלאָפן, פארשוואונדן ווי אין אַ כאָלעם. אַפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט די קערפּערס פון די דייטשן אין איין אונטערוועש.

— אַ־נו, וואַסיוטקאַ, העלף־צו, מען דאַרף אָט די פּאַדלעס ארויס־וואַרפן פון שטוב, — האָט זי געזאָגט צום זון, נאָך אַלץ אַ פארציטער־טע. צוזאַמען האָבן זיי זיך גענומען ארויסשלעפן די קערפּערס. שווער אָטעמענדיק, האָבן זיי געשלעפּט די דייטשן פאַר די פיס. וואַסיאַ איז אַלט געוועזן אינגאַנצן צוועלף יאָר, און זי אַליין איז געווען שוואַנגער.

— פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, וואָס איז די איילעניש? — האָט זי גע־שריגן אַפן זון.

נאָר וואַסיאַ האָט געוואוסט פארוואָס ער איילט זיך. אים האָט זיך ניט איינגעגעבן באַצייטנס זיך ארויסצוגליטשן צוזאַמען מיט די רויט־אַרמייער, און איצט האָט אים די מוטער פארהאַלטן מיט אָט דער נאַ־רישער ארבעט. דאָרט, אין דאָרף, שיסט מען און מען שרייט, און ער דאַ דאַרף גאָר שלעפן פאַר די פיס טויטע דייטשן, אַנשטאָט צו לויפן אַהין און

זען מיט די אייגענע אויגן וואָס עס קומט פאָר. און עפּשער וועט מען אים גאָר געבן א ביקס. ווער ווייסט, עפּשער וועט מען געבן?

די שטילקייט אין וועלכער ס'איז אָנגעהויבן געוואָרן דער אָנפאַל אַפן דאָרף, איז שוין לאַנג געווען צעשטערט. איצט האָט זיך קיינער שוין ניט אונטערגעגאַנוועט, קיינער איז ניט געקראָכן הינטער די פּלויטן. די מענטשן האָבן שוין ניט מוירע געהאַט, אַז דער שאָטן, וואָס פאַלט אַפן וועג, וועט זיי אַרויסגעבן.

— געדענקט יאַטן, קיין איין לעבעדיקער נעפעש טאָר זיך ניט אַרויסגליטשן, קיין איין לעבעדיקער נעפעש! — האָט דער לייטענאַנט זיי אָנגעזאָגט, ווען זיי האָבן זיך צעטיילט אַף גרופּן צוקומענדיק צום דאָרף.

און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אָן דעם הענגט אָפּ דער דערפאָלג פון דער גאַנצער זאַך.

אין פאַרשיידענע ערטער האָבן די דייטשן זיך אויפגעפירט פאַרשיידן. וואו ניט וואו האָבן זיי באַשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן אין די כאַטעס; וואו ניט וואו זיינען זיי צעטומלט אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן אין איין אונטערוועש, נאָר מיט די ביקסן און זאַפּאַסן קוילן. האַלב־נאַקעטע זיינען זיי אַרויסגעשפּרונגען אַפן פראָסט, זיך פאַרקליבן הינטער די ווינקלען פון די שפּייכלערס, הינטער די פּלויטן און אַקשאָנעסדיק געשאָסן.

— פּלאָנטערט זיך ניט פאַר די פיס, פּלאָנטערט זיך ניט! — האָט סערגיי געשריגן אַף די דאָרפס־ווייבער, וואָס האָבן זיך פּלוצעם באַוויזן ווי פון אונטער דער ערד, זיינען אויסגעוואַקסן אומעטום און געקומען דירעקט אונטערן קרייץ־פייער.

— כאַווירים, באַ מיר אין כאַטע זיינען דאָ זעקס דייטשן, גאַנצע זעקס! גיכער! — האָט פעלטשאַריכע געשלעפּט א רויטאַרמייער פאַר דעם אַרבל.

— וואו איז דאָס?

— דו קום נאָר, איך וועל דיר שוין ווייזן, די כאַטע איז גאָר נאָענט, אָט דאָ באַלד, — האָט זי אים איינגערעדט, גלייך ווי זי וואָלט אים געוואָלט פאַרדינגען א גוטע דירע.

זיי זיינען אָוועקגעלאָפן נאָך איר. נאָר זיי האָבן באַלד דערזען, אַז

די זאַך איז ניט אַזוי פּאַשעט. די דײַטשן האָבן זיי באַגעגנט מיט אַ מער־דערלעכן פֿײַער. אויך דאָ זײַנען אין די וועגט געווען אויסגעהאַקט שים־לעבער, פֿון וועלכע עס האָט געשפּיגן מיט טויט.

פעלטשאַריכע איז צוגעפֿאַלן צו דער ערד צוזאַמען מיט די שלאַכט־לײַט. אַ יונגער באָכער לעבן איר האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט פֿאַר דער ברוסט און מיט אַ קרעכץ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף זײַן ברוסט.

— דאָס טויג אינגאַנצן ניט, כּעוורע, — האָט זי אַ געשריי געטאָן.

— זיי וועלן אײַך אַזוי אַרויסקלאַפּן אײַנציקווײַז און אַליין וועלן זיי זיצן אינעווייניק. צינדט אונטער די כאַטע!

— דאָס איז דאָך דײַן כאַטע?

— מײַנע, וועמענס דען? צינדט אונטער, צינדט אונטער!

— אין דער כאַטע איז קיינער ניטאָ?

פעלטשאַריכע האָט צונויפגעדריקט אַ פויסט.

— איז, וואָס רעדסטו? — ביסט פֿון זינען אַראָפּ, צי וואָס?

זי האָט אָנגעכאַפּט דעם רויטאַרמייער פֿאַרן אַרבל.

— ס'מאַכט ניט, טײַערינקער, עס מאַכט ניט! איר דאַרפֿט דאָך ניט אַלע אומקומען צוליב מײַן קינד... איך בין די מאַמע און איך זאָג דיר — צינד אונטער די כאַטע!

— באַרעכן זיך, מוטער, וואָס דו רעדסט.

— צינד אונטער די כאַטע! מיר איז ניט קיין שאָד, איז וואָס אַרט עס דיך? און עפּשער וועלן מיר דאָס קינד ראַטעווען? נו, זעעסט שוין?

אַ צווייטער רויטאַרמייער האָט אין איילעניש זיך פֿאַרבאַנדאַזשירט אַ האַנט מיט אַ טיכל. דורכן טיכל האָבן זיך דורכגעשלאָגן גרויסע פלעקן בלוט.

די שלאַכטלײַט האָבן ניט געפֿאָלגט פעלטשאַריכען, נאָר זי האָט זיי געהאַלטן אין איין אײַנריידן און זיי געשלעפּט פֿאַר די שינעלן.

— הער זיך דאָ אויף צו פּלאָנטערן, מ'וועט דיך דערהאַרגענען! זעעסט ניט ווי מען שיסט?

— ווער דאַרף דאָס שיסן אין אַן אַלטער באָבע...

אין איינער פֿון די שים־לעבער איז די ביקס אַנטשוויגן געוואָרן.

וואנדא וואַשילעווסקא

— אָט, איר זעט! מען דאַרף נאָר שיסן ווי געהעריק, און אַלץ וועט זיין גוט.

— עי, כעוורע! איז עפּשער דורכן דאַך? פון יענער זייט דורכן דאַך?

— דאָס, זעסטו, איז עפּעס אַנדערש! אָבער ניט „צינד אונטער, צינד אונטער!" וואו איז דאָס, פיר!

עטלעכע רויטאַרמייער זיינען געבליבן און פאַרגעזעצט דאָס שיסן מיט דאָפּלטער ענערגיע. די אַנדערע זיינען אַוועקגעלאָפן נאָך פעלטשאַ־ריכען.

אין עטלעכע מינוטן אַרום איז אין דער כאַטע אַלץ געווען פאַר־ענדיקט.

— שיסט ניט! — האָט אויסגעשריען פעלטשאַריכע און ברייט צע־עפנט די טיר, — שיסט ניט!

די שלאַכטלייט זיינען אויפגעשפּרונגען. אין דער כאַטע זיינען גע־לעגן טויטע דייטשן, איינער מיטן פּאָנעם אפן קוילנוואַרפער. די אַנדערע דערשטאָכן פון באַגנעטן.

— גיב אַ קוק, סעריאָזשע, גלייך אין שטערן אַריין.

דער שיסער האָט מיט שטאָלץ באַטראַכט זיין אַרבעט.

יאָ, דער דייטש איז דערהאַרגעט געוואָרן אפן אָרט מיט איין שאָס. פעלטשאַריכע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום וויגל.

— דערהאַרגעט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ טויטן, דערשטיקטן קאָל.

יענע האָבן אַ קוק געטאָן. דאָס קליינע קערפּערל איז געלעגן לעבלאָז אף די הענט פון דער פרוי. דאָס קעפּל איז געווען צעשמעטערט. דאָס וויגל איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט.

— ער האָט זיך, ווייזט אויס, צעוויינט אין וויגל, האָבן זיי אים מיט אַ קאָלבע די אויסוואורפן...

ווי אַ געליימטע איז פעלטשאַריכע געשטאַנען מיטן טויטן קינד אף די הענט און געוויגט דאָס קליינע קערפּערל.

— אָט, איר זעט... און איר האָט ניט געוואָלט אונטערצינדן... געזשאַלעוועט אַ טויט קינד... צוליב אים זיינען צוויי פאַרוואונדעט גע־וואָרן...

דער רעגנבויגן

— בארואיק זיך, מוטער, בארואיק זיך...

— איך וויין דאָך ניט, טייערינקע, איך וויין ניט. אָט, ווען איר זאָלט מיר געבן א ביקס...

די שיסערייַ איבערן דאָרף האָט זיך אביסל איינגעשטילט. די שלאַכט איז אָנגעגאַנגען בלויז בא דער קאָמענדאַנטור. דער הימל האָט שוין אָנגעהויבן ווערן בלייך, די לעוואָנע אין דעם רעגנבויגנדיקן הייטל איז צעגאַנגען געוואָרן אין דער הויך. עס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אויפלייזן די רעגנבויגנדיקע זיילן אף ביידע זייטן פון דער לעוואָנע. די לופט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער ענדלאָזער בלויקייט, די גאַנצע וועלט איז געוואָרן ווי א גלעזערנער קוילעך, אָנגעפילט מיט אייז. אין דעם זילבער און אין דער בלויקייט האָבן זיך אריינגעריסן בלויז די רויטע פייערלעך פון דער נאָכאַנאַנדיקער שיסערייַ בא דער קאָמענדאַנטור.

— אזוי וועלן מיר זיך גיט ספּראַווען, יאַטן... באַדאַרפט עפּשער אריינוואַרפן גראַנאַטן אין פענצטער. די לאָדן זיינען ניט אַזוינע שטאַרקע.

— און ווי וועסטו צוקומען? זיי שיסן דאָך ווי מעשוגענע.

ווירקלעך, פון די שיס-לעכער אין די ווענט האָט זיך געגאָסן א שטראָם פייער. ס'האָבן נאָכאַנאַנד געקנאַקט שאָסן. דער שנייַ האָט זיך אויפגעשטויבט מיט קליינינקע וואָלקנדלעך אין הונדערט ערטער מיטאַמאָל.

— ס'טאָגט, — האָט שאַלאָוו געזאָגט אומרואיק און באַטראַכט דעם הימל, וואָס איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער.

ווייט אפן האָריזאָנט האָט זיך שוין געזען א ראָזעווער פּאַס. די שלאַכט האָט זיך פאַרצויגן לענגער ווי ער האָט דערוואַרט. עס וועט ווערן טאָג, אפן שליאַך קאָנען זיך באַווייזן דייטשישע אָפּטיילן, עס קאָנען צוקומען אומדערוואַרטע פאַרשטאַרקונגען. אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אונטערן צודעק פון דער נאַכט, האָט געקאָנט בלייבן אומבאַמערקט. דער טאָג האָט באַפרייט די דייטשן פון דעם שרעק פאַרן אומבאַוואוסטן און זיי דערלויבט ארויסצוגיין, זיך באַוועגן. אויב מען אינטערעסירט זיך ערגעץ מיט אָט-דעם אָפּטייל, און געווויס אינטערעסירט מען זיך, וועט מען באַמערקן, אַז ס'איז ניטאָ קיין טעלעפאָן פאַרבינדונג. זיי וועלן ארויסשיקן מענטשן, נעמען זוכן. דער טאָג וועט העלפן די דייטשן.

— נו, יאטן...

— ס׳קומט ניט ארויס, כאווער לייטענאנט... דאָ קאָן מען אזוי אפזיצן א יאָר. אָט, ווען מען זאָל א וואָרף טאָן א גראנאט.

— נו, גוט, מען דאַרף א פּרואוו טאָן, — האָט סערגיי פּלוצעם געזאָגט.

— ווי קאָן מען דאָ פּרואוון?

— נישקאָשע, איך וועל א פּרואוו טאָן...

ער איז פון ווייטנס אַן א זייט ארומגעקראָכן דאָס הויז און האָט גענומען קריכן, זיך אונטערגאָנוועגנען פון הינטער א ווינקל דאָרט וואו עס זיינען ניט געווען קיין שיס־לעכער אין די ווענט. די רויטארמייער האָבן איבערגעריסן די שיסעריי, קעדיי ניט צו טרעפן אין אים.

— וואָס איז אים איינגעפאַלן? — האָט שאַלאָוו געזאָגט אַן אויפגערודערטער. אָבער סערגיי איז געקראָכן רואיק.

אין דער קאַלטער, האַלב־פינצטערניש פון באַגינען, האָט מען געקאָנט זען ווי דאָרט אין דער שווארצער שיס־לאָך, באַוועגט זיך דאָס רערל פון א ביקס, ווי עס זוכט דעם ציל, ווי עס קנאַלט און שפּייט מיט טויט.

און פּלוצעם האָט זיך סערגיי אויפגעהויבן. איידער זיי האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, איז ער אויסגעוואַקסן צווישן זיי און דער שיס־לאָך, וואָס האָט געשפּיגן מיט טויט, האָט זיך אויסגעגלייכט צו זיין פולער הויך און מיט א האַסטיקער באַוועגונג א שליידער געטאָן אין פענצטער א בינטל גראנאַטן. אַלץ האָט זיך צעקלונגען, צעקראַכט, פאַרצויגן מיט רויך. ס׳האָט א זעץ געטאָן א פלאַם. דער מענטש פאַרן פענצטער איז אזוי ווי געבליבן הענגען אין דער לופטן. ס׳האָט זיך געדאכט, אז ער פאַלט אַן ענדלאָז־לאַנגע צייט. זיין הויכע פיגור האָט זיך אויסגעצירט אנטקעגן דעם פלאַמיקן הינטערגרונט. דערנאָך האָט ער זיך א וואַקל געטאָן און זיך לאַנגזאַם אראָפּגעלאָזט צו דער ערד.

— פאָרויס! — האָט שאַלאָוו באַפוילן.

זיי האָבן זיך א וואָרף געטאָן צום הויז. דער קוילנוואַרפער אין דער שיס־לאָך האָט געשוויגן, א פאַרגאָסענער מיט בלוט. געשוויגן האָבן אויך

די סאָלדאַטן פון דער מאַנשאַפט. די גראַנאַטן האָבן אָפּגעטאָן זייער אַרבעט.

— פאָרויס, יאַטן!

זיי האָבן באַשאָטן דאָס הויז מיט אַ האָגל פון קוילן און זיך אַריינ־געריסן אינעווייניק דורך דער וואַנט, וואָס די גראַנאַטן האָבן צענומען, זיך צעשניידנדיק די הענט אָן די צעבראָכענע גלאָז. פייערדיקע צונגען האָבן געלעקט די שווערע ברווענעס.

— דאָרט זיינען דאָך אונדזערע! דאָרט זיינען אונדזערע! — האָט מאַליוטשיכע אויסגעשריען מיט אַ קוויטש.

ערשט איצט האָבן זיך אַלע דערמאָנט אָן די מאַשקאָנעס. און יענע זיינען געווען פאַרשפאַרט אין פינצטערן צימער, געשטאַנען בא די וואַנט און צוגעלייגט צו זיי די אויערן. זיי זיינען ניט געשלאָפן, ווען ס'האָט אַ זעץ געטאָן דער ערשטער שאָס, און זיי האָבן אים אַלע דער־הערט, ווי דעם קלאַפּ פון אייגענעם האַרצן. זיי האָבן אָפּגעוואַרט אַ רעגע. נאָר באַלד נאָכן ערשטן שאָס איז געקומען אַ צווייטער. ניין, ס'איז ניט געווען קיין שום ספק: דאָס איז ניט קיין צופעליקער שאָס פון אַ וועכטער.

— אונדזערע, האָט טשעטשאָריכע געזאָגט מיט אַ הויכן קאָל, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן.

— אונדזערע, — האָט אָלגאַ אויסגעשעפּטשעט.

בלויז מאַלאַשאַ האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן פון אָרט און ווייַ־טער געקוקט מיט גלעזערנע אויגן אין דער פינצטערניש אַריין.

— בא דער קירך שיסט מען, — האָט יעוודאָקים באַמערקט.

— לעבן זייער באַטאַרייע.

— ס'האָט זיך דערהערט אַ שאָס גלייך בא דער וואַנט. אָלגאַ האָט אַ קוויטש געטאָן.

— און דו, זיי שטיל! זיי זיינען דאָ, געקומען!

זיי זיינען געזעסן ווי אין אַ פאַסטקע. זיי האָט אַרומגערינגלט אַ פינצטערניש, מ'האָט גאָרניט ניט געקאָנט זען. פון יענער זייט וואַנט איז אָנגעגאַנגען אַ שיסעריי, מענטשן זיינען געלאָפן. ס'האָט געפּלאַקערט אַ שלאַכט. און זיי האָבן גאָרניט ניט געזען, גאָרניט ניט געוואוסט.

„די דייטשן וועלן אונדז דערהאַרגענען איידער אונדזערע וועלן

צוקומען”, האָט גראַכאַטש אַ טראַכט געטאָן, נאָר ער האָט גאָרניט ניט געזאָגט, קעדיי ניט איבערצושרעקן די פרויען. ער האָט מיט אויפרודערונג זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון יענער זייט טיר. נאָר אין אַ ווייל אַרום האָבן זיי דערהערט ווי קאָלבעס זעצן אין דער טיר, ווי מענטשן טאָפּטשען זיך אין שכייניש צימער. גראָכאַטש האָט גענומען קלאַפּן מיט אַ פויסט אָן טיר.

— כעוורע! לאָזט אונדז אַרויס!

נאָר פון יענער זייט טיר איז אָנגעגאַנגען דער גערודער און די טופּעניש, און קיינער האָט ניט געהערט זייערע געשרייען.

— אַ־נו, ווייבער, העלפט אַרויס, אַניט הערן זיי ניט. ביז וואַנען וועלן מיר עס דאָ זיצן?

אָלגאַ איז אויפגעשפּרונגען און האָט אָנגעהויבן האַסטיק קלאַפּן מיט אַ פויסט אָן וואַנט. נאָך איר — טשעטשאָריכע.

— יאַטן, לאָזט אַרויס!

הינטער דער וואַנט איז אָנגעגאַנגען דער גערודער, די שיסעריי און געשרייען. קיינער האָט ניט געענטפערט אַף דעם פאַרצווייפלטן רוף פון די געפאַנגענע.

— שטאַרקער, ווייבער, זיי וועלן דאָך ענדלעך דערהערן...

— וואָס־זשע, קיינער אין דאָרף וועט זיי ניט זאָגן? איז עס דען מעגלעך, אַז מ'האָט אָן אונדז פאַרגעסן?

ווידער האָבן גענומען זעצן די פויסטן אָן וואַנט, נאָר גלייכצייטיק האָבן זיך אין דרויסן דערהערט אַסאַך שווערע טריט. די שלאַכטלייט זייַנען, ווייזט אויס, אַרויסגעלאָפן פון הויז. אַף אַ מאָמענט איז געוואָרן שטיל. די געפאַנגענע האָט זיך געדאַכט, אַז אָן אָפּגרונט האָט זיך פאַר זיי געעפנט, אַז די האָפענונג געראַטעוועט צו ווערן איז פאַרשוואונדן.

— וואָס איז דאָס? — האָט יעוודאָקים געפרעגט מיט אַ טעמפּער שטים, — אונדזערע גייען אַוועק?

— אָך, — האָט זיך אָלגאַ צעוויינט.

— שוייג נאַר! און איר אויך, אַן אַלטער און אַ נאַר! זיי פּרואוון פון יענער זייט, איר הערט דען ניט?

זיי זייַנען אַנטשוויגן געוואָרן. דער ראַש און די שיסעריי האָבן זיך מיט פאַרטאָפּלטער קראַפט דערהערט פון דער אַנדערער זייט.

— פּרואוון נעמען פון נאָס...
— וועמענס קוילנוואָרפער האָקט דאָס?
— אַ דייטשישער... און איצט אונדזערער, הערסט?

צונויפגעהורבעטע, האָבן זיי מיט שפּאַנונג זיך איינגעהערט. בלויז מאַלאַשאַ איז געזעסן באַוועגלאָז, גלייך ווי די גאַנצע זאַך איז איר ניט אָנגעגאַנגען.

אָך, גאָטעניו, גאָטעניו האַרציקער, — האָט יעוודאָקים אַ זיפץ געטאָן.

גראָכאָטש האָט זיך אויסגעדרייט צו אים:

— וואָס איז, דו קלייבסט זיך גאָט בעטן?

— זאָל ער בעטן, אויב ער וויל, — האָט זיך טשעטשאָריכע אָנגענומען פאַרן אַלטן, — וואָס איז, עס שטערט אייך דען?

יעוודאָקים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני פאַר דער טיר און אָנגעהויבן מיט אַ ציטערדיקן זקייִנישן קאָל:

— ...פון הונגער, ערדציטערניש, מאַגייפע און דעם סוינעס אָנפאַל באַשיץ אונדז גאָט...

גראָכאָטש האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס. פון יענער זייט וואַנט האָבן געקנאַלט שאָסן, און פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער קראַך. אַלץ האָט אַ ציטער געטאָן, גלייך ווי דאָס הויז וואָלט געהאַלטן אין איינפאַלן.

— אָך! — האָט אָלגאַ אַ קוויטש געטאָן.

ס'האָבן זיך דערהערט שטימען, דער גערויש איז געוואָרן שטאַרקער. ערגעץ גאָר נאָענט האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער אויסגעשריי פון אַ פרוי. און קימאַט אין דער זעלביקער צייט האָבן ווידער גענומען קלאַפּן קאָלבעס.

— אוועק פון די טירן, אוועק פון די טירן! — האָט גראָכאָטש באַפוילן.

זיי זיינען צוריקגעטראָטן. די טיר האָט צוזאַמענגעבראָכן.

זיי האָט זיך געדאַכט, אַז דער ליכטיקער טאָג האָט זיך אַריינגעריסן אין דער פינצטערניש אַריין. דער שכיינישער צימער איז שוין געווען באַלויכטן מיט די ליכט פון בלייכן באַגינען, דורכגעריסן פון רויטע

פלאַמיקע צונגען. מאַליוטשיכע האָט זיך אַריינגעריסן אַ פּאַרסאַפּעטע.

— אונדזערע! אונדזערע! קומט אַרויס! — האָט זי געשריען מיט געוויין און געלעכטער, אַנכאַפּנדיק טשעטשאָריכען פאַרן אָרבל. — די קינדער זיינען באַ מיר, זיי לעבן און זיינען געזונט... אונדזערע זיינען אין דאָרף. אונדזערע זיינען אין דאָרף!

— שטילער, ווייבער! — האָט גראָכאַטש אָפּ זיי אָנגעשריען, — לאָזט אַרויסגיין.

מאַלאַשאַ האָט מיט איין שפּרונג זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און איז אָן אַ וואָרט אַרויסגעלאָפן פון הויז. אַפן שוועל איז געזעסן אַ יונגער רויטאַרמייער און זיך באַנדאַזשירט אַ פוס. מיט אַ זיכערער באַוועגונג האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ דייטשישע ביקס, וואָס איז געלעגן לעבן אים.

— וואָס טוסטו? — האָט ער אויסגעצויגן די האַנט, נאָר האָט זיך צוריקגעצויגן אונטער דעם שרעקלעכן בליק פון וואַנזיניקע שוואַרצע אויגן.

— טפו, מעשוגענע...

— און דו דערלויב איר, — האָט זיך גראָכאַטש אַריינגעמישט — קאָרג איז דאָ דייטשישע ביקסן.

אין דרויסן האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי:

— אַנטלאָפן! אַ דייטש איז אַנטלאָפן!

* * *

קאַפּיטאַן ווערנער איז שיר ניט דערשטיקט געוואָרן פון דעם רויך. פון דער נאָכאַנאַנדיקער שיסעריי איז אין דעם פאַרשפּאַרטן הויז געוואָרן איינגאַנצן פינצטער. דער רויך האָט געשטיקט, זיך איינגעגעסן אין די אויגן. די רערלעך פון די ביקסן זיינען געוואָרן אָנגעגליט. אַ פאַרוואונדעטער סאָלדאַט האָט דערקוטשעט מיט זיין קרעכצן באַ דער וואַנט. ווערנערן האָט זיך געוואָלט זיך אויסדרייען און אים אַריינשיסן גלייך אין פּנעם אַריין, נאָר ער האָט אָפּ קיין מינוט זיך ניט אָפּגעריסן פון זיין אויטאָמאַטישער ביקס. ווערנער האָט געפילט, אַז קיין לעבעדיקער

וועט ער פון דאַנען ניט אַרויס. מען האָט אים פאַרכאַפּט אומגעריכט, נאַריש. אומדערוואַרט, אין אַ מאָמענט, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַזאַ זאַך איז אינגאַנצן אומעגלעך. יאָ, דאָרט אין שטאַב האָבן זיי אין זינען געהאַט בלויז טוואָע, בלויז פּעטס, און דאָס האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו פאָדערן. נאָר צו באַשיצן דעם שליאַך צום דאָרף, — דאָס איז זיי גאָר ניט איינגעפאַלן. זיי האָבן געציטערט פאַר די פּאַרטיזאַנען, קעסיידער גערעדט וועגן די פּאַרטיזאַנען, נאָר זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אַרום זיי, ניט געוואוסט וואו עס געפינען זיך די באָלשעוויסטישע פּאָזיציעס.

דער קאַפּיטאַן האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען. לויט אַלע פאַקטן איז דער פראָנט געווען ווייט, זייער ווייט. און פּלוצעם איז די דייטשישע קאָמענדאַנטור אַרומגערינגלט ניט פון פּאַרטיזאַנען, וואָס דאָס האָט געקאָנט פּאַסירן אויך טיף הינטערן פראָנט, נאָר פון רעגולערע טרופּן, פון אַן אָפּטייל פון דער רויטער אַרמיי. פּראָדוקטן, איצט וועט איר האָבן פּראָדוקטן!

דער פאַרוואונדעטער האָט געקרעכצט אַלץ שטאַרקער, ס'האָט אים געטראָפן אין בויך אַריין. צום טייוול, וועט קיינער גאָר ניט דערהערן, וואָס דאָ קומט פאָר, ניט דערוויסן זיך וועגן דעם גענעם, וואָס האָט זיך דאָ צעשפּילט? עס האָט אים געזשוזשעט און געמרודזשעט אין די אויערן, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער קאָפּ וועט אים באַלד פּלאַצן. ווי לאַנג קאָן דאָס אָנהאַלטן? די דראָטן זיינען איבערגעריסן, ניטאָ קיין מעגלעכקייט זיך צו פאַרבינדן מיט ווע‏מען ניט איז. ער האָט געהערט ווי עס שטילט זיך איין די שיסעריי אין דאָרף, געהערט ווי עס ווערט טומלדיקער אַף דעם דאָרפס־פּלאַץ באַ דער קאָמענדאַנטור. ווייזט אויס, אַז זיין גאַרניזאָן איז שוין צעקלאַפּט און די קאָמענדאַנטור איז די לעצטע פּאָזיציע, וואָס פאַרטיידיקט זיך.

פּלוצעם האָט דער דיל אונטער זיינע פיס אַ ציטער געטאָן. אַ מוירעדיקער אויפרייס האָט אויפגעטרייסלט די לופט, וואָס איז געווען שוואַרץ פון רויך. די לופט־כוואַליע האָט אים אָפּגעשטויסן ווייט צו דער וואַנט. עס האָבן זיך דערהערט געשרייען. די לאָדנס זיינען אַרונטערגעפאַלן, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין פענצטער אַריין האָט מען אַריינגעוואָרפן

א בינטל גראנאטן. ס'האט זיך א ריס געטאן א פלאם. ווערנער האט דערפילט א ווייטיקדיקן שטאך אין אקסל. אפן דיל האבן זיך געוואלגערט שטיקער פלייש, הענט, פיס. ניין, דא איז מער ניטא וואס צו טאן. מיט דער שנעלקייט פון א בליץ האט ער זיך א ווארף געטאן צום דערבייאיקן צימער. דארט איז געווען רואיקער. אין דער וואנט איז געווען בלויז איין שיס-לאך, און דער מאשין-ביקסלער האט אן אויפהער געשאסן אין דער לופטן, כאטש קיינער האט אים מער ניט געענטפערט. ווייזט אויס, אז פון יענער זייט זיינען זיי אוועק. ווערנער האט מיט איין באוועגונג אויפגעמאכט דעם פארוקער. די לאדנס האבן זיך צעעפנט מיט א ראש. מיט איין זעץ פון פויסט האט ער אויסגעהאקט דעם פענצטער. דער קאפיטאן איז ארויסגעשפרונגען אפן שניי און האט אפילע ניט א קוק געטאן צי דארט איז עמעצער דא, צי מען צילט זיך אין אים. ער האט זיך פארבלינעט מיט דער ריינער, אייזיקער לופט, פארבלענדט מיט דעם פרימארגן בליאסק פון דעם שניי און דעם הימל. הינטער אים האבן זיך געהערט פוס-טריט און געשרייען — ווייזט אויס, אז די רויטארמייער האבן זיך ארייננגעריסן אין הויז. מיט ריזיקע שפרונגען האט ער זיך אוועקגעלאזט צו דער ערשטער געביידע, צו מאליוקס שטאל.

פלוצעם איז אים אפן וועג ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואקסן מאלאשא. האלטנדיק די ביקס פארן רערל האט זי מיט א פלוצעמדיקן ריס זיך א ווארף געטאן צו אים. ווערנער האט דערזען, גאר נאענט, איר טונקעלן פאנעם און ברענענדיקע אויגן, ריזיקע, שווארצע. די צעפאטלטע האר האבן זיך צעווארפן איבער אט דעם שרעקלעכן, אינספירירטן פאנעם. מיט פולן שוואונג פון אירע קרעפטיקע ארעמס האט זי אויפגעהויבן די ביקס איבער זיין קאפ. ווערנער האט זיך מיט בליץ-שנעלקייט אנגעצילט. עס האט א קנאק געטאן א שאס און אין דעם זעלביקן אויגנבליק האט די קאלבע זיך אראפגעלאזט מיט שרעקלעכער קראפט אף זיין קאפ. ער האט א קרעכץ געטאן און איז געפאלן נאזנדיק. די נאז צעבראכן, די ביינער פון שטערן צעשמעטערט. זיין פאנעם איז פארגאסן געווארן מיט בלוט. ער האט זיך פארכלינעט פון זיין בלוט, וואס האט אים פארגאסן דעם גארגל, די אויגן. ווערנער האט ניט געקאנט כאפן דעם אטעם.

צוויי שפאן די ווייט פון אים איז געלעגן מאלאשא. זי האט דערהערט דעם שאס גלייכצייטיק מיט דעם קנאק און גרילץ פון צעשמעטערטן

ביין. די קויל אין איר לייב האָט זי דערשפּירט ווי אַ גליק. אין בויך אַריין, אַזוי האָט טאַקע געדאַרפט זיין, אין בויך אַריין. עס האָט ניט ווי געטאָן. ניין, ניט קיין ווייטיק איז דאָס געווען, נאָר בעעמעס אַ געפיל פון גליק. אַ גליקלעכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אַף אירע ליפּן. דער אויסדרוק וואָס האָט אַ גאַנצן כוידעש אַרויפגעלייגט אַף איר פּאָנעם די קאַלטע מאַסקע פון אַלטקייט, איז פאַרשוואונדן. זי איז געלעגן מיט פאַ־נאַנדערגעוואָרפענע אָרעמס, מיטן פּאָנעם צום הימל, — די שוואַרץ־אויגיקע, טוינקל־הויטיקע מאַלאַשאַ, דאָס שענסטע מיידל אין דאָרף. זי האָט נאָך צונויפגעדריקט אין די הענט די ביקס, נאָר אַלץ איז שוין געווען ווייט פון איר, איז אַוועקגעשוואומען אין דעם רעגנבויגנדיקן בליאַסק, אין דער בלויקייט פון דעם אייזיקן פרימאָרגן, אין דעם פינקלדיקן שניי, אַף וועלכן עס זיינען געפאַלן די ערשטע שטראַלן פון דער זון.

אָט די ערשטע שטראַלן האָבן אויפגעוועקט דעם רעגנבויגן. זיין בליי־כער האַלב־קרייז האָט זיך אָנגעזען אַפן הימל אַ גאַנצע נאַכט, אָבער בלויז ווי אַ ווייסלעכער, אומקלאָרער פּאַס, קוים צו באַמערקן אַף דער בלויקייט פון הימל. איצט האָט אים די זון אָנגעזעטיקט מיט בליאַסק, מיט וואַרעמקייט, מיט קאָליר און ער האָט זיך צעשפּילט אַפן הימל מיט די ריינסטע פאַרבן, צאַרטע ווי בלומען־שטויב. ער האָט זיך געמינעט מיט רויזנבלעטלעך, מיט בעז אין אָנהויב פרילינג, געגרינט זיך מיט דער פרישער גרינקייט פון סאַלאַט, געשפּילט מיט שאַטירונגען פון פיאָלעטענע בלומען־גלעקלעך, מיט פּורפּור־רויטע רויזן, מיט גאָלדענע בלעטלעך פון פייער־בלום. ער איז דורכגענומען געוואָרן פון אַ וואַרעמער, דורכזיכטי־קער ליכטיקייט, וואָס האָט געלויכטן און זיך ניט געמינערט.

מאַלאַשאַס אויגן זיינען געווען געווענדעט צו אָט דעם רעגנבויגן, צום לויכטנדיקן האַלב־קרייז, וואָס האָט זיך הויך צעוואָרפן איבערן הימל. איר לעבן איז ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען, אַרויסגערונען פון קערפּער צו־זאַמען מיט איר בלוט. די פינגער זיינען פאַרשטייפט געוואָרן, די פיס זיינען געוואָרן קאַלט, דער קערפּער האָט געגליווערט. און די גליקלעכע אויגן האָבן געקוקט אַף דעם רעגנבויגן, אַף דעם לויכטנדיקן שליאַך, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דעם ווייטן הימל. אַ ליכטיקע סטעזשקע, וואָס פירט ווער ווייסט וואוהין; אַ פריידיקער וועג אין דער בלויקייט, וואָס איז

געוואָרן אַלץ ליכטיקער און מער אָנגעזעטיקט מיט זונליכט. און איבער אַט דער סטעזשקע איז זי געגאַנגען, — מאַלאַשאַ, דאָס שענסטע מיידל פון דאָרף, די בעסטע אַרבעטערן אין קאָלכאָז. דאָס האָט מען וועגן איר געשריבן אין די צייטונגען, דאָס האָבן פאַר איר זיך צעבליט מיט ליבע די זומערדיקע נעכט.

ס'איז מער ניט געווען קיין שניי, קיין פראָסט. איבערן קאָפּ האָט גערוישט דאָס היי, דופטיק און פול מיט בלומען. עס האָט געמורמלט א וואַסער־שטראָם; ערגעץ גאָר נאָענט האָט געבולקעט א קוועלנדיקער שטראָם פרישע וואַסער. א דופטיקייט האָט זיך געטראָגן פון די גראָזיקע פעלדער, פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט געזאַנג; מיידלעך האָבן געזונגען, באַכערים האָבן געלאַכט, אין דער נאַכטיקער שטילקייט האָט זיך צעשפּילט א האַרמאָשקע. די אויגן האָבן גענומען זוכן דעם רעגנבויגן אַפן הימל, אָבער ניין, — עס איז ניט קיין רעגנבויגן, עס איז א זומערדיקע נאַכט. איוואַן לאַכט פאַר פרייד. בא איר סאַמע פּאָנעם זעט זי זיינע גרויע אויגן אונטער די שוואַרצע ברעמען. דאָס פּאָנעם ווערט פאַרנעפּלט, פאַרצויגן מיט נאַכטיקער פינצטערניש. אָבער ערשט ניט לאַנג איז דאָך געווען דער רעגנבויגן. עס האָט זיך געוואָלט אים זען נאָכאַמאָל. אָנזעטיקן די אויגן מיט זיין בליאַסק.

מאַלאַשאַ האָט מיט מאַטערניש זיך אויפגעהויבן אַף אַן עלנבויגן. א ווילדער אומענטשלעכער ווייטיק האָט זי דורכגעשטאָכן, און זי איז ווידער אַנידערגעפאַלן אַפן שניי. זי האָט דערפילט, אַז זי שטאַרבט; זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי שטאַרבט, און אירע הענט האָבן זיך גענומען צאַפּלען אין דער לופטן אין א פאַרזוך צו כאַפּן די פאַרביקע לענטע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן הימל. נאָר די פינגער האָבן געכאַפּט בלויז פינצטערניש. די אויגן זיינען פאַרגלאַצט געוואָרן, געווענדעט צום הימל. פון די האַלב אָפענע ליפּן האָבן א בליאַסק געטאָן די גראַדע, ווייסע ציין, און דער פּאָנעם איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אַן אומגעוויינלעכן אויסדרוק פול מיט יעסורים.

* * *

דער טומל אין דרויסן איז געוואָרן שטאַרקער; דאָס האָבן דאָרפס־ווייבער געפירט געפאַנגענע דייטשן. טערפּעליכע האָט געפונען אַן אַנט־

לאַפּענעם דייטש אין איר איינענער שטאַל. יענער האָט אוועקגעוואָרפן זיין ביקס, איז אַריינגעלאָפן אין שטאַל דורך דער אָפענער טיר און זיך באַהאַלטן אונטער אַ בינטל שטרוי. אים האָבן אַרויסגעגעבן די שפּורן אַפן שניי. טערפעליכע האָט זיך ניט גענומען די מי צו רופן די רויטאַרמייער צו הילף. זי אַליין מיט גראַבאַטשעסביידע טעכטער זיינען פאַרזיכטיק אַריין אין שטאַל, באַוואָפנט מיט היי־גאָפּלען און הראַבליעס.

— עי, פּריץ, קריך אַרויס! וואַרט נאָר, פראָסיאַ, ער האָט זיך איינ־געגראָבן אין שטרוי.

— שטופּט זיך ניט, כ׳וועל אים באַלד אָנטאַפּן מיטן היי־גאָפּל.

— פון דער וואַנט, פון דער וואַנט קום צו, אַניט וועט ער נאָך אויסשיסן, דער סוואָלאָטש...

דער באַלאַגערטער „העלד" האָט ניט פאַרשטאַנען די ווערטער, אָבער דורכן שטרוי ט׳ער דערזען דעם היי־גאָפּל. איז ער שנעל אַרויסגע־קראָכן און האָט פון זיך אָפּגעטרייסלט די שטרוי. אַף אים זיינען גע־האַנגען שמאַטעס פון דעם צעריסענעם מונדיר און דער קאָפּ איז בא אים געווען איינגעוויקלט אין אַ ווייבערשן אונטערוועש פון אַ גיפּטיק־פיאָלע־טענעם קאָליר.

— אָט אַ קאַוואַליר, קוקט אים נאָר אָן, מיידלעך! אַ־נו, ריר זיך, ריר זיך!

דער דערשראָקענער דייטש האָט זיך אין אייַלעניש אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג. באַם שוועל האָט ער זיך ספּאָטיקעט.

— זע נאָר, ווי ער קריכט! העכער, העכער הויב די קאָפּיטעס! פראָסקאַ, גיב נאָר אַ קוק צי דאָרט אין דער שטרוי איז ניטאָ קיין ביקס. ס׳וועט צונויץ קומען.

דאָס מיידל האָט פלייסיק דורכגענישטערט די שטרוי.

— ניין, ער האָט, ווייזט אויס, פריער ערגעץ אוועקגעוואָרפן די ביקס זיינע.

— אָט אַ העלד! און שטיוועלעך טראָגט ער דאָס, אַ צאַצקע! — האָט טערפעליכע באַמערקט.

די פיס באַם דייטש זיינען געווען איינגעוויקלט אין שמאַטעס.

— די פיס זיינען בא אים, ווייזט אויס, אָפּגעפרוירן, זע נאָר ווי ער שלעפּט זיך.

קײנער האָט אים אַהער ניט גערופֿן. האָט ער געזאָלט זיצן אין דער הײם און זיך װאַרעמען באַם אױװן װיפֿל ס'װעט אין אים אַרײַן... אָבער נײַן, אים האָט זיך פֿאַרװאָלט אונדזער ערד!

אין דרױסן איז זיך צונױפֿגעלאָפֿן אַן אױלעם.

— װו האָסטו אים געפּאַקט, טערפּעליכע?

— כאַ־כאַ, קוקט אים נאָר אָן!

— װאָס גײט עס אײַך אָן? איר זעט דען ניט, אַז איך פֿיר אַ געפֿאַנגענעם? איר גײט בעסער אַ זוך אין אײַערע שטאַלן און שפּײַכלערס. אַנשטאָט צו גלאָצן מיט די אױגן. זײ זײַנען זיך איצט צעקראָכן װי די טאַראַקאַנעס, מען דאַרף זײ אַלעמען כאַפּן, ביז אײנעם!

— ריכטיקע רײד, — האָט באַמערקט דער הינקענדיקער אַלעקסאַנדער, — אַ־נו, באַבעס, לאָמיר אַ זוך טאָן צי זײ האָבן זיך ערגעץ ניט פֿאַרקליבן.

אַלע זײַנען זיך צעלאָפֿן אין די כאַטעס און צוריקגעבראַכט הײַגאָפּלען, לאָפּעטעס און העק.

— צוזאַמען לאָמיר גײן, צוזאַמען!

— אײנײנעם איז פֿרײלעכער!

— אָהאָ, פּראַסיאַ האָט מורא מען זאָל איר ניט אָנטרעטן אױפֿן דײטש.

— אַז מען װעט דאַרפֿן, װעל איך אױף אים אַזױ אָנטרעטן, אַז ער װעט קײן פּיפּס ניט טאָן.

— נו, נו, באַבעס, — האָט זײ אַלעקסאַנדער אײַנגעשטילט, — פּלױדערט ניט אַזױפֿיל.

זײ האָבן זיך אװעקגעלאָזט אַלע צוזאַמען פֿון כאַטע צו כאַטע. דורכגעטרײסלט די שטרױ אין די שטאַלן, אַרײַנגעקוקט אין די שפּײַכלערס. די קינדער האָבן זיך געפּלאָנטערט אין אַלע װינקלען, האָבן לוסטיק געקװיטשעט. סאַשאַ איז געקומען צו לױפֿן אַ פֿאַרסאָפּעטער.

— באַ אונדז אין שטאַל איז דאָ אַ דײטש!

שטופּנדיק אײנע די אַנדערע, האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן אַהין און מיט שטאָלץ אַרױסגעפֿירט אַ פּרײַז, װאָס האָט זיך געטרײסלט פֿאַר שרעק. די רױטאַרמײער, װאָס האָבן אױך דורכגעזוכט דאָס דאָרף, האָבן

געשמייכלט, ווען זיי האָבן באַגעגנט די ווייבער, אָבער יענע האָבן גע־קענט אַלע ווינקעלעך, און דעריבער האָבן זיי געהאַט מער דערפאָלג.

— אַ־נו, יאַטן, ווער האָט מער געפאַנגענע?

— איר, — האָבן די שלאַכטליט צוגעגעבן לאַכנדיק.

— וואו איז זייער קאָמענדאַנט? — האָט שאַלאָוו זיך געקאָכט, — גיט אַ זוך, יאַטן. איז עס מעגלעך, אַז ער איז אַנטלאָפן?

זיי האָבן באַקוקט די דערהאַרגעטע דייטשן. אַ פעלדפעבל, סאָלדאַטן פון די רייען.

— דעם קאַפּיטאַן, דעם קאַפּיטאַן זוכט!

און ווערנער איז געלעגן אין טיפן שניי הינטער די שטאַלן. איין אויג איז בײַ אים אויסגערונען, ארויסגעקלאַפּט מיט דער קאָלבע. נאָר דאָס צווייטע האָט געקוקט גלייך אין הימל אריין, וואָס האָט זיך געשפרייט איבער זיין קאָפּ.

אין אומדערטרעגלעכער ווייטיק האָט אים צעריסן דעם קאָפּ. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער האַלט אים אין איין קלאַפּן איבערן קאָפּ מיט אַ ריזיקן האַמער אַזוי, אַז עס שפּריצן רויטע, געלע, פּורפּורנע פונ־קען. אין דעם אויג, וואָס איז שוין מער קיין אויג ניט געווען, האָט גע־ברויזט אַ פלאַם פייער, דער גאָרגל איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. ווער־נער האָט אין איילעניש געשלונגען, געשלונגען, זיך פאַרכלינעט. און דאָס בלוט איז אַלץ גערונען ווי פון אַן ענדלאָזן קוואַל, ווי פון אַ ברונעם אָן אַ גרונט, און ער האָט געמוזט אַלץ ווייטער שלינגען און שלינגען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט ניט שלינגען, וועט אים אָט די איבלדיקע פליסיקייט דערשטיקן. אין האַלדז האָט ווי געטאָן, ער האָט שוין מער ניט געקאָנט שלינגען נאָרמאַל. פּיינלעכע קאָנוואולסיעס אין גאָרגל האָבן אויפגעטרייסלט זיין גאַנצן קערפּער. ער האָט געפילט, אַז ער וועט פאַרפרוירן, אַז ער וועט אומפאַרמיידלעך פאַרפרוירן ווערן, אויב מען וועט אים באַלד ניט געפינען, אויב מען וועט אים באַלד ניט העלפן. און ער האָט אַ ציטער געטאָן. ווער וועט אים העלפן? די מוזשיקעס, די פאַרשאָלטענע מוזשיקעס פון דאָרף? אים האָט ארומגעכאַפּט אַ שוידער: וואָס, אויב ער וועט ניט שטאַרבן, נאָר אריינפאַלן צו די מוזשיקעס אַף די היי־גאָפּלען אָדער צו די באָלשעוויקעס אין פלען? אומעטום איז גע־

ווען שטיל, די שיסערייַ האָט אויפגעהערט. ער האָט זיך ניט גענאַרט, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין אָפּטייל איז אויסגעראָטן, אַז געזיגט האָבן יענע. פאַרצווייפלונג האָט זיך ווי נעגל איינגעראָבן אין האַרצן. אים, דעם קאַפּיטאַן וווערנער, האָט מען געכאַפּט אומדערוואַרט, אָט די כאַמעס אין די גרויע שינעלן. ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען?

ער האָט אָנגעשטעלט זיין איינציק אויג אין דער ווייטער בלויקייט אַריין, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט אַן ענטפער. און אָט האָט ער דערזען דעם רעגנבויגן: אַ ריזיקער האַלב־קרייז, צעוואָרפן פון איין עק האָריזאָנט ביזן אַנדערן; אַ בליסטשענדיקע לענטע, וואָס פאַרבינדט דעם הימל מיט דער ערד. עס האָבן געשיינט מילדע פאַרבן, אָנגעזעטיקט מיט ליכט. אין דעם פאַרנעפּלטן קאָפּ האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ דערינערונג: וואו האָט ער דאָס געזען אַזאַ רעגנבויגן? אָ, יאָ, פאַר אָט דער זאַווערוכע... וואָס האָט דעמאָלט געזאָגט די באַבאַ? זי האָט באַשטעטיקט זיין באַמערקונג, אַז דער רעגנבויגן איז אַ גוטער סימען.

קאַפּיטאַן וווערנער האָט אָנגעהויבן קרעכצן. דער רעגנבויגן האָט געלאַכט מיט אַ פריידיקן בליאַסק. ס'איז געווען אַ גוטער סימען — ניט פאַר אים. פריידיק האָט געשיינט דער רעגנבויגן, אָבער וווערנער האָט אים שוין ניט געזען, אַ פאַרזונקענער אין פינצטערניש.

קאַפּיטל צען

מען האָט זיי באַגראָבן אַפֿן דאָרף־פּלאַץ בײַ דער קירך. סײַ די וואָס זײַנען אומגעקומען יענע נאַכט און סײַ יענע, וואָס זײַנען שוין אַ כּוידעש צײַט געלעגן אַפֿן שניי אין טאָל.

פּעדראָסיאַ קראַווטשוק האָט אַליין געהאָלפֿן איבערבערענגען דעם קערפּער פֿון איר זון. זי האָט אונטערגעהאַלטן דעם אומבאַוועגלעכן, מאָדנע גרינגן קאָפּ, שפּירנדיק אין אירע פֿינגער די ווייכע האָר. אָן ווייטיק, אָן ביטערניש האָט זי געקוקט אויף דעם שוואַרצן פּאָנעם, ווי פֿון האַלדז אויסגעשניצט. אָט האָט זיך וואַסיאַ דערוואַרט. ברידערלעכע הענט האָבן אים אויסגעגראָבן פֿון שניי, ברידער באַגראָבן אים אין אַ ברודער־קייווער. דער שליטן האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט איבער דעם הויכן אָפּרים פֿון טאָל. פּעדראָסיאַ איז געגאַנגען באַם שליטן, האָט אונטערגעהאַלטן דעם זונס קערפּער, אַז ער זאָל זיך ניט אַראָפּגליטשן, ניט אַראָפּפֿאַלן אַפֿן שניי. מיט אַ זאָרגזאַמער מוטערלעכער האַנט האָט זי פֿאַריכט די קער־פּערס פֿון די אַנדערע, די אומבאַקאַנטע, וואָס זײַנען געלעגן לעבן וואַסיאַן.

דאָס מיידל באַגראָבן צוזאַמען מיט זיי, — האָט באַפֿוילן שאַלאָוו.

— זי איז אומגעקומען אין קאַמף ווי אַ שלאַכטמאַן.

— זי איז שוין אַ ווײַבל, זי האָט אַ מאַן אין דער אַרמיי, — האָט מאַליוטשיכע געזאָגט. נאָר ווען מ׳האָט געבראַכט מאַלאַשאַס קערפּער האָט זיך מאַליוטשיכע אויסגעדאַכט אַז זי האָט אַ טאָעס געהאַט. אַפֿן שניי איז געלעגן אַ מיידל, גאָר אַ יונגע, אַזאַ ווי זי איז געווען צוריק מיט אַ יאָר, איידער מ׳האָט אָפּגעשפּילט איר טומלדיקע כאַסענע.

— א קראסאוויצע, — האָט געזאָגט עמעצער פון די רויטארמייער.

יאָ, דאָס איז געווען זי, מאלאשא — דאָס שענסטע מיידל פון דאָרף. אַף די באַקן איז געפאַלן דער שאָטן פון לאַנגע וויעס. די האָר זיינען מיט ווייכע כוואַליעס געווען צעוואָרפן אַרום פּאָנעם. די שוואַרצע ברעמען, ווי די פליגל פון א שוואַלב, זיינען געלעגן אַף דעם גראַדן, ריינעם שטערן. אַפן פּאָנעם איז פאַרגליווערט געוואָרן א יעסורים־שמייכל, א שמייכל, פון וועלכן מען האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן.

פאַרזיכטיק האָבן זיי אַראָפּגענומען לעוואָניוקס קערפּער פון דער טליע. לעוואָניוטשיכע האָט שוין געשפּירט די ערשטע געבורט־ווייען, נאָר זי האָט ניט געוואָלט בלייבן אין דער היים. זי האָט צערטלעך אַריינגענור־מען אין אירע אָרעמס דעם פאַרשטייפטן, שוואַרצן קערפּער פון איר זון, וואָס האָט זיך א כוידעש צייט געוויגט אַף דער טליע, אין מיטן שניי און זאַווערוכע.

— פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, — האָט זי געזאָגט גלייך ווי ער האָט נאָך געקאָנט עפּעס פילן, גלייך ווי מ'האָט אים נאָך געקאָנט וויי טאָן.

די מיידלעך האָבן איר געהאָלפן. ער איז געווען גרינג, קימאַט אָן וואָג, און זיין זעכצן־יאָריקער פּאָנעם האָט אויסגעזען ווי דאָס פּענעמל פון א קינד, אויסגעשניצט פון האָלץ.

מ'האָט אויסגעגראָבן א קייווער, א ברייטן, א געראַמען און אַוועק־געלייגט אַלעמען אין א ריי, די פאַרשטייפטע, שוואַרץ־געוואָרענע קער־פּערס פון יענע, וואָס זיינען אומגעקומען צוריק מיט א כוידעש; און די צעריסענע קערפּערס פון סערגיי דאַטשענקאָ און סערדיוק, וועלכער איז אַזוי ווי געשלאָפן; און דעם יונגינקן רויטאַרמייער וואָס איז אומגעקומען באַ דער קאָמענדאַנטור; און מאַלאַשאַן. אין נאָמען פון אַלע כאַווירים האָט גערעדט שאַלאָוו. זיינע שטרענגע, ערנסטע פּראָסטע ווערטער האָבן זיך צעטראָגן ווייט אין דער ריינער לופט, האָבן זיך אַוועקגעטראָגן צום גלעזערנעם הימל, וואָס איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט א רעגנבויגן.

דאָס גאַנצע דאָרף, — פרויען, אַלטע מענער, קינדער — איז גע־שטאַנען אַרום קייווער און זיך איינגעהערט. די אויגן געווענדעט צו דער גרוב, וואו איינער לעבן אַנדערן זיינען געלעגן אין א ריי די אומגעקור־מענע שלאַכטלייט פון דער רויטער אַרמיי און מאַלאַשאַ. קיינער האָט

ניט געוויינט. אלע זיינען געשטאנען שטרענגע, מיט אנטבלויזטע קעפ. פעאדאסיא קראוטשוק האט אפגעגעבן דער ערד דאס, וואס איז געבליבן פון איר איינציקן זון. די אלטע שאריכע האט אפגעגעבן דער ערד דעם קערפער פון איר טאכטער. די אנדערע זיינען געווען אומבאקאנטע — נאר אלעמען האט זיך געדאכט אז אין דער קיוועה־גרוב ליגן זייערע זין, מאנען, ברידער.

אין יענעם טאג האט קיינער ניט געהאט קיין נאענטערע, קיין מער אייגענע ווי יענע, וואס זיינען אומגעקומען און האבן מיט טויטע אויגן געקוקט אין הימל אריין. דאס זיינען געווען שלאכטלייט פון דער רויטער ארמיי, זייער ארמיי.

— דאס פאטערלאנד וועט קיינמאל ניט פארגעסן — האט שאלאוו געזאגט מיט אן אויפגערודערטער שטים.

יא, זיי האבן געוואוסט, אז זיי וועלן קיינמאל ניט פארגעסן זייערע אויסלייזער. אז אין זייער זיקארן וועלן אף אייביק פארבלייבן די פענע־מער פון די, וואס זיינען אומגעקומען אין יענעם טאג און וואס ווערן אפגעגעבן דער ערד. דער געמיינשאפטלעכער קיווער האט פארייניקט די, וואס זיינען אומגעקומען, ווען זיי זיינען צוריקגעטראטן און פארלאזט דאס דארף אונטער דעם שטורעמדיקן פייער פון סוינע, און די אנדערע, וואס זיינען געקומען באפרייען דאס דארף און עס ארויסגעריסן פון דעם סוינעס הענט.

רואיק זיינען געווען די בליקן פון די מענטשן. יא, ס'איז מילכאמע. מיט בלוט, מיט פייער און אייזן האט זי זיך אראפגעלאזט אפן דארף. נאר אלע זיינען דא געווען אנגעפילט מיט דעם פעסטן גלויבן, וואס האט אונ־טערגעהאלטן און געשטארקט דאס דארף אין די שרעקלעכסטע, אין די פינצטערסטע טעג, — דער גלויבן אז זיי וועלן קומען, אז דאס לעצטע ווארט וועלן זיי האבן. שאלאוו האט זיך איינגעבויגן, אנגענומען א זשמע־ניע פארפרוירענע ערד און אריינגעווארפן אין קיווער.

און אלע, איינער נאכן אנדערן, האבן זיך איינגעבויגן, קעדיי אריינ־צוווארפן אין קיווער אריין א זשמעניע ערד. זאל זיך זיי שלאפן רואיק אין קיווער. זאל זיי די ערד גרינג זיין, זאלן זיי פילן אפן הארצן די איי־גענע ערד, די פרייע ערד פון זייער היים.

— און דו, ניורא, גיב אויך אַ וואָרף, — האָט זיך אַ מאַמע גע־וועגדעט צו איר צוויי־יאָריקער טעכטערל.

דאָס קינד האָט אָנגענומען אַ הענטל ערד און פּאָרזיכטיק אַרונ־טערגעוואָרפן. קינדערשע הענטלעך האָבן אויסגעגראָבן פון אונטערן שניי שוואַרצע ערד און זי אַרונטערגעשטופּט. די שלאַכטלייט האָבן געאַרבעט מיט די לאָפּעטעס. ענדלעך איז דער קייווער געווען אויסגעגלייכט מיטן באָדן. איבערן קייווער איז אויפגעוואַקסן אַ בערגל.

— אין פרילינג וועלן מיר פאַרזייען בלומען, — האָט מאַליוטשיכע געזאָגט.

— מיר וועלן פאַרזייען גרין גראָז, — האָט פּראָסיאַ צוגעגעבן.

זיי זיינען זיך לאַנגזאַם פאַנאַנדערגעגאַנגען. ס׳איז ניט געווען קיין טרויער אין זייערע הערצער, נאָר בלויז אַ פייערלעכע ערנסטקייט. יענע זיינען אומגעקומען פאַר זייער לאַנד, פאַר זייער ערד. אַזוי איז עס פריער אויך געווען, אָט ערשט אין אַכצנטן יאָר, וואָס אַלע האָבן געדענקט. קאַרג מענטשן זיינען דעמאָלט אומגעקומען פון זייער דאָרף! אַזאַ איז שוין דער סיידער פון לעבן, אַז מענטשן זאָלן פאַרטיידיקן מיט זייער בלוט און זייערע לעבנס די ערד, אַף וועלכער זיי זיינען אויסגעוואַקסן און אַף וועלכער זיי לעבן. דאָס איז פּאַשעט און קלאָר. זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען שווייגנדיקע, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט זיך שוין פון אומעטום אין דאָרף דערטראָגן אַ טומל און גערעדעריי. פרויען האָבן צו זיך פאַרבעטן רויטאַרמייער; יעדע האָט געוואָלט, אַז שלאַכטלייט זאָלן באַ איר איינשטיין. זיי מעכאַבעד זיין, זיי געבן אָפּצועסן, זיי דערוואַרעמען.

צו שאַלאָוון האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַ גאַנצע דעלעגאַציע.

— כאַווער קאָמאַנדיר, מיר האָבן צו אייך אַ באַקאָשע, — האָט טערפּעליכע אָנגעהויבן, — מיר וואָלטן וועלן אויפנעמען די אייגענע און זיי מעכאַבעד זיין ווי עס געהער צו זיין, האָבן מיר אָבער ניט מיט וואָס...

ער האָט זיך צעלאַכט.

— איז וואָס קאָן איך דאָ טאָן?

ס׳הייסט, מיר וואָלטן שוין געפונען מיט וואָס, נאָר איר דאַרפט אונדז צוהעלפן... באַ אונדז איז אַלץ באַגראָבן, באַהאַלטן אין דער ערד. ווען די דייטשן זיינען אונטערגעקומען, האָבן מיר אַלץ פאַרגראָבן. איז

ווי אזוי גראָבט מען דאָס איצט אויס? מיר האָבן ניט מיט וואָס, די ערד איז ווי שטיין. און איר האָט אינסטרומענטן, ווען איר זאָלט אונדז געבן די רויטאַרמייער, וואָלטן זיי אַלץ אויפגעגראָבן אין צוויי שאָ.

— נו, גוט, לאָמיר, עי, יאַטן, ווער וויל צוהעלפן?

ס'האָבן זיך געפונען גענוג פרייוויליקע. זינקענדיק ביזן גאַרטל אין שניי, זיינען די פרויען אַוועק צו די פעלדער.

— אָט דאָ, לעבן אָט דעם קוסט.

— וואָס רעדסטו, מאַמע, ס'איז גאָר פון דער זייט, פון דער זייט!

— און דו מיש זיך ניט, ביסט נאָך אַ שנעק. וואָס זשע איך געדענק ניט?

— שעכט דאָס שעפעלע, נישקאָשע פון אַ שעפעלע, קאָכט עס אָפּ אין קעסל, וועט זיין וואָס אָפּצועסן. — האָט דער הינקענדיקער אַלעקסאַנדער איינגערעדט זיינע געסט.

— איר האָט דאָך אָבער ניט מער ווי דאָס איינע שעפעלע!

— יאָ, דאָס איינע... געווען מער, האָבן די דייטשן אויסגעשאָכטן. בלויז אָט דאָס איינע געבליבן.

— וואָס מיינט איר, מירן באַ אייך צונעמען די לעצטע שאָף? ניין, דאָס טויג ניט.

ער האָט מיט געבעט צונויפגעלייגט די הענט:

— זין טייערע, באַליידיקט מיך ניט... איך גיב עס פון גאַנצן האַרצן, פון דער גאַנצער נעשאָמע. מיט וואָס דען וועל איך אייך אויפנעמען? מער ווי דאָס איז ניט געבליבן... זאָגט מיר ניט אָפּ, באַליידיקט מיך ניט...

די דאָרפס־ווייבער האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די באַהעלטענישן, פון די בוידעמער, פון אונטער די דילן אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געהאַט. פּעטס פון כאַזיירים, וואָס זיינען נאָך אין האַרבסט געשאָכטן געוואָרן; בינטלעך קנאָבל, וואָס די דייטשן האָבן ניט געטשעפּעט; אַ פלאַש האָניק און אפילע סעמעטשקעס. באַ וועמען ס'איז נאָך געבליבן אַ קו, איז זי אין איילעניש אויסגעמאָלקן געוואָרן, קעדיי אָפּצוטראָגן די מילך די פאַרוואונדעטע.

די פאַרוואונדעטע זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין צוויי צימערן

פון דעם דאָרף־סאָוועט. דאָרט איז שוין געווען באַשעפטיקט פּראָסיאַ, וועמען אַלע האָבן איצט מעקאַנע געווען: זי האָט אַמאָל געענדיקט סאַני־טאַר־קורסן. ווי אַ וויכטיקער מענטש, איז זי געלאָפן פון צימער צו צי־מער אין אַ ווייסן פאַרטעך און אַ ווייסן טיכל, וואָס האָט שטייף צונויפ־געצויגן אירע האָר. ווייבער און מיידלעך האָבן זיך געשטופּט בײַ דער טיר.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט זי פאַרבייגייענדיק געפרעגט אַ יונגער מונטערער דאָקטאָר, וואָס באַנאַכט האָט ער צוזאַמען מיט די שלאַכטלייט גענומען די קאָמענדאַנטור, און איצט האָט ער נאָר וואָס פאַרבאַנדאַזשירט אַ פאַרוואונדעטן.

— מיר ווילן העלפן... אין לאַזאַרעט...

— וואָס איז דאָ דאָ צו העלפן? אַלץ איז שוין אָפּגעטאָן, צוויי מיידלעך האָב איך צוגענומען, סאַניטאַרן האָבן מיר...

— עפּשער אויסוואַשן דעם דיל, עס איז דאָ שמוציק...

— דעם דיל? יאָ, דעם דיל וואָלט טאַקע ניט געשאַט אויסצו־וואַשן.

זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו זייערע כאַטעס און זיינען באַלד צו־ריקגעקומען מיט עמער און שמאַטעס.

— וואָס ווילט איר טאָן, זאַלבע צען וואַשן דעם דיל?

שעפּטשענדיק, קעדיי ניט צו שטערן די פאַרוואונדעטע, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קריגן צווישן זיך. ענדלעך האָבן זיי איינגעטיילט די דילן, און יעדע האָט גענומען וואַשן איר שטיקל.

— באַם פאַרוואונדעטן פאַלט אַראָפּ די קאָלדרע, און דו זעסט ניט, — האָט פּיזיטשיכע שאַרף אויסגערעדט פּראָסיאַן.

— אַז עס פאַלט, טאָ פאַריכט — האָט געענטפערט דאָס מיידל, פאַרבייגייענדיק מיט אַ טאַץ, וואָס איז געווען פול מיט בלוטיקער וואַסער.

פּיזיטשיכע איז צוגעגאַנגען צום בעטל און האָט פאַמעלעך, פליי־סיק צוגעדעקט דעם פאַרוואונדעטן די פיס און אויסגעגלייכט די קאָלדרע. און אַזוי איז זי שוין געבליבן בײַ די פאַרוואונדעטע.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט זי דער דאָקטאָר באַמערקט.

— איך פאַריכט די קאָלדרעס, די קאָלדרעס פאַלן פון זיי אַראָפּ, —

האָט זי געענטפערט מיט ווירדע, פאַריכטנדיק אַ קישן אונטערן קאָפּ פון אַ פאַרוואונדעטן.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— נו, גוט, פאַריכט, אויב איך ווילט זיך אַזוי שטאַרק.

יאָ, איר האָט זיך שטאַרק געוואָלט. אַלע האָבן געוואָלט כאָטש עטוואָס צולייגן אַ האַנט, כאָטש מיט וואָס ניט איז זיי אַרויסהעלפן: דער־לאַנגען וואַסער, אויסשווענקען די קוואָרט, צעוואַשן דאָס אונטערוועש, אוועקשאַרן די האָר פון שטערן, אַכטונג געבן אַז די טיר זאָל ניט בלייבן אָפן און ניט אַנלאָזן קיין קעלט.

אין צימער אַריין האָט זיך שרעקעוודיק אַריינגעשטופּט לידאַ גראַ־כאָטש.

— איר ווילט אויך העלפן? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— אַ פרוי גייט באַ אונדז צו קינד. עפּשער וועט איר אַריינגיין, איר זייט דאָך אַ דאָקטאָר...

— אָט האָסטו דיר! איך בין דאָך אַ כירורג...

— דאָס איז גאָרניט, אַבי אַ דאָקטאָר. זי מאַטערט זיך אַזוי... אינדערפרי האָט זי געשלעפּט די טויטע דייטשן פאַר די פיס, נו... זיינען אָנגעקומען די ווייען...

— גוט, וואָס קאָן מען טאָן, מען מוז גיין, — האָט דער דאָקטאָר לוסטיק באַשלאָסן. — עס וועט געבוירן אַ נייער בירגער, דאַרף מען צוהעלפן. די פאַרוואונדעטע לאָז איך איבער אויף דיר, קוזמאַ. נו, וואו איז דאָס?

לידאַ האָט אין איילעניש אים אוועקגעפירט צו דער כאַטע פון די לעוואָניוקס. רייבנדיק די הענט פאַר קעלט, איז ער איר נאָכגעגאַנגען.

— איר וואָלט באַדאַרפט אָנטאָן הענטשקעס, ס'איז אַזאַ פראָסט.

— נו, יאָ, געהאַט הענטשקעס, נאָר באַנאַכט זיינען זיי פאַרלאָרן געוואָרן... פאַרלאָרן, צי וואָס. איצט בין איך געבליבן אָן הענטשקעס.

זי האָט שרעקעוודיק אַ קוק געטאָן אויף אים און שנעל אַראָפּגעצויגן פון די הענט די גראָבע, האַריקע הענטשקעס, וואָס זי האָט אַליין אויס־געשטריקט און אויסגעהעפּט באַ די זוימען מיט רויטע און בלויע קוויטן.

— וואָס טוט איר, וואָס טוט איר! — האָט ער זיך פאַרטיידיקט — מיט וואָס וועט איר בלייבן?

— איך האָב אַנדערע, — האָט זי געזאָגט אַ ליגן, — כ'האָב זיי גוט באַהאַלטן, די דייטשן האָבן ניט געפונען און איר זייט דאָך אַ דאָקטאָר, איר דאַרפט האָבן די הענט.

באַמערקנדיק, אַז עס ציטערן באַ איר די ליפּן און אַז זי איז גרייט זיך צו צעוויינען, האָט ער זיך צעלאַכט:

— נו, גוט, אַז איר זייט אַזאַ איינגעאַקשנטע, גיט אַהער!

פרויען האָבן זיך געשטופּט באַ די לעוואָניוקס אין פירהויז. זיי האָבן שנעל געמאַכט אַ וועג פאַרן דאָקטאָר. זיי האָבן אים שוין געקענט, געוואוסט ווער דאָס איז.

— און דאָס קינד איז שוין געבוירן געוואָרן, — האָט איינע געזאָגט.

— אַזוי אַז מען דאַרף מיך שוין דאָ ניט.

— ניין, איר גייט פונדעסטוועגן אַריין צו איר, גיט אַ קוק. זי האָט זיך זייער לאַנג געמוטשעט, איז אין גאַנצן אָפּגעשוואַכט.

— אָט, מומעניו, כ'האָב אייך געבראַכט אַ דאָקטאָר, — האָט לידאַ געמאָלדן.

— וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו, צו וואָס אַ דאָקטאָר? אַזאַ יונגינקער, — האָט זיך די קימפּעטאָרן פאַרוואונדערט — איר גיט בעסער אַ קוק אַפן קינד, און מיר וועט גאָר נישט זיין. וואָס זשע, ס'איז דען דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב אַ קינד?

ער האָט זיך אָנגעבויגן איבער דעם וויגל.

— אַ אינגל?

— אַ אינגל, אַ אינגל. איך האָב בלויז איין מיידעלע, ניורקאַ, די אַנדערע זיינען אַלץ אינגלעך... אַזאַ איז שוין אונדזער מין...

— אַ וואוילער יונג, אַ מאָלאָדיעץ. ווי אַזוי וועט איר אים אַ נאָמען געבן?

— מיר האָבן שוין דאָ מיט די באַבעס גערעדט וועגן דעם. מיר וואָלט זיך וועלן אים אַ נאָמען געבן מיטיאַ, נאָכן עלטערן ברודער. נאָר מען זאָגט, אַז דאָס איז ניט רעכט...

— וואָס איז דען מיטן ברודער?

— דעם ברודער זיינעם, מיין עלטערן זון, האָט מען דאָך היינט באַגראָבן צוזאַמען מיט די אַנדערע... אַ כוידעש צייט איז ער געהאַנגען אױף דער טליע, געהאַנגען דער זון מיינער, און היינט האָב איך אים אַליין אַראָפּגענומען, — האָט די פרוי רואיק דערקלערט.

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרלאָרן.

— כ׳האָב ניט געוואוסט, אַז ס׳איז אייער זון...

— מיין עלטסטער, אַוודע... איז געגאַנגען צו די פּאַרטיזאַנען, נו, האָבן אים די דייטשן געכאַפּט... דער עלטסטער מיינער, דאָס זיבעצעטע יאָר איז אים געווען. האָב איך דעם קינד געוואָלט נאָך אים אַ נאָמען געבן, מיטיאַ. זאָגן די באַבעס, אַז מען דאַרף ניט, ווייס איך איצט אַליין ניט . . .

— גיט אים אַ נאָמען וויקטאָר, דער זיגער, הייסט עס — האָט דער דאָקטאָר אַן אייצע געגעבן. — ער איז גראָד היינט געבוירן געוואָרן, איז רופט אים זיגער, וויקטאָר.

די פרוי האָט אױף אַ מאָמענט אַ טראַכט געטאָן.

— נו, אויב עס מיינט „זיגער”, זאָל זיין וויקטאָר. אַ, לידאַ?

— אַז מען גיט אייך אַזאַ אייצע...

— וואָס איז דאָ דאָ לאַנג צו טראַכטן? אין גאַנצן דאַרף איז ניטאָ קיין איין וויקטאָר. איז זאָל זיין אַ וויקטאָר. פאַר וואָס זיצט איר ניט? זעצט זיך צו, זיצט אַביסל מיט אונדז.

— אַ דאַנק. איך דאַרף צוריק גיין. די פאַרוואונדעטע וואַרטן.

— איר האָט דאָך אַלעמען פאַרבאַנדאַזשירט, זאָגן די באַבעס. זיצט אַ ווײַלע. באַ אַלעמען אין די כאַטעס שטייען איין רויטאַרמייער. און באַ מיר קיין איינער ניט. און דו, לידאַ, נעם אַרויס דעם ספּירט פון שאַפקע. דאָרט שטייט אַ פלעשעלע.

— עפּשער וואָלט איר בעסער ניט געטרונקען? — האָט דער דאָקטאָר זיך דערוועגט צו באַמערקן.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— פאַר וואָס עפּעס? ווען עס קומט צו היילן פאַרוואונדעטע, זייט

איר א געלערנטער. אָבער דעם אינעווייניק פון א באבע פארשטייט איר, ווייזט אוים, ניט. א קאפּעלע ספּירט וועט יעדן אף די פים שטעלן.

ער האָט מער ניט דערווידערט. לידא האָט אָנגעגאָסן ספּירט אין א דיקער, גרינבלעכער גלאָז.

— פאַר דעם ניי־געבוירענעם. ער זאָל וואקסן און זיין געזונט...

— ער זאָל קיינמאָל אין זיין לעבן ניט זען קיין דייטשן אין זיין כאטע.

— אז מיט יעדן טאָג נאָך זיין געבורט זאָל קומען א נייער זיג.

— ער זאָל אויסוואקסן אזא ווי מיטיא...

דער דאָקטאָר איז געוועזן טויט מיד. ער איז די נאכט ניט געשלאָפן. און דער ספּירט האָט זיך צעגאָסן איבער זיין לייב ווי א ווארעמע, אָנגענעמע כוואליע, וואס האָט אים א זעץ געטאָן אין קאָפּ אריין. ער איז געזעסן אף דער באנק, און אים האָט זיך געדאכט, אז די מילכאָמע, דער קאמף זיינען געבליבן ערגעץ ווייט, ווייט. אָנגענעם האָבן זיך געווייסט די ווענט פון דער כאטע, העל האָבן זיך אויסגעטיילט די קוויטן, וואָס זיינען געווען אָנגעצייכנט אפן אויוון, און די אויסגענייטע האַנטעכער אין די ווינקלען. די שיינינקע לידא האָט צו אים געשמייכלט און אלץ איז געווען אזוי רואיק, גלייך ווי מיט עטלעכע כאטעס ווייטער, וואָלטן ניט געלעגן קיין פארוואונדעטע, גלייך ווי עס וואָלט ניט געווען קיין פרישאויסגעוואקסן בערגל איבער דער ברודער־קייווער אפן דאָרפס־פּלאץ לעבן דער קירך; גלייך ווי ס'וואָלט ניט געווען דער שרעקלעכער וועג, מיט וועלכן ער איז געגאנגען זינט דעם ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע.

— לידא, ווייז נאָר דעם דאָקטאָר דאָס בילד, דאָרט, הינטער דער איקאָנע. ווייז... דער דאָקטאָר האָט גענומען אן אָפּגעבליאקעוועטע פאָטאָגראפיע. פון דאָרטן האָט טראָציק געקוקט א אינגליש פּאָנעם, א פּראָסטער געווינלעכער פּאָנעם פון א דאָרפישן באָבער.

— אפן פראָסט האָט ער זיך אזוי פארענדערט, אז מ'האָט אים ניט געקענט דערקענען. און פריער איז ער געווען אָט ס'ארא... — האָט די מוטער רואיק דערקלערט.

און דער דאָקטאָר האָט זיך דערמאָנט אין זיין מאמען. אירע ציטערדיקע, ווייכע הענט, ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט אים; איר שטים, וואס

האָט זיך פאַרהאַקט; אירע גרויסע אויגן, וואָס זיינען פאַרטונקלט געוואָרן פון אויפרודערונג. ער האָט זיך דערמאָנט אין די נעכט, פול מיט שווערע געדאַנקען, און דעם שרעק, וואָס ער האָט ניט געקענט בייקומען, — דעם שרעק פאַר יעדן נייעם טראַנספּאָרט פאַרוואונדעטע, פאַר בלוט, יעסורים, טויט. „נערוון", האָט ער צו זיך געזאָגט אין אַזוינע פאַלן. נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. די נערוון זיינען געבליבן נערוון און זיך געלאָזט פילן אַלץ שטאַרקער. אָנשטאָט געקרעפטיקט צו ווערן אין לויף פון דער מילכאָמע, זיינען זיי אַלץ מער צעשרויפט געוואָרן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אַף דער געווינערן. זי איז געלעגן אָפּגע־וואָרפן אַף דעם געקעסטלטן, ראָזעווע קישן. די גלאַט־צוגעקעמטע האָר האָבן אַרומגעזוימט איר רואיקן פּאָנעם. אַ גאַנצן כוידעש האָט אָט די פרוי געהערט ווי עס וואָיעט דער ווינט, ווי ער וויגט דעם קערפּער פון איר עלטערן זון. אַ גאַנצן כוידעש איז זי מיט אירע קינדער אויסגעגאַנגען פון הונגער און שרעק. אַ שוואַנגערע, האָט זי געטראָגן צו דעם קייווער־גרוב דעם קערפּער פון איר זעכצניאָריקן זון, וואָס זי האָט אַראָפּגענומען פון דער טליע, און דערנאָך איז זי אַוועק אַהיים צו־גיין צו קינד. און אָט רעדט זי מיט אים רואיק, איז אים מעכאַבעד מיט די לעצטע טראָפּן ספּירט, וואָס איר האָט זיך איינגעגעבן צו באַהאַלטן פון די דייטשן.

די פרויען זיינען פון פירהויז אַריין אין שטוב און האָבן זיך אויס־געזעצט אַף די בענקלעך. ער האָט זיי באַטראַכט מיט זייטיקע בליקן. אַלע האָבן זיי אַ כוידעש צייט געלעבט אונטערן דייטשישן יאָך, אונטער דער דייטשישער בייטש. זייערע מאַנען און זייערע זין זיינען ווייט, אַף דעם פראָנט. קיין איינע פון זיי ווייסט ניט, צי אירע נאָענטע לעבן נאָך אָדער זיי זיינען שוין מער ניטאָ אַף דער וועלט. אַלע האָבן זיי דורכגעמאַכט די פרעסט פון אָט דעם שרעקלעכן ווינטער, דעם הונגער, וואָס די דייטשן האָבן מיט זיך געבראַכט. אַסאַך פון זיי האָבן געהאַט סיניאַקעס פון קלעפּ מיט דייטשישע קאָלבעס. נאָר דאָס אַלץ האָט מען באַדאַרפט וויסן, ווייל לויט זייער באַנעמונג האָט מען דאָס ניט געקענט באַמערקן. די פּנעמער זיינען געווען רואיקע, ניכטערע, פול מיט ווירדע, וואָס האָט געפלאָסן פון געהיימע קוואַלן, פון די סאַמע טיפענישן פון האַרצן.

„פּויערטעס", האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און אָט דאָס וואָרט האָט

איצט פאר אים באקומען עפעס א נייע באפארבונג, א נייע באדייטונג.

— ווען ס'וואלט געווען נאך אביסל ספירט, וואלטן מיר נאך אמאל אויסגעטרונקען, צו מיטיאס אנדענק, — האט לעוואניוטשיכע שטיל געזאגט.

— נו, צו וואס — האט זיך שארף אריינגעמישט טערפעליכע — מיר וועלן אים אזוי אויך געדענקען, אן דעם אנדענק. ניט עמעס, באבעס?

— ווי קאן מען ניט געדענקען?

— און אף זיין פלאץ איז פאראן וויקטאר. ער וועט אויסוואקסן, ווי מיטיא, און ארבעטן ווי ס'באדארף צו זיין. און אז מען וועט דארפן, וועט ער אוועקגעבן זיין לעבן פארן פאטערלאנד אזוי ווי מיטיא.

דער ספירט האט ארומגעוויקלט דעם מארך מיט א לייכטן אנגענעמען נעפל. ס'האט זיך געוואלט זאגן צו אט די פרויען עפעס א גוטווארט, עפעס אנגענעמעס, און צו דער זעלביקער צייט האט זיך דאס הארץ צונויפגעדריקט מיט אן אומבאשרייבלעכן מיטלייד צום אינגל וואס איז אומגעקומען אף דער טליע, און צו דער מוטער, וואס האט אים אליין ארויסגענומען פון דער פעטליע, — זיין הארץ האט זיך צונויפגעדריקט פון מיטלייד צו זיי אלעמען, וואס האבן דורכגעמאכט אזוי פיל יעסורים.

— דו ביסט שיקער, — האט ער צו זיך געזאגט שטרענג, נאר דאס האט ניט געהאלפן, און זיינע אויגן האבן זיך פארצויגן מיט טרערן.

— וואס איז אייך? — איז לידא געווארן אומרואיק.

— ס'איז א ראכמאנעס — האט ער קוים ארויסגעמורמלט, פרואוונדיק זיך באהערשן.

לעוואניוטשיכע האט אים אויפמערקזאם באטראכט מיט אירע קלוגע, טונקעלע אויגן.

— נישטא וואס ראכמאנעס צו האבן. די צייט איז ניט אזא, אז מען זאל ראכמאנעס האבן — האט זי שטיל געזאגט, — ניטא מיטיא, איז דא וויקטאר. דאס פאלק איז בא אונדז א קרעפטיקס. פון דער ערד ארויסגעוואקסן... האק אויס א בארנבוים און איידער דו וועסט זיך אומקוקן, וועט פון דער ערד ארויסשפארן א נייער שפראץ און וועט זיך א שטרעק טאן צו דער זון... מיטיא איז נישטא, אנדערע זיינען אומגעקומען,

אָבער די ערד איז געבליבן און דאָס פֿאָלק איז געבליבן... אויך אונדז האָט זיך נישט איינמאָל געדאַכט, אַז ביז מיר וועלן זיך דערוואַרטן, וועט מען אַלעמען אויסהאַרגענען, און דאָ האָבן מיר זיך דערוואַרט... דאָס פֿאָלק וועט אַלץ אַריבערטראָגן... ניין, די דײַטשן קאָנען אונדזער פֿאָלק ניט איינבייסן...

דער טומאַן פֿאַר די אויגן איז געוואָרן שיטערער און האָט זיך צעזייט. אָט די פֿויערטע האָט געענטפֿערט אַף זײַנע שווערע, פֿאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען, וואָס האָבן אַזוי פֿיל מאָל געמאַטערט דעם דאָקטאָר — געענטפֿערט רואיק, פּאַשעט, פֿויעריש... און ער האָט זיך פֿאַרשעמט...

— יאָ, יאָ...

— און איר זײַט אַ יונגינקער. אייך איז שווער. נישקאָשע. דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן. איר וועט לעבן רואיק, היילן קראַנקע, און מיר... מיר וועלן טאָן אונדזער אַרבעט.

ער איז אויפֿגעשפּרונגען. זיך דערמאָנט, אַז ער איז פֿאַרזעסן.

איבערן דאָרף האָבן זיך געהערט שטימען. ערגעץ הינטער די כאַטעס, ניט קוקנדיק אַפֿן פֿראָסט האָבן מיידלעך געזונגען. צו זיי זײַנען צוגעשטאַנען מענערישע שטימען. דאָס ליד האָט זיך צעגאָסן אין דער אייזיקער לופֿט, אין דער לויטערער בלויקייט, וואָס איז ניט געשטערט געוואָרן דורך דעם מינדעסטן ווינטל. דאָס ליד האָט זיך געטראָגן אין דער הויך, געקלונגען ווי אַ שפּיל־פֿייגעלע, ווי אַ באַלוינונג פֿאַר אַ גאַנצן כוידעש שווייגן, וואָס האָט זיך ווי אַ טאַכריכים־צודעק אוועקגעלייגט אַפֿן דאָרף.

„ליגט דער געליבטער אַף דער רעכטער האַנט,
כ'האָב מוירע אים צו וועקן...״

האָבן מיט הויכע שטימען אויסגעצויגן די מיידלעך. קרעפֿטיקע שטימען פֿון רויטאַרמייער האָבן זיי אונטערגעהאַלטן.

דאָס דאָרף איז געוואוינט צו זינגען לידער. מיט אַ ליד האָט מען אין דאָרף באַגעגנט דעם באַגינען, מיט אַ ליד זיך געזעגנט מיטן פֿאַרגייענדיקן טאָג, מיט אַ ליד זיך אײַנגעאָרדנט אַף באַנאַכט. דאָס קלינגעוודיקע ליד האָט געהאָלפֿן אַראָפּנעמען דאָס ווייץ פֿון פֿעלד, געהאָלפֿן צונויפֿשפּאַרן דאָס דופּטיקע היי, געהאָלפֿן די קינדער פּאַשען די קי און

די מענער — דרעשן די טוואוע. אונטער די קלאַנגען פון ליד איז דאָס מיידל געגאַנגען צו איר כאַסענע, מיט לידער האָט מען זיך געזעגנט מיט די געשטאָרבענע, מיט די, וואָס האָבן פאַרלאָזט די וועלט. געווען לידער אַלערליי — טרויעריקע, ליפּע־ביימער באַם וועג; און געווען ליי־דער פריידיקע, נייע, געבוירן פון דער איבערגעלעבטער מינוט. די מענטשן זיינען געווען געוואוינט צו פאַרייניקן דאָס ליד מיטן לעבן און דאָס לעבן מיטן ליד.

א גאַנצן כוידעש האָבן געשוויגן די ליפּן אין דאָרף; א גאַנצן כוי־דעש האָט קיין איין מאָל פון זיי זיך ניט אַראָפּגעריסן און זיך ניט צעקלונגען קיין ליד. ס'האָבן געשוויגן די כאַטעס, עס האָט געשוויגן דער שליאַך, ס'האָבן געשוויגן די סעדער.

און איצט האָט מען ווידער געקאָנט זינגען. האָבן זיך די מיידלעך צעזונגען איבערן גאַנצן דאָרף, איבער די ווייטע שנייאיקע שטרעקעס — געזונגען דאָס אייגענע, דאָס נאָענטע ליד וואָס רייסט זיך ארויס פון האַרצן. די לידער האָבן זיך געגאָסן איינס נאָכן אַנדערן. אי איבערן טאָל, אי באַם שליאַך, אי אַף דעם דאָרפס־פּלאַץ פאַרן דאָרף־סאָוועט, וואו דער הינקענדיקער אַלעקסאַנדער איז אַרויפגעקראָכן אַף א לייטער און גענומען צושלאָגן א גרויסן שילד מיט דער אויפשריפט: „דאָרף־סאָוועט". קינדער זיינען געשטאַנען אין א כאָפּטע און מיט פאַריסענע קעפּ געקוקט אַף דער באַקאַנטער אויפשריפט, אַף די באַקאַנטע בוכשטאַבן. אינעווייניק האָבן דאָרפסלייט אין איילעניש אָפּגעראַמט די שפּורן פון דער באַנאַכטיקער שלאַכט. מיט ברעטער פאַרקלאַפּט די לעכער אין די ווענט, וואָס די דייטשן האָבן געהאַט אויסגעהאַקט און אַרויסגעטראָגן די זעקלעך מיט זאַמד. די דאָרפס־ווייבער האָבן מיט געשפּייען פון עקל אָפּגעוואַשן פון די דילן דאָס דייטשישע בלוט.

— ס'זאָל ביזן אָוונט קיין שפּור ניט בלייבן, — האָט איינע גע־זאָגט, און אַלע האָבן זי היים אונטערגעהאַלטן.

גראָד אָט דאָס איז געווען אַלעמענס הייסער באַגער — אַז שוין אין דעם ערשטן טאָג, נאָך איידער די זון פאַרגייט, איידער עס קומט אָן די נאַכט זאָל אין דאָרף ניט בלייבן קיין סימען פון דער דרייסיק־טאָגי־קער דייטשישער הערשאַפט. עמעצער האָט אַף דער אייגענער איניציא־

טיוו אָנגעהויבן פאַנאַנדערנעמען די טליע אַף דעם דאָרף־פּלאַץ, זיך גע־מאַטערט אויסצוגראָבן די סלופּעס פון דער פאַרפרוירענער ערד, נאָך עמעצער האָט שוין געבראַכט צו טראָגן אַ זעג קעדיי זיי אָפּצוזעגן גלייך מיט דער ערד. די דאָרפס־ווייבער האָבן שוין געוויסט די אָפּגעלאָזענע כאַטעס, ארויסגעטראָגן פון די פירהייזער, אדויסגעשליידערט מיט די לאָ־פּעטעס און היי־גאָפּלען דאָס דייטשישע מיסט.

די אַרבעט האָט געקאָכט ווי אין צייט פון שניט.

— אַז ס'זאָל קיין סימען ניט בלייבן — האָבן די באָבעס געזאָגט, בעיים זיי האָבן געשייערט די דילן, געווייסט די ווענט.

— אַז עס זאָל קיין סימען ניט בלייבן, — האָבן נאָכגעזאָגט די קינדער, בעיים זיי האָבן צונויפגעקליבן שטיקלעך אייזן, ליידיקע פּאַט־ראָנען, שטיקלעך דייטשישע מונדירן בּאַ דער קאָמענדאַנטור און לעבן דער באַטאַריע.

בראָדזשענדיק ביזן גאַרטל אין שניי האָבן רויטאַרמייער געצויגן טעלעפאָן דראָטן: לייטענאַנט שאַלאָוו האָט גלייך גענומען איינשטעלן טעלעפאָן־פאַרבינדונג. אין דער געבײדע, וואו ס'איז פריער געווען די שקאָלע, איז אָנגעגאַנגען אַן אויספרעג פון די דייטשישע געפאַנגענע. די דאָרפסלייט האָבן שטאַרק געוואָלט הערן וואָס דאָרט קומט פאָר, נאָר זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ מיליטערישער איניען און מען דאַרף זיך ניט פּלאָנטערן פאַר די פיס.

— מע ניאַנטשעט זיך מיט זיי, — האָט טערפּעליכע זיך געקאָכט, — פרעגן און אויספרעגן! באַדאַרפט זיי ארויסנעמען הינטערן שטאַל און — אַ קויל אין קאָפּ!

— אַסאַך פאַרשטייט איר! מען דאַרף דאָך אַלץ ארויסקריגן בּאַ זיי, אַניט וואָס?

— נו, זאָל מען, אָבער נאָכדעם — ניט אַנדערש ווי אַ קויל אין קאָפּ!

— געפאַנגענע? ווער שיסט דען געפאַנגענע?

טערפּעליכען האָט ווי מיט אַ מעסער אַ שטאָך געטאָן.

— אָט האָסטו דיר, געפאַנגענע! דו האָסט געזען וואָס זיי טוען מיט אונדזערע געפאַנגענע? הער אַ מאַיסע געפאַנגענע! כ'וואָלט זיי אין

סמאָלע געקאָכט, די פעל וואָלט איך פון זיי אַפּגעשונדן! און מיר — גאָרניט! מיר האָבן זיי זייער העפלעך פאַרשפאַרט און דאָס אַלץ!

— דאָס געוועגדט זיך שוין ניט אָן אונדז, — האָט פעלטשאַריכע זיך געשפּאַרט, — אַזאַ איז דער קריגס־געזעץ, געפאַנגענע דאַרף מען לאָזן לעבן...

— קריגס־געזעץ, קריגס־געזעץ! וואָס פאַר אַ קריגס־געזעצן זיינען איצט דאָ? עפשער זיינען זיי געווען אין יענער מילכאָמע, אָבער ניט איצטער. איז עס קריגס־געזעץ צו הארגענען קינדער, צו מאַטערן מענטשן?

יענע האָט אַ זיפץ געטאָן.

— מיר דערציילסטו דאָס? ווייסט דאָך אַליין וואָס זיי האָבן מיט מיר געטאָן.

— אָט דערפאַר איז מיר טאַקע אַ כידעש וואָס דו שטעלסט זיך אַזוי איין פאַרן קריגס־געזעץ. קריגס־געזעץ — דאָס איז פאַר שלאַכטלייט, און זיי זיינען דען שלאַכטלייט? לוויזיקע פריצן זיינען זיי!

פעלטשאַריכע האָט ניט געענטפערט. זי האָט אַליין אויך אַזוי געטראַכט, און אַזוי האָבן אַלע געטראַכט. נאָר מען האָט זיך געשעמט אין וואָס ניט איז נאָכצוטאָן די דייטשן.

— וועט בלייבן זיצן באַ אונדז, זיך אָנפרעסן מיט אונדזער ברויט און דערנאָך אַהיימפאָרן אַ לעבעדיקער און אַ געזונטער! וועט אויסזיצן די מילכאָמע אָן אַפּגעהיטער, ווי אַ שפּאָר־קאַסע, — האָט זיך טערפּעליכע געקאָכט.

— דער לייטענאַנט, ער וועט שוין הייסן טאָן וואָס מען באַדאַרף, — האָט אַלעקסאַנדער זיך אַריינגעמישט אין דער אַמפּעריי פון די ווייבער.

— איך זאָג דען עפּעס? איך קלייב זיך ניט אַרויסצוגעבן קיין באַפעלן פאַרן לייטענאַנט...

— נאָך דאָס האָט געפעלט, — האָט אַלעקסאַנדער אַ בורטשע געטאָן און אַוועקגעהינקט אַהיים, קעדיי אויסצופאַרבן נאָך אַ שילד: „שקאָלע”. געוויס, אַזוי שיין ווי עס איז פריער געווען, וועט ער ניט אויסמאָלן, נאָר דאָס מאַכט ניט — אַבי נאָר אָפּווישן די שפּורן פון די דייטשישע לאַפּעס, אַבי נאָר אומקערן דעם דאָרף דאָס פריערדיקע אויסזען.

און פּלוצעם האָט זיך אין דער לופט, וואָס האָט געקלונגען מיט

דער רעגנבויגן

לידער, אין דער ריינער, לויטערער בלויקייט אריינגעריסן א קראַך, וואָס האָט זיך צעהילכט און צעקייקלט. דאָס ליד איז אַנטשוויגן געוואָרן, גלייך ווי ס'איז אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער ערד. די קינדער באַ די כאַטעס זיינען פאַרשטיינערט געוואָרן.

דער קראַך איז ווידער געקומען, א פאַרטויבנדיקער, א הודזשענדי־קער. דער האָריזאָנט האָט זיך צעקלונגען מיט א געקנאַל.

— הארמאַטן שיסן...

— ס'איז אין אָכאַבי, פון יענער זייט...

— אין זעלענצי...

— אונדזערע שיסן?

זיי האָבן זיך איינגעהערט. ס'האָט געקנאַלט אַן אַרטילעריע־שי־סעריי, ס'האָט זיך געקייקלט די לאַנגע עכאָ פון די שאָסן. אַלע זיינען שטיל געוואָרן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— עס גייט אָן א שלאַכט...

— אונדזערע האַרמאַטן קלאַפּן, אונדזערע...

— און פון וואַנען ביסטו דאָס אַזאַ מייוון אויף אַרטילעריע?

— איך הער דאָך, אַז דער קלאַנג קומט פון דאָרטן, פון אונדזערע.

זיי האָבן זיך איינגעקוקט אין די פּענעמער פון די רויטאַרמייער, נאָר יענע זיינען געווען רואיק. — אונדזערע, אונדזערע שלאָגן. מען דאַרף אויסבריייטערן דעם קלין.

— וואָסער קלין?

— איר פאַרשטייט, מיר דאָ זיינען דורכגעגאַנגען, אָבער הינטן און באַ די זייטן זיינען געבליבן די דייטשן.

— נו, געוויס, כ'האָב דאָך באַלד געזאָגט — א קלין! — איז טער־פּעליכע באַלעבאָט געוואָרן.

— דו, מומעניו, האָסט גאָרניט ניט געזאָגט.

— וואָס פּלוידערסטו? האָסט ניט געהערט, איז זיי ניט קיין כאַ־כעם. איך האָב באַלד געזאָגט א קלין... יעדער איינער פאַרשטייט דאָס. אַלע ווייסן דאָך, אַז אין אָכאַבי זיינען נאָך דאָ דייטשן...

— איצט וועסטו זען ווי די דייטשן וועלן עס נעמען לויפן!

— אהער? — האָט זיך אָלגא פּאַלאַנטשוק דערשראָקן.

— און אַז אַהער! — האָט טערפעליכע זיך קריגעריש אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן די זייטן, — מיר וועלן זיי שוין דאָ באַגעגענען, מירן זיי ריכטיק באַגעגענען!

— צו וואָס זאָלן זיי זיך שטופּן אַהער? דאָרט איז דאָ אַן אַנדער שליאַך, גלייך צו מאַירעוו.

— אויב עמעצער פון זיי וועט אַרויס אַ לעבעדיקער...

זיי האָבן זיך איינגעהערט. ערגעץ ווייט איז אָנגעגאַנגען אַ שלאַכט, עס האָבן געקנאַלט האַרמאַטן. די רויטע אַרמיי האָט אויסגעברייטערט דעם קלין, וואָס איז אַריינגעהאַקט געוואָרן אין די דייטשישע פּאָזיציעס.

לייטענאַנט שאַלאָוו האָט געהאַלטן אין אויספרעגן די דייטשן. זיי זיינען געשטאַנען פאַר אים אין וואַרעמען צימער און זיך געטרייסלט מיט אַ דריבנעם, נערוועזן ציטער. ער האָט געקוקט אַף זיי — די דאַרע, אָפּגעריסענע, באַדעקט מיט געשווירן, מיט איפּעשדיקע, יאַטערדיקע מאַקעס. אין צימער איז געווען וואַרעם, די לייז האָבן זיי אומדערטרעגלעך געביסן און זיי האָבן זיך פאַרגאַנוועטערהייט געקראַצט, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון דעם קאָמאַנדיר. פון קאַפּיטאַן ווערנעׄרס גאַנצן גאַרניזאָן זיינען געבליבן פינף מענטשן.

— מען דאַרף זיי אַוועקשיקן הינטערן פראָנט. וואָס וועלן מיר דאָ מיט זיי טאָן? — האָט שאַלאָוו באַשלאָסן.

— אַוועקשיקן — האָט זיך אַ קנייטש געטאָן אַ קערנדיקער באָכער, — מ׳וואָלט זיי באַדאַרפט דאָ אַפן אָרט, כאַוווער לייטענאַנט...

— וואָס פּלוידערסטו דאָרט?

— אַ שאָד זיי געבן אַ קאָנוואָי, מאַטערן די שלאַכטלייט. שלעפּ זיך מיט זיי איבערן שניי...

— שיק מיר אַהער דעם סערזשאַנט, — האָט שאַלאָוו באַפוילן, זיך ניט אַריינלאָזנדיק אין קיין דעבאַטן.

ער איז אַרויס אין פירהויז איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. אַ גאַנצע שאָ האָט ער פאַרבראַכט אין איין צימער מיט די געפאַנגענע, און איצט האָט זיך אים געדאַכט, אַז איבער אים קריכן אַרום לייז, אַז צו אים האָט זיך

צוגעקלעפּט שמוץ, אַז זיין מונדיר איז דורכגעזאַפּט מיט דעם עקלדיקן רייעך פון לאַנג ניט געוואַשענע, מיט געשווירן באַדעקטע לייבער.

שאַלאָוו האָט מיט דער פולער ברוסט איינגעאָטעמט די פּראַסטיקע לופט. די בלויקייט פון הימל האָט געלאַכט מיט זוניקן בליאַסק, זיך געפינקלט פון שטאַרקן, אַקשאַנעסדיקן פראָסט. פון ווייטע כאַטעס האָט זיך דערטראָגן אַ ליד, און שאַלאָוו איז מיטגעריסן געוואָרן פון דעם קלינגענדיקן ליד, וואָס איז געווען צערטלעך און טראַציק, אויסגעהאָדעוועט פון דעם ווינט אין די ווייטע סטעפּעס, פון דעם גערויש פון די האַסטיקע וואַסערן, וואָס לויפן אין יאַם אַריין: פון די ברייטע, פרייע שטרעקעס. אין דעם ליד האָט געקלונגען די ווייטע עכאָ פון קאָזאַקישן אויסרוף איבער די דניעפּערשע פּאָראָהעס, די בענקשאַפט פון די באָכערים־יונגען אין טערקישער קנעכטשאַפט. דער געקלאַפּ פון פערדישע קאָפּיטעס איבער די ווייטע שליאַכן. די מיידלעך האָבן געזונגען, און געדאַכט האָט זיך, אַז עס זינגט דאָס גאַנצע דאָרף, קוקנדיק אויף דער בלענדנדיקער גאָלדענער זון אויפן פּראָסטיקן הימל.

די רויטאַרמייער האָבן אַרויסגעפירט פון הויז די געפאַנגענע. אַרום זיי האָט זיך גלייך צונויפגעזאַמלט אַן עולם. די דייטשן האָבן זיך צוגעפגעדריקט אונטער די בליקן פון די פרויען, אַריינגעצויגן די קעפּ אין די אַקסלען, געציטערט פון קעלט.

— איר שיקט זיי אַוועק? — האָט טערפּעליכע געפרעגט גאָר ניט פריינטלעך.

— איך שיק זיי אַוועק אין שטאַב, — האָט שאַלאָוו געזאָגט, באַטראַכטנדיק די עטלעכע דייטשן אין די אָפּגעריסענע גרינבלעכע שינעלן.

— אָט־דאָ איז ער, דאָס איז אָט דער, וואָס האָט געהאַנגען לעוואָניוקן — האָט פעלטשאַריכע פּלוצעם אויסגעשריען.

די פרויען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין פאָרויס.

— וועלכער? וועלכער?

— אָט דער געלער, זעט, זעט! אַלע האָבן דאָך געזען, ווי ער האָט... אָט דער הויכער! — האָט זי געשריען.

— ריכטיק, טאַקע אָט־דער...

די געפאַנגענע זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן אַלץ ענגער. די פרויען

האָבן זיך אָנגערוקט, ווייזנדיק מיט די פינגער אַף אַ הויכן דייטש מיט געלע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון אונטערן היטל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי ריידן וועגן אים און איז צוריקגעטראָטן הינטער די רוקנס פון זיינע כאַוויירים.

— זע נאָר ווי ער באַהאַלט זיך עס! כאַוועך לייטענאַנט, אָט דער האָט אויפגעהאַנגען אונדזערס אַ באַכער.

— ס'אַרא באַכער! מיטקאַ איז אַלט געווען ניט מער ווי זעכצן יאָר! אַ קינד האָט ער אויפגעהאַנגען, דער סוואָלאָטש!

— העי, באַבעס, וואָס איז דאָ לאַנג צו ריידן; לאָמיר זיך אַליין אַ נעם טאָן צו אים, — האָט טערפּעליכע באַפּוילן.

די רויטאַרמייער האָבן זיך אומזיכער אַרומגעקוקט.

— וואַרט נאָר, בירגערן, וואָס פאַר אַ שטיק פּראַווען איר דאָ? — איז שאַלאָוו אין קאַס געוואָרן. — גייט אַוועק, איך בעט אייך!

— כאַוועך קאָמאַנדיר, ער וועט פון דאַנען קיין לעבעדיקער ניט אַוועק! מירן אים מאַכן אַ סאָף, און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, — האָט טערפּעליכע דרינגענדיק געפאָדערט.

דער דייטש האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, ער האָט זיך געטרייסלט פאַר שרעק, די ציין האָבן באַ אים גע־קלאַפּט.

— איך מאַך דאָ אָרדענונג, און ניט איר, — האָט שאַלאָוו שטרענג געזאָגט.

פון אויבן איז אַרויסגעטראָטן פּעאָדאָסיאַ קראַוושוק.

— און דו, האָרפּינאַ, וואָס מישסטו זיך אין יענעמס געשעפטן? וואָס פּלאָנטערסטו זיך דאָ, אַ ניט־געבעטענע? פּאַרוואָלט זיך איך דאָ מאַכן אַ יאַטקע. קאַרג געהאַרגעטע האָבן מיר דאָ געהאַט! דו מיינסט, אַז קיין קלינערע פון דיר איז שוין גאָר ניטאָ?

טערפּעליכע איז אָפּגעטראָטן אַף אַ שפּאַן און באַטראַכט פּעאָדאָ־סיאַן מיט ברייטע אויגן, ניט פאַרשטייענדיק וואָס יענע וויל.

— ווילסט אים פאַרענדיקן? מיט אַ גרינגן טויט, אַ? אַ מינוט, צוויי און פאַרטיק? פאַר לעוואַניוקן, פאַר אונדזערע קינדער, פאַר אַלע פאַרפּייניקטע וועט ער זיך צעצאַלן מיט צוויי מינוט? ניין, זאָל ער לעבן אַ ווייל. זאָל ער זיך דערוואַרטן זיין גוירל, זאָל ער אים אויסטרינקען ביזן

דעק, ביזן לעצטן טראָפּן! זאָל ער זיך אומקערן אין זיין לאַנד און זען ווי זיי אַלע וועלן דאַרפן אָפּגעבן אַ כעזשבן פאַר אַלץ! ניט נאָר פאַר לע־וואַניוקן אַליין!

— ריכטיק געזאָגט! — האָט פּעלטשאַריכע איינגעשטימט.

— ריכטיק, פּעאַדאָסיאַ! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— איין זאַך וועל איך דיר זאָגן, האָרפּינאַ, דער פון זיי, וואָס שטאַרבט איצט, געווינט דאָס גרויסע געווינס! ניין, דו לאָז אים אַ קוק טאָן ווי זייער אַרמיי וועט זיך אָנהויבן קייקלען אַף צוריק, ווי זיי וועלן לויפן, קראַפּירן פאַר הונגער, זיך וואַלגערן אין סטעפּ, ווי פון הינטער יעדן קוסט, פון יעדן וועלדל וועלן אַף זיי אַרויסשפּרינגען מענטשן מיט היי־גאָפּלען, מיט העק! ווי זיי וועלן פּייגערן אין די קאַנאַוועס און קיינער וועט זיי קיין טראָפּן וואַסער ניט געבן. זאָל ער זען, זאָל ער קוקן ווי זיינע שטעט און דערפער וועלן צעזייט ווערן פון ווינט, ווי ס'וועט אַף זייער אָרט בלייבן בלויז אַש און קראָפּעווע! לאָז אים דערוואַרטן דעם טאָג, ווען זיין אייגן וויב וועט אים פאַרשעלטן, ווען זיינע אייגענע קינ־דער וועלן זיך פון אים אָפּזאָגן! און דו ווילסט אים שענקען אַ גרינגן טויט? אַ נאַר ביסטו, האָרפּינאַ, כאָטש ביסט אַן אַלטע. שטאַרבן איז גרינג, אָבער אָט־דער־אָ זאָל לעבן, זאָל ער לעבן הונדערט יאָר! זאָל ער זיך בעטן באַם טויט, אַז ער זאָל אָנקומען, און דער טויט זאָל ניט קו־מען; זאָל זיך אַפילע דער טויט אָפּקערן פון דער דייטשישער פּאַדלע!

זי האָט זיך פאַרכלינעט מיט די רייד און איז אַנטשוויגן געוואָרן, צודריקנדיק די הענט צום האַרצן.

— עמעסע רייד, פּעאַדאָסיאַ! — האָט זי פּעלטשאַריכע אונטער־געהאַלטן און דער קרייז פרויען האָט זיך פאַנאַנדערגעעפנט.

צוויי רויטאַרמייער האָבן אַרויסגעפירט די געפאַנגענע אָפּן שליאַך. טערפּעליכע איז געשטאַנען אַף אַן אָרט און זיי נאָכגעקוקט.

— ע־עך! — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — אַ קוק טאָן אַף אייך, באַבעס, קאָן מען מיינען, אַז איר זייט ווער ווייסט ס'אַ־ראַ דערצאָרנטע, נאָר ווי שנעל עס גייט אייך אָפּ דער קאַס!

— באַ דיר קומט אויס, אַז פּעאַדאָסיאַ קראַווטשוק איז ניט דער־צאָרנט?

— איך פארשטיי ניט אירע רייד. איך גיי מיר מיט מיין סייכל, פּאַשעט.

זי איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך איינגעהערט.

— צי עס דאַכט זיך מיר, אָדער מ'האָט אַף אַן עמעס אויפגעהערט שיסן פון די האַרמאַטן?

פּוזיריכע האָט זיך אויך איינגעהערט.

— ס'איז טאַקע שטיל געוואָרן. דאָרט איז שוין לאַנג שטיל געוואָרן, און מיר דאָ האָבן וועגן אָט־די געפאַנגענע אויפגעהויבן אַ געוואַלד, אַז מיר האָבן עס גאָרנישט באַמערקט.

— וואָס־זשע קאָן דאָס זיין? די שלאַכט האָט זיך געענדיקט, צי וואָס? מ'וואָלט געדאַרפט אויסגעפינען, נאָר ווער קאָן דאָס וויסן?

— דער קאָמאַנדיר ווייסט אַוודע.

ניט בלויז די פרויען האָבן באַמערקט די פּלוצימדיקע שטילקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ווייטקייט, דאָרט וואו עס האָבן זיך געשוואַרצט די ערשטע וועלדער. שאַלאָוו איז אַלע ווײַלע אַריינגעלאָפן אין צימער. דאָרט איז דער דיזשורנער ניט אָפּגעטראָטן פון טעלעפאָן.

— קלינג, קלינג! מ'ענטפערט ניט?

— מ'הערט ניט.

— שיקט אַוועק עמעצן אַף דער ליניע, צי זי איז ניט קאַליע געוואָרן. און דו קלינג, קלינג...

ענדלעך האָט דער טעלעפאָן גענומען קלינגען. דער רויטאַרמייער האָט שנעל פאַרשריבן.

— נו, וואָס איז דאָרט?

— אונדזערע האָבן גענומען אָכאַבי און זעלענצי.

זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— דערפאַר איז דאָרט שטיל געוואָרן?

— ריכטיק.

זי האָט אונטערגעהויבן דאָס קליידל און זיך אַ לאָז געטאָן נאָכיאָגן פּוזיריכען.

— הערסט, נאַטאַלקאַ! אונדזערע האָבן גענומען אָכאַבי און זעלענצי! דער ליטענאַנט אַליין האָט געזאָגט... ווי נאָר דער טעלעפאָן האָט

א קלונג געטאָן, איז ער באַלד אַרויס צו מיר: אונדזערע האָבן גענומען אַכאַבי אין זעלענצי.

— גענומען! — האָט פּוזיריכע געזאָגט מיט א הויכער, קלינגענדי־קער שטים.

— כ׳האָב דאָך דיר באַלד געזאָגט... ווי נאָר ס׳איז שטיל געוואָרן, האָב איך געזאָגט, אַז די שלאַכט האָט זיך, ווייזט אויס, געענדיקט.

— ביסט מיר געוואָרן שטאַרק געלערנט אין מיליטערישע זאַכן.

און דער טעלעפאָן אין הויז האָט אַלץ געקלונגען. שאַלאָוו האָט הויך געשריגן אין טרייבל אַריין:

— וואו? אין וועלכער ריכטונג?

אין דאָרף האָט אַלץ גענומען קאָכן. די רויטאַרמייער זיינען זיך צונויפגעלאָפן אין איילעניש.

— וואוהין לויפט איר דאָס, וואוהין? — האָבן די ווייבער זיך גערודערט.

— באַקומען א באַפעל. מיר גייען ווייטער.

— וואוהין ווייטער?

— צו מאַירעוו, מוטער!

די פרויען זיינען צעמישט געוואָרן. ס׳האָט זיך זיי ניט געלייגט אפן קייכל. פעאָדאָסיאַ קראַווטשוק איז צוגעקומען צום לייטענאַנט:

— וואָס הייסט? דער באַרשטש קאָכט זיך, איר האָט נאָך ניט אָפּגעגעסן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין...

— נישקאָשע, מוטער, מיר זיינען ניט הונגעריק. ס׳איז געקומען א באַפעל — פאָרויס! און מיין כיילעק באָרשטש וועלן אַנדערע אויפעסן. אהער גייט אַן אַנדער אָפּטייל, זיי וועלן דאָ בלייבן ווי א גאַרניזאָן, וועט איר זיי שוין מעכאַבעד זיין.

די שלאַכטלייט האָבן זיך אין איילעניש גענומען גרייטן אין וועג אַריין, איבערגעלאָזט די לעפל אין די שיסלען, ניט דערעסענע שטיקלעך ברויט אפן טיש.

— אָך, קינדער, באַדאַרפט געווען בלייבן באַ אונדז צו־גאַסט נאָך א פּאָר טעג, — האָבן די ווייבער געזיפצט.

— א דאַנק, מיר האָבן קיין צייט ניט. צו אייך וועלן קומען אַנ־דערע און מיר דאַרפן גיין. דאָרט וואַרט מען אף אונדז.

— אוואדעווארט מען — האָבן די ווייבער געזיפּצט און זיינען ארויס אין גאַס, וואו דער אַפּטייל האָט זיך אויסגעשטעלט אין רייען.

קינד און קייט זיינען ארויס זיי באַגלייטן. די פרויען האָבן גע־זיפּצט. אנדערע האָבן געכליפּעט. סאָניע לימאַן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אפן האַלדז אַ יונגינקן רויטאַרמייער, זיך געקלאַמערט אָן אים מיט טרערן אין די אויגן.

— אָט אַ סאַנקאַ! — זיך אָפּגעזוכט אַ באָכער איינס און צוויי — האָבן די ווייבער געלאַכט.

— און דער באָכער איז אַ וואוילער. זע נאָר ס׳אַרא ברעמען!

לייטענאַנט שאַלאָוו איז איילנדיק ארויס פון הויז. דער אַפּטייל איז שוין געווען אויסגעסטראָיעט.

— פאָרויס, שאַגאַם מאַרש!

— זייט געזונט! קומט צוריק געזונט! שלאָגט זיך גוט! — האָט מען געשריגן פון אוילעם.

דער שניי האָט גענומען סקריפּען אונטער די פיס פון די מאַרשירנ־דיקע רויטאַרמייער. באַ די זייטן, פראוואונדיק גיין אין שפּאַן מיט די שלאַכטלייט, זיינען געלאָפן קינדער און פרויען, האָבן מיטגעשפּאַנט, אונ־טערהויבנדיק די לאַנגע קליידלעך.

די שלאַכטלייט זיינען אין איילעניש צוגעקומען צו אַ בערגל און האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט.

וזייט־ווייט צו מאַירעוו, האָט זיך געשפּרייט אַ בלענדנדיק ווייס־שנייאיק פלאַכלאַנד. פון דער ווייטנס, אַף דעם לויטערן הימל, האָט זיך געטונקלט אַ שמאָלער פּאַס רויך, — דאָס האָט געברענט די אומגליקלעכע לעוואָנעווקע, דאָס דאָרף, וואָס די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן פון אַלע פיר זייטן. די סרייפע האָט זיך שוין ניט איין מאָל אויסגעלאָשן, נאָר דאָס פייער האָט זיך ווידער צעברענט אפן אַש און דעמאָלט איז די לויטערע בלויקייט ווידער פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ טונקעלן רויך.

לייטענאַנט שאַלאָוו האָט פון בערגל געקוקט צו מאַירעוו. פאַר אים האָט זיך אויסגעשפּרייט דאָס שנייאיקע פלאַכלאַנד, די ענדלאָזע ערד, די אוקראַינער סטעפּעס אונטער דעם דייטשישן יאָך. אהין, צו מאַירעוו, האָט זיך געשפּרייט אוקראַינע — אין בלוט, אין פלאַמען, מיט אַ דער־שטיקטן ליד אַף די ליפּן, מיט אַ ברוסט צעפּייניקט פון דייטשישן שטיוול,

א צעדריקטע, א באשפיגענע, א געשמידטע אין קייטן. אן אומדערשראָ־קענע, א קעמפנדיקע, אן אומשטערבלעכע.

און אָט האָט ער דערזען ווי איבערן לויטערן הימל האָט ווי א לייכטנ־דיקער וועג, ווי א ליכטיקער שליאַך זיך צעוואָרפן א רעגנבויגן — א העל־לער פאַס, וואָס האָט זיך געמינעט מיט ליכט און מיט פארבן פון בלומען־שטויב: אי מיט ווילדע רויזן, אי מיט בלייכן בעז און פיאַלקעס. עס האָט געפלאַמט דאָס גאָלד פון זון־רויז־בלעטער און געציטערט דאָס גרינס פון קוים־צעעפנטע בערעזענע בלעטלעך. און אַלץ האָט דורכגענומען א וויי־כער, לויטערער בליאַסק. דער רעגנבויגן האָט זיך געצויגן פון מיזרעך צו מאַירעוו, פארבינדנדיק מיט א פלאַמענדיקער לענטע די ערד מיט די הימלען.

שאַלאָוו האָט זיך אויסגעדרייט צו זיין אָפּטייל.

— נאָך מיר, שאַגאָם מאַרש!

מיט א גלייכמעסיקן, ברייטן טראָט האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן אין פאָרויס. די באַגלייטנדיקע זיינען געבליבן אָפּן בערגל. אַלע האָבן גע־שוויגן. דער אָפּטייל איז אוועקגעגאַנגען מיטן שליאַך אין דער ענדלאָזער ווייטקייט אריין פון דעם בלענדנדיק־ווייסן פלאַכלאַנד, אין דעם שיין פון דעם רעגנבויגן.

די רויטאַרמייער זיינען אוועקגעגאַנגען צו די שטראָמעלעך רויך, וואָס האָבן זיך געזען פון דער ווייטנס איבער דער פארברענטער לעוואַ־נעווקאַ, צו די דערפער, וואָס האָבן זיך געניורעט אין די שנייאיקע הור־בעס. די ביקסן פארדריקט אין די הענט, זיינען זיי געגאַנגען אין אוק־ראַינע־לאַנד, וואָס איז געווען צעטראָטן, דערשטיקט אונטער דעם דייטשן יאָך; געגאַנגען צו דער אומבאַזיגבארער, קעמפנדיקער, אומשטערבלעכער אוקראַינע.

די דאָרפסלייט האָבן געשוויגן. ביז ווייטיק, ביז טרערן האָבן זיי אָנגעשטרענגט די אויגן, קעדיי זיי צו זען וואָס מערער, וואָס ווייטער, — ביז דער שלאַכט־אָפּטייל האָט זיך אויפגעלייזט אין דער בלויער ווייטקייט, אין דער שנייאיקער שטרעקע, אין דעם הונדערט־פארביקן אַלץ־איינשלינ־גענדיקן בליאַסק פון רעגנבויגן.

(סאָף)